STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01062

YIDN TSUM GEDENKEN

Pinhas Shtaynvaks

Permanent preservation of this book was made possible
by Sharlya & Leonard Gold
in memory of
their parents

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פנחס שטיינוואקס

יידן צום נעדענסע

בּיכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

114

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:

אבֿרהם מיטלבערג

די רשימה פון די דערשיינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

פנחס שטיינוואקס

יידן צום געדענקען

ארויסגעגעבן דורכן
צענטראַל-פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע
בוענאָס-איירעס, 1955 — תשט״ו

אינהאלט:

תקדמה — 9
ר׳ קדיש — 11
ר׳ אהרן בעל איסר — 19
ר׳ בנימין דער צער בעלי־חיימניק — 27
ר׳ בן־ציון רופט צו סליחות — 35
ר׳ שלמה בעל־תשובה — 43
ר׳ מרדכי בעל־תוקע — 51
ר׳ שמעון בעל־תפילה — 57
ר׳ יהושע גייט צו כל־נדרי — 63
ר׳ דוד אין סוכה — 73
ר׳ טוביה שיכור — 81
ר׳ ישראל בעל־נצח — 89
ר׳ חיים דער גרינער — 97
ר׳ איציקל וויין־מאַכער — 105
ר׳ נחמן לשון־הרע — 115
ר׳ שמחה — 125
ד״ר שלאָסמאַנס מקח פאַר טהרה — 133
ר׳ צדוק — 141
ר׳ געצל — 151
חבר איטשע — 159
ר׳ זלמן — 173
חבר מנחם — 183
משה קאָוולער — 195
חבר משה — 205
ר׳ לייזער — 217
ר׳ צמח — 229

ר׳ הערצקע — — — — — — — — — — — — — — — — 239
ר׳ פתחיה — — — — — — — — — — — — — — — — 247
ר׳ יונה — — — — — — — — — — — — — — — — — 257
ר׳ וועלוול — — — — — — — — — — — — — — — 263
ר׳ זרח — — — — — — — — — — — — — — — — — 273
ר׳ הערש — — — — — — — — — — — — — — — — 281
ר׳ נחום — — — — — — — — — — — — — — — — 289
ר׳ עזרא — — — — — — — — — — — — — — — — 297
ר׳ מאיר — — — — — — — — — — — — — — — — 305
ר׳ ירוחם — — — — — — — — — — — — — — — — 315

צום אָנדענק פון די קינדער:

מאירקע און בובוש

יתגדל ויתקדש שמם!

וועלכע זענען אומגעקומען אין די
היטלער־גיהנומס אין פוילן צוזאַמען
מיט מיליאָנען קדושי־ישראל.

הקדמה

דאָס דאָזיקע בוך באַשטייט פון פינף און דרייסיק אַרבעטן, פון װעלכע אַרום דרייסיק זענען געװען פאַרעפנטלעכט אין „די אידישע צייטונג״ פון בוענאָס איירעס.

דער ציל פון שרייבן די אַרבעטן איז געװען צו שילדערן געשטאַלטן פון יידישן לעבן פון נאָענטן אַמאָל, װאָס יעדער איינער פון זיי פאַרטייטשט פאַר זיך, זיין לעבנסשטייגער, זיינע זיטן, מידות און מעשים־טובים.

דאָס זענען טיפּן פון יידישן לעבן, װאָס האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט די פּאַנאָראַמע פון יידישן פאָלקס־לעבן אין די קלענערע שטעט און שטעטלעך פון די מזרח־אייראָפּעאישע ישובים פאַרן צװייטן װעלט־קריג.

די פאַרעפנטלעכטע אין דעם בוך שילדערונגען פון יידן, װעמענס לעבנס זענען פאַרשניטן געװאָרן פאַר דער צייט פון די נאַצי־רוצחים, — דאַרף דינען װי אַ התחלה פאַר װייטערדיקע אַרבעטן, װאָס זאָלן שילדערן דאָס לעבן, די מידות און מעשים פון די טויזנטער און טויזנטער יחידים, װעלכע האָבן אויסגעפילט דאָס אַמאָליקע יידישע מאַסן־לעבן אין מזרח־אייראָפּע.

די אַרבעטן אין דעם בוך זענען אומאָפּהענגיק איינע פון דער צװייטער, אַז מען לייענט איבער אַלע זעט מען, אַז עס איז דאָך פאַראַן אַ דירעקטע פאַרבינדונג צװישן זיי.

דער רוב פון די טיפּן יידן זענען בעלי־מלאכות, האַנטװערקער און אַרבעטער, װעלכע האָבן געלעבט פון זייער פּראַצע, ביי װעמען דאָס לעבן אויף דער װעלט איז נישט געװען קיין ציל פאַר זיך, — נאָר אַ מיטל זיך אַרומצורינגלען מיט מידות און מעשים טובים, װאָס זאָלן ראשית־כל צופרידנשטעלן דעם גייסט, באַפרידיקן די

נשמד־גלופטעניש, און נישט דעם חומר. יידן ביי וועמען יידיש־קייט איז געגאַנגען געפּאָרט מיט רעליגיעזן גלויבן, מיט טיפער א מ ו נ ה. יידן, וואָס האָבן פאַר פיל דורות און יאָרן אין פערמאַ־נענטן ה מ ש ך געפורעמט דאָס גייסטיקע לעבן פון יידישן פאָלקס־קיום אין מזרח־אייראָפּע.

די פאַרגעבראַכטע טיפן יידן אין דעם בוך, זענען געווען פאַר־וואָרצלט אין אַ לעבנס־שטייגער און האָבן טאָג־טעגלעך פּראָדו־צירט ווערטן, וואָס האָבן באַדאַרפט פאַרזיכערן דעם נאַציאָנאַלן פאָלקס־קיום פון מאָרגן. זאָל זייער זכר פאַרבלייבן אויף שטענדיק, פאַר אַלע אייביקייטן אַ סטימול צו פּראָדוצירן טאַטן, וואָס זאָלן אַריין אין דער טראַדיציע פון יידיש־נאַציאָנאַלן ה מ ש ך.

דאָס אַרויסגעבן די אַרבעטן אין אַ בוך־פאָרם, ווי בכלל דאָס פאַרצייכענען זיי, איז דערמוטיקט געוואָרן פון אַ צאָל חברים און גוטע פריינד. איך וויל טאַקע ביי דער געלעגנהייט אויסדריקן מיין דאַנקבאַרקייט צו דער רעדאַקציע פון „די אידישע צייטונג" אין בוענאָס איירעס, מיטן פריינד י. גלאַזער — דעם רעדאַקציע סעק־רעטאַר בראש, פאַרן סטימולירן מיך צו שרייבן די אַרבעטן.

דאָס זעלביקע וויל איך אויסדריקן צו די ח"ח: זלמן שזר (ירו־שלים), יצחק הרכבי (תל־אביב), יעקב באָטאָשאַנסקי, — פאָרזיי־צער פון ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַריין אין בוענאָס איירעס, ד"ר זשיטניצקי, י. יאַנאַסאָוויטש, ד"ר ט. קאַמענשטיין, הירש טריי־וואַקס, מרדכי קויפמאַן, ל. האַלפּערין ע"ה, ד"ר ש. סאָקאָל (ניו־יאָרק), ש. אדלער־דודעל (ירושלים), יעקב פאַלאַטיצקי, ווי אויך מאַרק טורקאָוו און אברהם מיטלבערג, די אַרויסגעבער פון דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום", פאַרן פאַרעפנטלעכן דאָס דאָזיקע בוך.

דאַנקבאַרקייט איז ביכולת קוים אויסצודריקן דעם חוב, וואָס איך בין זיי אַלעמען שולדיק.

דער מחבר

ר׳ קדיש

ויהי ביום שבת־חנוכה — פון יאָר 1939. אַ קאַלטער, פראָסטיקער טאָג, אַ ווייכער פוכיקער שניי איז געפאַלן פון הימל און באַדעקט די דאָרע צווייגן פון די שלאַנקע נאַקעטע ביימער. איבער דער וועלט האָט געהאַנגען דער תקיעת כף צווישן היטלערן און סטאַלינען, וואָס האָט געוואָרפן פּחד און שרעק אויף דער וועלט, אין דער צייט ווען ברוטאַליטעט און אכזריות האָבן פונאַנדערגעשפּרייט זייערע פליגל אין אַ טריאומף־מאַרש צו פאַרשקלאַפן די גאַנצע וועלט — האָט ר׳ קדיש אַרויסבאַגלייט זיין בן־יחיד ביז צו אַ תחום שבת און אים געהייסן אַוועקגיין, אַוועקלויפן, און זיך דערשלאָגן צו די גרעניצן פון דער פרייער וועלט, ווו יידן זענען פאַראַן, דאָרט, ווו יידיש לעבן שטייט נישט אין סכנה אומגעבראַכט צו ווערן.

דורך הינטערגעסלעך, דורך אַ זייטיקן וועג, וואָס האָט געפירט פון יואל משהס האָלץ סקלאַד צו בנימס גאַרבעריי, לענג אויס די קרייד־בערג איז ר׳ קדיש געגאַנגען מיט זיין זון, ביידע האָבן צווישן זיך אַ וואָרט נישט גערעדט, פאַרשטייפטע ליפּן ביי ביידן. די פאַרע זאָל נישט אַרויס. מיט אייליקע טריט זענען זיי געגאַנגען, אַלעמאָל געוואָרפן אַ בליק פון הינטן צי קיינער האָלט נישט קיין אויג און געשפּאַנט פאַראויס, ביז זיי זענען צוגעקומען צום פאַרקאַן פון דער גאַרבאַרניע, ווו עס האָט זיך געענדיקט דער שבתדיקער עירוב.

טאַטע און זון האָבן זיך געזעגנט, אַ וואַרעמער האַנט־דרוק פון טאַטן, וואָס האָט דערביי געזאָגט: „גיי מיין קינד דאָרט, ווו עס וועט זיין נצח ישראל, דער רבונו של עולם זאָל זיין דיין וועגווייזער. איך וואָלט מיט דיר מיטגעגאַנגען, אָבער איך קאָן דער פאַראַליזירטער מאַמען נישט לאָזן אויף הפקר. מיר וועלן שוין דאָ בלייבן, אָדער דער בורא עולם וועט פון אונדז צונעמען דאָס לעבן, אָדער אונדז וועט, חלילה, אויסקומען אונדזער לעבן אַוועקצוגעבן צו די תלינים. אפשר וועט זיך דאָך אויף אונדז גאָט פרייער מרחם זיין און נישט איבערענטפערן אונדז אין די הענט פון די גזלנים״.

לאַנג, לאַנג איז ר׳ קדיש געשטאַנען ביים עירוב פון תחום־שבת און

מיט פאַרוויינטע בליקן נאָכגעפאָלגט די אייליקע טריט פון זיין בן־יחיד. אַזוי לאַנג געשטאַנען און געקוקט ביז דאָס אויג האָט שוין ווייטער נישט געקענט זען. דער בן־יחיד איז ר׳ קדישן פאַרשוווּנדן פון אויג. ער איז אָבער פאַרבליבן ביי אים אין האַרצן, מיטן האַרץ האָט ער אים געזען, מיטן האַרץ איז ער מיטגעגאַנגען דעם גאַנצן וועג, באַגלייט מיט תפילות, מיט השתפכות הנפש, מיט דביקות, ס׳זאָל חלילה דעם בן־יחיד אויפן וועג גאָר נישט געשען, ער זאָל בשלום איבערקומען דעם סכנותפולן וועג און זיך קאָנען מצרף זיין צום נצח ישראל!

דעם וועג אויף צוריק איז ר׳ קדיש געגאַנגען מיט דער ברייטער גאַס, וואָס האָט געפירט צום כאַלדויסקן בית־המדרש, בכדי צו פאַרווישן יעדער שפור פון זיין אַנטלאָפענעם זון. אין בית־המדרש האָט ר׳ קדיש שוין גע־דאַווענט מנחה, אַריינגעקוקט אין אַ ספר און שפּעטער אויך שוין דאָרט גע־דאַווענט מעריב. איז אַהיימגעקומען צו זיין קראַנקער פרוי, געמאַכט הבדלה, און קיין וואָרט נישט דערציילט, אַז דער בן־יחיד איז אַנטלאָפן. ער האָט נישט געוואָלט פאַרשאַפן קיין צער דער קראַנקער מאַמען, נישט פאַרגיסן איר קיין טרערן, נישט אַרויסרופן ביי איר קיין מחשבות: „ווער ווייסט צי זי וועט נאָך אין לעבן קאָנען זען איר בן יחיד״.

די נאַכט איז ר׳ קדיש נישט געשלאָפן, האָט נישט צוגעטאָן קיין אויג, איז געזעסן און געזאָגט תהילים, געלערנט אַ בלאַט גמרא, אַ פּרק משניות, געשטאַנען ביים ספרים־אַלמער און אַלע מאָל אין האַנט אַריין גענומען אַן אַנדער ספר, צווישן איין ספר און אַנדערן געזאָגט פאַרן זון וועגן תפילת הדרך און נאָכגעזאָגט אַ קאַפּיטל תהילים.

אַז די נאַכט איז אַריבער, האָט ר׳ קדיש פרייער אָפּגעאָטעמט, עפּעס איז אים לייכטער געוואָרן אויפן האַרצן, איז אַריינגעפאַלן אין אַ שטימונג פון טרוים, אַט איז דער זון שוין בשלום אַריבער די גרעניץ, איז שוין אויסגעלייזט געוואָרן פון די תלינים, און נייע, בעסערע צייטן וועלן קומען. בכלל איז ר׳ קדיש אין זיין לעבן אַ סך געוועזן פאַרנומען מיט טרוים. אין טרוים איז אים דאָס לעבן געווען העלער, אין טרוים איז פאַר אים דאָס לעבן געווען בעסער.

ר׳ מענדל סופר האָט אין גערער שטיבל דערציילט, אַז ר׳ קדיש איז געבוירן געוואָרן אַלס בן זקונים ביי ר׳ מאירן. ער האָט זיין בן זקונים אַ

נאָמען געגעבן קדיש, ווייל לויט קבלה איז דאָס וואָרט קדש מכון — בטחון, האָפענונג, אויך בטחון־זיכערקייט. אַלזאָ, דער נאָמען קדיש האָט פאַר ר׳ מאיר באַדייט האָפענונג און גלויבן אין אייגענעם אריכת ימים, ער זאָל זיין בכוח צוזאַמען מיט זיין ווייב גאָלדע אויסצוהאָדעווען דעם בן־זקונים און אים מגדל זיין לתורה, לחופה ולמעשים טובים, אַזוי ווי די תורה האָט געבאָטן.

ר׳ יהונתן פאפּראשניק ווידער האָט דערציילט, אַז ר׳ מאירס עלטע־רע צוויי זין זענען אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע און ער האָט שטאַרק איבער־געקלערט וועגן אַ קדיש־זאָגער נאָך זיין טויט. אַז דער רבונו של עולם האָט אים אויף די עלטערע יאָרן מזכה געווען מיט אַ בן־זקונים, האָט ער אים דערפאַר אַ נאָמען געגעבן קדיש.

די מעשה מיט אַ נאָמען געבן דעם בן זקונים קדיש האָבן סיי ר׳ מענדל סופר און סיי ר׳ יהונתן פאפּראשניק דערציילט, בעת מען האָט אין גע־רער שטיבל אויפגערופן צו מפטיר קדישן דעם בר־מצוה בחור. דער יעמוד־זאָגער איז געווען ר׳ מענדל סופר און דער בעל קורא ר׳ יהונתן פאפּראָש־ניק. נאָך מוסף, בעת חסידים האָבן זיך משמח געווען מיט לעקאָך און בראָנפן לכבוד דעם בר־מצוה פון ר׳ מאירס בן־זקונים, נאָכן אויסהערן דאָס בר־מצוה פשטל וואָס קדיש האָט געזאָגט צווישן איין גלעזל משקה און דאָס צווייטע, איז מען אַרויף אויף אַ תורה־ויכוח, וועגן דעם נאָמען קדיש. וועגן קדושה בכלל, וויפיל מאָל עס ווערט אין דער תורה דער־מאָנט דאָס וואָרט קדיש, וועגן קדושת שבת און קדושת יום־טוב, און בכלל וועגן אַלץ וואָס האָט צו טאָן מיט קדושה.

ר׳ מאיר האָט מיט גרויס נחת זיך צוגעהערט צום גאַנצן ויכוח און צו די מעשות, וואָס ר׳ מענדל סופר און ר׳ יהונתן פאפּראשניק האָבן דער־ציילט. כאָטש אַ ייד אַ למדן און אַליין דער נאָמען־געבער פאַרן זון, האָט ער, אָבער קיין אָנטייל אין דעם גאַנצן שמועס נישט גענומען. אָנשטאָט אים האָט ער בעסער געלאָזט ריידן זיין בן־זקונים, טאַקע זיין קדישל, וועלכער האָט מיט איין פסוק געמלעך: אני אדוני מקדשכם — איך גאָט, מאַך אייך הייליק — אָפּגעשטעלט אַלע דיבורים, סיי פון ר׳ מענדלען און סיי פון ר׳ יהונתן, וועגן זייער פאַרטייטשונג, הלמאי, זיין טאַטע, ר׳ מאיר האָט אים אַ נאָמען געגעבן קדיש.

נאָך בר־מצוה איז ר׳ קדיש אַוועקגעפאָרן לערנען אין סלאבאָ־קער ישיבה, דאָרט געשלונגען תורה מיט גרויס התמדה. חוץ דעם שיעור אין ישיבה איז ער נאָך געגאַנגען הערן תורה פון ר׳ יצחק אלחנן, דעם דעמאָלסדיקן קאָוונער רב. אין בית מדרש פון דער סלאבאָדקער ישיבה איז קדיש געזעסן יומם ולילה און געלערנט, האָט פאַרקירצט דעם שלאָף, אָפּגעפּטרט דעם עסן מיט שהי־פהי, מיט אַ קלייניקייט, אַבי נאָר די נשמה צו דערהאַלטן און זיך אין גאַנצן איבערגעגעטפערט אין די הענט פון תורה ודעת.

דאָס לערנען איז קדישן נישט אָנגעקומען שווער. ער האָט מיט זיין פלינקן קאָפּ אויפגעכאַפּט אַלע פלוגתאס פון די תנאים און אמוראים, האָט זיך לייכט אַן עצה געגעבן מיט אַ שווערער סוגיה, האָט געאיבט זיין מוח אין שאלות און תשובות, און אין משך פון אַ קורצער צייט געווען קלאָר אין ש״ס און אין פוסקים. שווער איז אים געווען מיט דער צייט. תמיד האָט אים אויסגעפעלט אַ נאַכט אויף אַ משמור, אַט האָט מען אָפּגעדאַוונט מעריב, אַט איז די זון אין פלאַמען פאַרגאַנגען, און אַט איז שוין ווידער טאָג, און וואָס האָט ער דען באַוויזן אין משך פון דער נאַכט, אַפילו קיין פרק פון דער מסכתא נישט פאַרטיק געמאַכט, און צו לערנען איז דאָך פאַראַן אַזוי פיל, אַזוי פיל, פלעגט ער צו זיך אַליין ריידן, ווי געוואָלט זיך אַראָפּריידן פון האַרצן, עפּעס האָט אים פאַרפאָלגט אַ געפיל, אַז ער באַדאַרף שלאָגן צייט, אַז ער מוז וואָס מער אַריינכאַפּן אין לערנען, ווייל אל תפתח פה לשטן, עס קאָן חלילה קומען אַ מכשול, וואָס וועט אים פון דער ישיבה אַוועקרייסן.

קדיש האָט זיך אין זיין געפיל נישט גענאַרט. נאָך עטלעכע יאָר לערנען אין סלאָבאָדקע איז צו אים אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע, אַז דער טאַטע איז אַ נוטה למות און באַדאַרף גלייך קומען אַהיים. שווער איז געווען פאַר קדישן זיך צו שיידן מיט דער ישיבה, ווו ער האָט אַזוי פיל תורה און דעת איינגעזאַפּט אין זיין מוח, ווו ער האָט זיך באַקאַנט מיט די פערל פון תלמוד, מיט הלכה און אגדה. עס איז אָבער פאַר קדישן ניט געווען קיין צייט אויף קיין באַטראַכטונגען, אויף שנעל איינגעפּאַקט די בגדים אין זיין שטרויענעם רייזע־קערבל און אַהיימגעפאָרן, געקומען צו דער לויה, געזאָגט קדיש ביים קבר, און גלייך נאָך שבעה איבערגענומען

דעם עול, מפרנס צו זיין דער מאַמען מיט אַ נאָך נישט חתונה געהאַטע שוועסטער.

וואָס טוט מען דען נישט צוליב פּרנסה, מען גייט אפילו אויף די דערפער; אַזאַ פאָלקס־ווערטל האָט מען באַנוצט אין שטעטל. ר׳ קדיש איז געוואָרן אַ דאָרפס־גייער, געגאַנגען איבער די דערפער, מיילן גע־מאָסטן צופוס, האָט אויפגעקויפט ביי די פּויערים פעלבלעך פון יאגד, אַלטע פעלצן, אַלטע שטיוול, וואקס פון די בינשטאָקן, שעפּסענע און רינדער פעל, פעל פון שחיטה, און להבדיל, פעל פון הריגה, און אַנדערע חפצים.

זונטיק אינדערפרי, זומער און ווינטער, אין קעלט און אין היץ, אַוועקגעגאַנגען צופוס און געוואַנדערט פון דאָרף צו דאָרף, די אויפגע־קויפטע זאַכן אין אַ זאַק געטראָגן אויף די פּלייצעס, אָפּגעקומען מיט אַ שטיקל טרוקן ברויט און אַביסל וואַסער מיט זאַלץ, געשלאָפן אויף דער ערד, און פרייטיק געקומען אין שטעטל אַריין מיט די איינגעקויפטע זאַכן, זיי באַלד פאַרקויפט און פון די מאָגערע פאַרדינסטן זיך מיט דער פאַר־יתומטער משפחה מפרנס געווען.

ביי דער פּרנסה פון דאָרפס־גייעריי איז שוין ר׳ קדיש פאַרבליבן אפילו נאָך זיין חתונה, ווען ער האָט שוין געהאַט אַ ווייב און קינדער מפרנס צו זיין. קיינמאָל האָט ער נישט געהאַט קיין לוסט צו גבירישקייט, נישט איינגעריסן קיין וועלטן, בכדי אַ נגיד צו ווערן. דעם גאַנצן לעבן געווען אַ מסתפּק במועט. פאַרן אייגענעם לעבן קיין זאַך נישט געטראָגן, און קיין פאַרלאַנגען נישט געהאַט. געלעבט אין טרוים, אַז זיינע קינדער וועלן מתקן זיין דאָס וואָס ער האָט נישט באַוויזן. דעם עתיד געזען אין זיינע קינדער, דעם עבר אין דער סלאָבאָדקער ישיבה, און די קעגנוואַרט איז דאָך בלויז איבערצוקומען.

גייענדיק איבער די דערפער מיטן פּאַק אויף די פּלייצעס האָט ר׳ קדיש געהאַט קפיצת הדרך. ער האָט נישט געפילט דעם מיילן־לאַנגן וועג און אויך נישט די שווערע משא אויף די מאָגערע פּלייצעס. די פיס זענען געגאַנגען און דער מוח איז געווען פאַרנומען מיט טרוים, דער טרוים אַז זיינע קינדער וועלן אויסוואַקסן גרויסע לומדים, ווען תורה און חכמה

וועט באַלייכטן דעם יידישן האָריזאָנט. דער טרוים האָט אים געטראָגן פון שטאָט אין דאָרף, און פון דאָרף אין שטאָט אַריין.

ר׳ קדיש האָט נישט געקאָרגט קיין שכר לימוד פאַר די קינדער, אליין קיין ברויט צו דער זעט נישט געגעסן, אָבער די מלמדים געצאָלט אַלע פרייטיק צו דער צייט, מיט אַ געפיל פון פרייד און פאַרגעניגן האָט ער אַליין אָוועקגעטראָגן דעם שכר ביטול זמן, וואָס די מלמדים קומט פון אים. יעדעס ביסל וויסן, וואָס די קינדער האָבן באַקומען פון לערנען, האָט ר׳ קדישן געגעבן חיות, געשטאַרקט זיינע כוחות, צוגעגעבן האָפע־נונג, מוט. מיטן לערנען פון די קינדער האָט זיך ביי ר׳ קדישן פאַרטיפט זיין טרוים, זיין צעבראָכענע נשמה האָט באַקומען תיקון, אין דעם המשך פון זיינע קינדערס לערנען האָט ער געזען, אַז זיין געצוווּנגענער איבער־רייס אין דער ישיבה פון סלאָבאָדקע, וואָס איז דאַן נגזר געוואָרן מן השמים — וועט צוריק פאַרפעדימט דורך די קינדער זיינע.

בעת ר׳ קדיש האָט שבת נאָכן שלאָף זיך אָוועקגעזעצט פאַרהערן זיין בן יחיד, ער זאָל אים איבערזאָגן דעם שיעור, וואָס ער האָט אַ גאַנצע וואָך געלערנט פאַרטייטשן אַ האַרבן תוספות, געבן צו פאַרשטיין אַ שווערן סוגיה, און, אַז דער בן יחיד האָט געקענט, איז נישט געווען קיין גלייכן צו זיין פרייד. קיינער האָט זיך צו ר׳ קדישן נישט געקענט גלייכן, די קענטעניש פון זון האָט ער באַטראַכט פאַר זיין גרעסטן רייכטום. ער וואָלט זיך מיטן גרעסטן עושר אין שטעטל נישט געביטן. געלט פאַרגייט פלעגט ר׳ קדיש זאָגן, אָבער וויסן, דאָס קאָנען לערנען באַשטייט אויף אייביק.

פון 9 קינדער זענען ביי ר׳ קדישן נאָר 2 פאַרבליבן. די בת יחידה מרים, וועמען ער האָט געלאָזט שטודירן פאַר אַ דאָקטער, און דער בן יחיד בנימין, וועלכער האָט לויט זיין טרוים — באַדאַרפט ווערן אַ רב.

אין די קינדער האָט ר׳ קדיש געזען די פאַרווירקלעכער פון זיין אייביקן טרוים, דער טרוים נאָך תורה, דער טרוים נאָך דעת.

אַ פלוצימדיקע קאַטאַסטראָפע; היטלער און סטאַלין האָבן זיך די הענט געגעבן, וואָס האָט אויף אַן אכזריותדיקן אופן איבערגעריסן דעם פאָדים פון ר׳ קדישעס טרוים.

י ת ג ד ל ו י ת ק ד ש ש מ ו !

ר׳ אהרן בעל איסר

אין רבינס הויף, אין בית־המדרש, האָבן אַלע יידן געקענט ר׳ אהרן בעל איסר, געגוג געווען אַרויסצוזאָגן דעם נאָמען ר׳ אהרן און יעדער האָט געוווּסט וועמען מען מיינט.

בעל איסר האָט מען אים גערופן דערפאַר, ווייל אַלע זיינע יאָרן האָט ער עוסק געווען אין די איסורים פון ש״ס און פוסקים. ווו נאָר אַ זאַך וואָס מען טאָר נישט, וואָס עס איז אסור, האָט ר׳ אהרן געקענט אויף אויסנווייניק. ער האָט געוווּסט אַלץ, וואָס די תנאים און די אמוראים, די ראשונים און אחרונים פון די פוסקים האָבן געאסרט. אַלע חומרות זע־נען ביי אים געווען שוגר בפיו. תמיד געלעגן אויף די ליפן גרייט אַרויס־צוזאָגן.

ר׳ אהרן האָט נאָר אנערקענט דעם פה שאסור, אָבער נישט קיין פה שהיתר. אסרן מיטן שענסטן כבוד, אדרבה, וואָס מער. ער האָט געהאַלטן פון אַן אייגענעם פסוק נעמלעך: „כל המרבה באיסורים הרי זה משובח״. מתיר מאַכן — דאָס נישט. לחומרה ולא לקילהו.

צו אַלע איסורים מן התורה ומדרבנן, האָט נאָך ר׳ אהרן אַליין צו־געגעבן אַ שפּאָר ביסל איסורים. עס האָט ביי אים געהייסן אַז ער בריי־טערט אויס דעם גדר אין צוגאָב צום גדר דרבנן. אויף נישט האָט ר׳ אהרן געטענהט, האָט מען דאָך קיינמאָל נישט קיין חרטה, איז צו וואָס חלילה נכשל ווערן. בעסער זיין אָפּגעהיטענער, פאַרזיכטיקער. דאָס בעס־טע מיטל דערפאַר איז תמיד צו באַנוצן א „לא״ מיט אַן „אלף״.

אַליין איז ר׳ אהרן געווען אַ פּרוש. טראָץ דעם, וואָס אַלע האָבן אים געקענט — האָט ער זיך אָבער צו קיינעם נישט געגעבן צו דערקענען. אין ציבור אַן אָפּגעזונדערטער, אין מנין געדאַווּנט ביחידות. קדושה טאַקע געזאָגט בציבור, אָבער מתפלל געווען פאַר זיך.

געזעסן איז ר׳ אהרן אין גרויסן בית־המדרש אין אַ ווינקל. מיט איין האַנט אונטערגעהאַלטן די פּלייצע און די צווייטע האַנט איז געלעגן אויף דער גמרא. צום לערנען האָט ר׳ אהרן באַנוצט דריי פינגער: איינער

צו רש״י, דער צווייטער צו תוספות און דער דריטער צו גמרא. ווי גיך גאַר ר׳ אהרן האָט אָנגעטראָפן אויף אַ שווערער סוגיה, וווּ רש״י און תוספות זענען נישט שוה בשוה, האָט מען לייכט געקאָנט באַמערקן ווי די פינגער פירן צווישן זיך אַ מחלוקת. דאָ הייבט זיך אויף איין פינגער מיט אַזאַ שטאָלץ, כאילו, ער וואָלט גערעכט געווען, אָבער באַלד קריכט אַרויס דער אַנדער פינגער מיט אַ פאַרריסנקייט און ווי ער וואָלט גאָר געווען אין גאַנצן גערעכט, ווי ער וואָלט באַוויזן דעם אמת. דער ערשטער פינגער רעפּרעזענטירט די באַווייזן פון רש״י און דער צווייטער פון תוספות.

ר׳ אהרן שווייגט, איין קליינינקייט — אַ פלוגתא צווישן רש״י און תוספות, ווי נעמט מען זיך אָן מיט קוראַזש אויף אַריינמישן. באַלד אָבער שלעפּט ר׳ אהרן אַרויס די צווייטע האַנט פון אונטערן פּלייצע, נעמט אַ שטיקל פון זיין קאַלטעוואַטע באָרד אין מויל, פאַרשטייפט די ציינער, פאַרמוחט זיינע רעיונות, לייגט צו דעם קאָפּ מיט עקשנות, נעמט צו הילף אַנדערע מפרשים, דעם מהרש״א און מהר״ן און ווי גיך עס גע־לינגט אים אַרויסצוקריכן פון דער שווערער מחלוקת, סאָפּעט ר׳ אהרן לייכטער אָפּ, גלייכט אויס דעם פאַרקנייטשטן שטערן, שפּאַרט ווידער אָן די פּלייצע אין וואַנט, לייגט אַוועק די האַנט אויף אַ מחיצה און פאַר־ציט דעם אָטעם ווי אַ זייגער.

ר׳ אהרן לערנט שטיל, אָן אַ ניגון, מען הערט נישט זיין קול — שלינגט איין גאַנצע דפים פון דער גמרא. לויט די גרימאַסן אויף זיין געזיכט האָט מען געקענט דערקענען וווּ דער לערנען קומט אים אָן לייכט און וווּ שווער. וווּ אַלץ איז קלאָר און פאַרשטענדלעך און וווּ ער טרעפט זיך אָן אויף קשיות, אויף שאלות, אויף גמרא־סענקעס ווי מען פלעגט עס רופן אויף ישיבה־לשון.

די איסורים ביי ר׳ אהרנען זענען געווען נישט בלויז להלכה — נאָר אויך למעשה. ער אַליין האָט די איסורים פּראַקטיצירט. האָט ח״ו זיך נישט דערלויבט קיין שום הנאה: געגעסן דאָר ברויט מיט וואַסער, גע־שלאָפן אויף דער ערד אין אָנטאָן, זיך נישט אויסגעטאָן, בכדי חלילה, נישט קיין האָר הנאה צו האָבן פון שלאָף. שינה בשבת תענוג — שלאָפן שבת איז אַ פאַרגעניגן, האָט ר׳ אהרן פאַרטייטשט, אַז עס איז אַ

תענוג שבת, אָבער נישט קיין תענוג פון שלאָף. די שיריים פון שבתדיקן טשאָלנט האָט ער געגעסן אין מיטן דער וואָך און בכדי נישט נהנה צו זיין פון אַ שבתדיקן מאכל אין אַ מיטנוואָכנדיקן טאָג און אַזוי אַרום אין ימי חול געניסן פון זעלבן טעם, וואָס פאַרשאַפט דעם עונג פון שבת, האָט ר' אהרן אַריינגעגאָסן בכיון קאַלט וואַסער פון פלאָמפּ און דורך דעם פאַרשווענקט דעם טעם שבת.

אין בית־המדרש האָט מען גערעדט, אַז ר' אהרן ריכט אָפּ חצות און קלאָגט אויף גלות־השכינה. ישיבה־בחורים, וועלכע פלעגן אויפזיין עט־לעכע מאָל אין דער וואָך משמורים — האָבן דערציילט אַז זיי האָבן גע־הערט ר' אהרנען וויינען אויפן קול אין מיטן דער נאַכט — קול בכי בלילה — אַ געוויין, וואָס האָט הימלען געשטורעמט, זיך געהויבן הויך צו די שערי שמים און נאָך העכער — דערגרייכנדיק צום כביכול אַליין...

צום ערשטן מאָל זיך באַגעגנט מיט ר' אהרנען אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה בימי ווילהעלם — דעם דייטשן קיסר, אין דער ישיבה פון קאָצקער דינאַסטיע. דאָרט געגעסן טעג און אין טעג פון נישט־עסן געשלונגען טרערן. אין בין השמשות, צווישן מנחה און מעריב פלעגט מיר אַמאָל געלינגען צו כאַפּן אַ שמועס מיט ר' אהרנען, ביי אים פרעגן שאלות, וועגן קיום און תכלית פון לעבן, וועגן דעם סוד הקץ, וועגן ששת ימי בראשית לבריאת העולם, וועגן גלות השכינה און נאָך אַנדערע קשיות. ר' אהרן האָט נישט געהאַט קיין שום ספיקות, אַלץ איז פאַר אים געווען קלאָר און פאַרשטענדלעך. דאָס לעבן איז פאַר אים געווען אַ משנה־ברורה. דער תכלית פון לעבן, האָט ר' אהרן מסביר געווען, איז: זיך צו־צוגרייטן מיט מצוות און מעשים טובים צו דער אמתער וועלט, די וועלט איז נאָר אַ פּרוזדור — אַ שמאָלער קאָרידאָר. מען דאַרף לאַנג לעבן, בכדי צו האָבן צייט אויף זיך אַרומגאַרטלען מיט תפילות, מיט מצוות. יאָרן, וואָס ווערן נישט גענוצט פאַר חטאים — פאַר זינדיקן, זענען נישט קיין באַלאַסט אין לעבן פון מענטש, דעריבער האָבן פאַרצייטנס מענטשן גע־לעבט לאַנג, זייער לאַנג, ווייל די יאָרן האָבן זיי אויסגעפילט מיט מעשים טובים, תמיד געווען הונגעריק נאָך גוטע טאָטן, וויפיל מען האָט נישט גע־טאָן איז אַלץ געווען ווייניק, האָט מען באַדאַרפט לענגער לעבן, בכדי צו שטילן דעם הונגער און דאַרשט נאָך מעשות מצוות. אַז מען ווערט

זאָט פון חטאים און מען ווערט דאָך מיט זינד שנעל זאַט — האָט ר׳ אהרן געטענהט — זינדיקן קאָן מען דאָך אין אַ באַשטימטער מאָס — איז וואָס בלייבט דאָן צו טאָן אויב נישט צו שטאַרבן? אָבער צו מעשים טובים איז דאָך נישטאָ קיין גרעניץ, עס געהערט דאָך צו אילו דברים שאין להם שיעור. עס איז דאָך קיינמאָל נישט צופיל, דעריבער איז נישטאָ קיין ערך צום לעבן פון מענטש. דער סוד הקץ פון חיות האדם איז שבת, זאַטקייט און תפילה, און מצוות און אין מעשים טובים. דאַרף מען דען אַ בעסערן תכלית אין לעבן ווי טאָן גוטע זאַכן, גוטס טאָן, ערלעך זיין, נישט דער־צערענען דעם צווייטן, זיך נישט באַנוצן מיט שקר, נאָר מיטן אמת און זיך צוגרייטן צו דער אייביקייט — צו עולם הבא.

***

מיט אַ פערטל יאָרהונדערט שפּעטער — אין די ערשטע חדשים פון דער צווייטער וועלט־מלחמה — איז מיר ווידער אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען מיט ר׳ אהרנען ווידער אַמאָל אין בית־המדרש, אין דער נאַכט פון יום־כיפור, נאָך כל־נדרי, אונטער דער וואָך פון היטלעריסטישע הענ־קער. שפּעט אין דער נאַכט, ווען דער עולם איז זיך שוין געהאַט צע־גאַנגען פון בית־המדרש, בין איך געזעסן און לאַנג געשמועסט מיט ר׳ אהרנען. ער האָט מיר דאַן דערקלערט, אַז אַלע צרות און אומגליקן וואָס פּאַסירן איז דערפאַר, וואָס מען האָט נישט געאסרט ביי יידן קיין מל־חמות. דער פסוק י״ד אין קאַפּיטל כ׳ פון מלכים אַלף וואָס ווערט גע־בראַכט דאָרט מיט די ווערטער: „מי יאסור המלחמה" דאַרף גאָר אַנ־דערש פאַרטייטשט ווערן, האָט געטענהט ר׳ אהרן: אנשטאַט ווי מען פאַר־טייטשט: ווער עס וועט פאַרקניפּן די מלחמה, דאַרף גאָר זיין: ווער וועט אסורן — ווער וועט פאַרבאָטן מלחמה.

צווישן אַלע איסורים, וואָס ר׳ אהרן האָט געטראָגן מיט זיך האָט ער זיך פאַרנומען מיט זוכן נאָך איסורים און ער האָט טאַקע געפי־נען אַז מען באַדאַרף אַרויפלייגן אַן איסור אויף מלחמה, אַז מען דאַרף פאַרבאָטן קריג און טאָן דאַרפן עס יידן, ווייל מיר זענען די אַממערסטן געליטענע פון מלחמה. עס דאַרף זיך געפינען ביי אונדז אַ ר׳ מאיר, וועל־כער זאָל קענען נעמען אויף זיך דעם כוח און אסרן מלחמות — ר׳ מאיר

אוסר. — קאָן עס נישט טאָן אַ יחיד, זאָל עס טאָן אַ רבים; אַ מנין יידן איז אַ רבים! — האָט ר׳ אהרן מיט עקשנות אויסגערופן.

טויט איז נישט די ערגסטע קאָנסעקווענץ פון מלחמה — האָט ר׳ אהרן געזאָגט. יעדער טויט, זאָגט מען דאָך, האָט זיין אויסרייד: דער שטאַרבט פון אַזאַ קראַנקהייט און דער צווייטער פון אַן אַנדער קראַנקהייט. דאָס ערגסטע אָבער וואָס קומט בימי המלחמה, איז דאָך דער ביטול פון לערנען, דאָס נישט קאָנען זיך פאַרנעמען מיט מעשים טובים, מיט טאָן מצוות, מיט זיך צוגרייטן צום עולם האמת.

צוזאַמען מיט די הייליקע נשמות פון אונדזערע מיליאָנען — גע־הייליקטע יידן — אומגעקומענע פון די היטלעריסטישע מערדער, גע־ברענט געוואָרן אין די גאַז־קאַמערן, אומגעבראַכט געוואָרן אין די קאַלד־אויוונס, געפאַלן אין העראָאישן קאַמף בעת דעם אויפשטאַנד פון די גע־טאָס — געפינט זיך די נשמה פון ר׳ אהרנען — אין די הויכע הימלען אונטער דעם כסא הכבוד, נעבן די מלאכים און שרפים.

**
*

אין האַרצן פון יעדן ייד, ווו עס איז טיף איינגעקריצט דער זכרון פון די מיליאָנען קדושים אונדזערע, געפאַלענע אויף קידוש השם והעם, די גיבורי ישראל — די געהייליקטע און געלייטערטע — די קעמפער קעגן דער אכזריות פון די נאַצי־מערדער — דאַרף אויך פאַרבלייבן אין זכרון די האַרבע שאלה פון ר׳ אהרנען וואָס דאַרף זיך טראָגן אין עכאָ איבער אַלע וועלט עקן און איבער אַלע דורות: מי יאסור המל־חמה — ווער וועט פאַרבאָטן קריג?!!!

ר׳ בנימין דער צער בעלי־חיימניק

צער בעלי חיים איז מדאוריתא! אסור מן התורה לצער כל בעל־חי — די תורה פאַרבאָט מצער צו זיין יעדעס לעבעדיק באַשעפעניש. יע־דער מענטש איז מחויב צו ראַטעווען אַ לעבעדיק באַשעפעניש פון צער פון יסורים, פון שמערצן, פון הפקר.

איי! ווען איך וואָלט געקאָנט ערגעץ באַקומען ש״ס און אויפמישן דעם דף אין דער מסכת שבת און נאָכזען, וואָס די גמרא זאָגט וועגן צער בעלי חיים! איי, איי! ווען איך וואָלט כאָטש געהאַט מיט זיך אַ קיצור שלחן ערוך און נאָך אַמאָל געקענט מעיין זיין אין די זעקס סעיפים פון איסור צער בעלי חיים. — האָט ר׳ בנימין גערעדט צו זיך אַליין אויפן קול אַרומשפרייזנדיק נערוועז איבערן הויף פון וואסילי פּאַוולאָוו, ווו ער צוזאַמען מיט נאָך אַ גרופּע יידן האָבן זיך אויפגעהאַלטן ערב דעם שמוג־לען דעם גרעניץ פון ווייסרוסלאַנד קיין ליטע.

ליטע איז דאָס ערשטע האַלבע יאָר פון 1940 געווען אַן אומאָפּהענ־גיקע מדינה. דזשוגאַשווילי האָט פּאָר אַ קורצער צייט געהאַט אייגזען, געטאָן חסד צום זכרון פון געדימין און זיך אַ קאַפּיטשקע אַ שפּיל געטאָן מיט סמעטאָנען (דעמאָלטיקער פּרעזידענט פון ליטע) דערלויבנדיק איין און איינציקן טאַנק צו באַוואַכן די גרעניץ פון ליטע.

יידן מארבע פינות פון עולם סטאַלין האָבן געשטראָמט קיין ליטע, בכדי אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם פון „גיבורס״ קייטן, פון טיראַנישער הער־שאַפט און קאָנען זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיטן יידנטום אין דער פרייער דעמאָקראַטישער וועלט.

יידן מכל המינים: פרומע און פרייע, ישיבה בחורים און ראשי ישיבות, לומדים און משכילים, רבנים, שוחטים און דינים, בונדיסטן און אגודהניקעס, מזרחיסטן און אַלגעמיינע ציוניסטן, שומר הצעירניקעס און פועלי ציוניסטן, רעוויזיאָניסטן און לינקע פועלי ציון, אַרבעטער טוער, שרייבער, אַרטיסטן, זשורנאַליסטן, חלוצים, אַרבעטער און קליינ־

הענדלעו׳, סוחרים און פאַבריקאַנטן, אנשים, נשים וטף, האָבן געשמוגלט די גרעניץ פון סטאַלינגראַד און מאָסנווייז געשטראָמט קיין ליטע.

קיינעם איז נישט איינגעפאַלן אויף דער מחשבה צו טראַכטן, אַז די אומאָפּהענגיקייט פון די באַלטישע לענדער וועט האָבן אַזאַ קיצור ימים, אַז וויסאריאָנאָוויטש פון אַזיאַטישן גרוזיע וועט גלייך אויסשפּרייטן זיין ממשלה איבער די לייסוועס אַלייען פון קאָוונע.

ר׳ בנימין אַ ייד אַ למדן, אַ בן־תורה, שטרענג פרום, געהאָדעוועט אין קדושה און אין טהרה, אַ קדוש מרחם אמו, אַ בעל מידות און בעל מצוות, אַ בעל מקפּיד אויף טהרת הגוף, אַ בעל תפילה מיט כוונה, מיט דביקות און התלהבות, פאַר תפילה תמיד געגאַנגען טבילה. זיין דרך איז געווען: טהרת הגוף דורך טבילה און טהרת הנשמה דורך תפילה. ר׳ בני־מין האָט שטרענג אָפּגעהיט די תקנות פון שלחן ערוך ביים צוגרייטן זיך לתפילה. קודם האָט ער זיך טובל געווען, נאָכהער זיך אָנגעטאָן אין מל־בושי כבוד, אַזוי ווי עס פּאַסט צו גיין זען אַ וויכטיקן מענטש — אַ מלך. צווישן די אַנטלויפער איז אויך געווען ר׳ בנימין. ער האָט צוזאַמען מיט נאָך אַ גרופּע יידן פּרובירט אַריבערצוגיין דעם גרעניץ, האָט אין טלית און תפילין געזאָגט תפילת הדרך און זיך געגרייט אין וועג אַריין. דער וועג איז געווען אַ שווערער, פראָסט און קעלט האָבן דורכגענומען יעדן אבר. די מיליטערישע וואַך האָט אַרויסגעשיקט שפּיר־הינט אויפן גרעניץ ביינאַכט און ווי גיך זיי האָבן פון וייטנס דערשמעקט דעם ריח פון מענטש האָבן זיי שרעקלעך אָנגעהויבן צו האַווקען. אויף די קולות פון די כלבים זענען אָנגעקומען די גרענעץ־וועכטער און געכאַפּט די אומגליק־לעכע וואַנדערער אויף קיינעמס לאַנד אין די פינצטערנישן פון דער נאַכט. דער פּסוק: כלבים צועקים — מלאך המות על הגבולים, אַז די הינט בילן איז דער מלאך המות אויפן גרעניץ, איז מקוים געוואָרן.

מאַנכע וואַנדערער זענען דאַן געפאַלן אויף אַ המצאה מיטצונעמען מיט זיך קעץ און, אַז די הינט האָבן אָנגעהויבן האַווקען האָבן זיי אָפּ־געלאָזט די קעץ. די הינט האָבן דאַן זיך אַ יאָג געטאָן נאָך די קעץ און אויפגעהערט בילן, ווי זיי וואָלטן לחלוטין פאַרגעסן אין זייער אייגנטלע־כער אויפגאַבע. דאָס שטיל ווערן פון די הינט האָט פּאַרווישט יעדן שליאַך און מען האָט געקענט איבערגיין דעם גרעניץ.

ר׳ בנימין דערהערנדיק די נייעס פון זיינע מיטגייער איז געוואָרן בלייך און אומצופרידן, ספיקות האָבן אים אָנגעהויבן פייניקן; צי מעג מען דען לויטן דין זיך באַנוצן מיט אַזאַ מיטל. סטייטש, האָט ר׳ בנימין געטענהט, מען איז דאָך עובר אויף אַן איסור פון צער בעלי חיים; עס איז דאָך אַן איסור דאוריתא! מה דאָך מען טאָר נישט אַרויפלייגן צופיל משא אויף קיין בעל חי, בכדי נישט צו פאַרשאַפן קיין צער, טאָר מען דאָך אוודאי נישט אָפּלאָזן קיין בעלי־חי, וויסנדיק לכתחילה אַז מען שטעלט זי אויס אויף סכנה. ר׳ בנימין האָט באַשלאָסן אוועקצוגיין אין נאָענטן שטעטל און אין די ספרים פון בית המדרש נאָכקוקן געגוי די דיי־נים פון שולחן ערוך וועגן צער בעלי חיים. וואָס שייך אים אַליין — האָט ער קיין שום ספק נישט געהאַט, אַז ער וועט זיך מיט אַזאַ מיטל נישט באַנוצן, וואָס ר׳ בנימינען איז געגאַנגען איז געווען אָפּצוהיטן אַנדערע פון טאָן אַזאַ זאַך. ר׳ בנימין האָט אין דעם געזען אַ חטא, וואָס דער עולם, ווייסט נישט די דינים פון איסור צער בעלי חיים; איז דאָך לפני עור לא תתן מכשול, דאַרף מען דעם עולם אויפקלערן, בכדי זיי אָפּצוהיטן פון אַ מכשול, וואָס פירט צו אַ דבר חטא.

דאָס נאָענטע שטעטל איז געווען ראַדזין, דער באַרימטער מקום תורה, די ישיבה פון חפץ חיים ז״ל, וואָס איז געווען מפורסם איבער אַלע יידישע וועלט־העקן. דאָרט האָט ר׳ בנימין אַמאָל געלערנט. נאָך לאָמזשע, נאָך מיר, נאָך וואלאזשין אפילו איז ר׳ בנימין געקומען לערנען קיין ראַ־דזין. הערן מפיו, — פון חפץ חיים ז״ל, זיין פשט, זיין נוסח פון לערנען, וואָס האָט געשמט מיט קלאָרקייט, דער נוסח פון משנה ברורה, פון קלאָרן שכל און פאַרשטאַנד.

אין בית המדרש פון ראדונער ישיבה האָט ר׳ בנימין געטראָפן יידן לומדים, ישיבה בחורים, וועלכע האָבן געזוכט אַ וועג צו אַנטלויפן. בין כותלי בית המדרש האָט זיך אָנגעהויבן אַ תורה ויכוח, וועגן אַ נייער שאלה וואָס איז אַנטשטאַנען, מכוח אַ נייעם פאַל פון צער בעלי חיים. אַ ש א ל ה ש ה ז מ ן ג ר מ ה, וואָס די צייט האָט זי אַרויסגעבראַכט, — בימי מלכות סטאַלין והיטלער, וואָס איינער האָט זיך גענומען צו פאַרטיליקן דאָס פאָלק ישראל פיזיש און דער צווייטער גייסטיק, איינער דורך בלוט און דער צווייטער דורך טרערן.

עס האָבן זיך געשאָפן צדדים צווישן די תורה־יידן אין בית המדרש. אַ בית שמאי גרופּע מיט ר׳ בנימינען בראש, וואָס איז געווען לחומרא און אַ בית הלל צד, וואָס איז געווען לקילהו. דער צד לקילהו האָט געטענהט, אַז לויטן שולחן ערוך איז דער דין: אַז אויב אימיצער דאַרף פאַר אַ רפואה — מעג מען אפילו הרגענען אַ בעל־חי און מען איז נישט חושש לצער. אמת איז, אַז עס האַנדלט זיך אין רפואת הגוף. נו, איז דען רפואת הנשמה, מציל צו זיין דעם יידישן גייסט, די קדושה פון פאָלק, ראַטעווען יידן פאַר תורה און יידישקייט נישט קיין צורך רפואה? איז עס דען נישט קיין גייסטיקער פּיקוח, — אַרויסצוראַטעווען יידן פון חורבן הרוח? צו־ליב דעם רוח התורה מוז מען דאָך האָבן אויך דעם נפש. און דער דין איז דאָך, אַז דאָרט וווּ עס האַנדלט זיך אין פּיקוח נפש, — אפילו ספק פּיקוח נפש מעג מען דאָך עובר זיין אויף אַלע איסורים מן התורה, ווייל עס איז נישטאָ קיין זאַך, וואָס זאָל זיין אַ עיקוב און שטערן אין דער רע־טונג פון פּיקוח נפש. ווי אין שולחן ערוך ווערט געשריבן: „כי לא נתנה התורה אלא למען החיים״ — די תורה איז געגעבן געוואָרן נאָר פאַר לע־בעדיקע.

ר׳ בנימין מיט זיין צד האָבן דאַקעגן געהאַלטן, אַז מען טאָר נישט, אַז עס איז פאַראַן ביי יידן אַ מינהג נישט צו טאָן קיין שום זאַך, וואָס גרעניצט זיך מיט אכזריות, אַפילו צו אַ בעל חי, ווען מען באַדאַרף די באַשעפעניש האָבן אפילו צו אַ רפואה. נישט יעדער איינער מעג לויטן דין זיך מתעסק זיין מיט רפואות. רפואה איז מן השמים און נישט יעדער מענטש איז זוכה לרפואה. די תורה האָט נאָר געגעבן רשות צו אַ רופא אַ בקיא פעסטצושטעלן דעם פּיקוח נפש. קאָנען מיר דען נעמען אויף זיך די אחריות און פּסקענען וועגן איסורים מן התורה, אַז דאָס איז פּיקוח נפש האָט ר׳ בנימין געטענהט!

ביי דעם תורה ויכוח צווישן די כותלי בית המדרש אין ראדזין האָט מען פאַרגעסן אין אַלע שרעק, אין פּחד. מ׳האָט געפילט, אַז נישט דער האַקנקרייץ און נישט דער סערפּ און האַמער קאָנען דורך זייערע משחי־תים אומברענגען אַ פאָלק, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַזעלכע זין, וועלכע זענען מסוגל אין סכנותפולע צייטן זיך צו מתוכח זיין וועגן אַזעלכע עטי־שע פּרינציפּן פון צער בעלי־חיים. אין אַ צייט ווען די גאַנצע וועלט האָט

נישט געוואָלט זיך אומקוקן אויפן צער פון ראנגלענדיקן ייד. דעם צער פון יסורים און בושה, פון ישראל סבא, וואָס גייט אָפּ אין בלוט פיזיש אין איין טייל פון אייראָפּע און וואָס ווערט גערודפט פאַר וועלן אָנ־האַלטן די עטישע פּרינציפּן פון אַ דורות־לאַנגער קולטור אין אַ צווייטן טייל פון אייראָפּע.

דער תורה־זיכוח וועגן צער בעלי חיים אין בית המדרש אין ראדון האָט פאַרזיכערט נצח ישראל!

ר׳ בן־ציון רופט צו סליחות

סוף נאַכט, צום בראשית פון באַגינען, בעת כביכול בכבודי באַוואַכט אַליין די וועלט, וואָס ער האָט באַשאַפן, איז די צייט צו זאָגן סליחות און בעטן אויף תחנונים. דאַן איז דער עת רצון פון רבונו של עולם, פון אל הרחמים והסליחות. פון ראש־חודש אלול ביז יום־כפור זענען יידן זיך נוהג אויפצושטיין גאַנץ פרי און זאָגן סליחות בציבור.

ר׳ בן־ציון, אַ זאַטער מיט מצוות מעשות אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר, אַ ירא שמים און שטרענג פרומער ייד, האָט מיטן אָנקומען פון דעם חודש אלול, ווען עס דערנענטערן זיך די ימי תחנונים, די ימים נוראים, די טעג פון חשבון הנפש און תפילה — ביז נאָך הושענה רבה, נישט גערוט. זיין אויפגאַבע איז געווען צו רופן און וועקן יידן צו סליחות, — צו מחילה בין אָדם לחברו, אַז איין ייד זאָל מוחל זיין און פאַרגעבן די קריוודעס זיין חבר, אַז צווישן יידן זאָל הערשן שלום ושלווה, אַז איינער אויפן צווייטן זאָל חלילה נישט טראָגן קיין כעס, קיין שנאה און האָט גערופן און געוועקט יידן צו סליחות און תחנונים פון בין אָדם למקום, צווישן ייד און רבונו של עולם.

אין די טעג פון עשרת ימי תשובה, ווען יידן זענען מרבה אין תפילות און אין תחנונים צום אַלמעכטיקן באַשעפער, איז ר׳ בן־ציון אַרומגעגאַנגען פון ייד צו ייד און מיטן שולחן־ערוך אין האַנט באַוויזן יעדן, אַז לויטן דין איז יום כפור נישט מכפר אויף עבירות צווישן איין מענטש און צווייטן, נאָר איינער דאַרף דעם אַנדערן אַליין איבערבעטן און טאָמער פאַסירט, אַז דער געקריוודעטער איז נישט מוחל ביים ערשטן מאָל, דאַרף מען זיך ווענדן אַ צווייטן און אַ דריטן מאָל. דריי מאָל בעטן מחילה און אויב מ׳דערגרייכט נישט קיין רעזולטאַט, קאָן מען זיך פילן פריי, מיט אַ ריינעם געוויסן.

ר׳ בן־ציון האָט זיך שטאַרק געקימערט מיט די חטאים בין אָדם למקום, פאַר די זינד, וואָס אַ ייד איז באַגאַנגען לגבי די הימלען, אַנטקעגן גאָט ברוך־הוא. ער האָט אָבער געהאַט גרויס צוטרוי און פאַרטרויען

צו די סנהדרין של מעלה, צום בית־דין דשמים. ער האָט געוווסט און איז געווען פול מיט איבערצייגונג, אַז אין די הימלען הערשט יושר און צדק, אַז די ריכטער דאָרט זענען בעלי־רחמים, ווייל השם יתברך אַליין איז דאָך אַ בעל רחום וחנון. זיין טענה האָט ר׳ בן־ציון אויך באַזירט אויף אַ גמרא אין סנהדרין, שראו קולם לחובו׳ פוטרין אותן״, — ריכטער, וועלכע אַנערקענען אַלעמען שולדיק, ווערן באַפרייט פונעם אמת. דעריבער דאַרף מען האָבן גלויבן און פאַרטרויען אין טריבונאַל פון די הימלען, אַז דער אורטייל אין די טעג פון משפט וועט זיין אַן אָביעקטיווער און גערעכ־טער.

מערער האָט זיך ר׳ בן־ציון געקימערט און געזאָרגט מיט די עבירות פון בין אָדם לחברו, מיט די עוולות, וואָס איין מענטש באַגייט לגבי דעם צווייטן, ווו די הימלען מישן זיך נישט אריין, נאָר איינער דעם אַנ־דערן דאַרף אַליין איבערבעטן און מוחל זיין.

פול מיט תמימות, מיט ערלעכקייט, מיט געהויבענע הענט צום הימל, מיט אויפגעהויבענע ברעמען און האַלב־פאַרמאַכטע, אומשולדיקע אויגן פלעגט ער פרעגן בלחש יידן: „סטייטש, ווי קאָן מען דען בעטן תחנונים פון כסא הכבוד, בעת מען איז אַליין שולדיק סליחה און מחילה אַ חבר״! די שליסלען צו די שערי שמים פאַר סליחה און מחילה ווערן געגעבן נאָר צו די, וועלכע זענען פריי פון יעדער זינד, פון יעדער קריוו־דע, פון יעטוועדער עבירה בין אָדם לחברו. דאַרפן דעריבער יידן ראשית־כל זיך מוחל זיין צווישן זיך, איינער דעם צווייטן מכפר זיין און ערשט דאַן קאָן מען זיך שטעלן צום משפט ווי אַ ציבור פאַרן בית־דין של מעלה און אויספועלן חסד, תחנונים, מחילה און כפרה.

זיין אַ פוסק, אַ ריכטער און אַרויסטראָגן אַן אורטייל וועגן די באַ־ציאונגען בין אָדם לחברו, האָט ר׳ בן־ציון קיינמאָל נישט געוואָלט. אים איז נישט אָנגעגאַנגען, ווער עס האָט מער און ווער ווייניקער רעכט. ווי קאָן מען דען בכלל עמיצן דן זיין לכף חובו! דער עיקר איז ביי אים גע־ווען אַריינצוברענגען שלום, צו פאַרטרייבן שנאה, מבטל צו מאַכן כעס, אַז איינער דעם אַנדערן זאָל מוחל זיין און פאַרגעבן. אַז מען זאָל זיך קעגנזייטיק מוחל זיין, דאַן וועט ממילא שוין אָפּפאַלן די שאלה פון משפט און אַז יידן צווישן זיך האָבן נישט קיין משפטים, זענען זיי פריי

קעגנזייטיק פון עבירות און זינד. ווען דאָך דער רבונו של עולם אַליין, דער אל צדק, זיכער ממליץ זיין פאַר דעם בית דין של מעלה פאַר זיין פאָלק ישראל. סלח נא לעון העם הזה — פאַרגיב די זינד פון פאָלק, ווען ווי אַ סניגור, ווי אַ פאַרטיידיקער, דער רבונו של עולם אַליין זיך ווענדן צו זיינע ריכטער, צו די סנהדרין של מעלה, און אַלע וועלן ענטפערן סלחנו — מיר האָבן פאַרגעבן און אין ספר של מעלה וועט אין ראש השנה אַריינגעשריבן ווערן און יום כפור געחתמעט ווערן פאַר אַלע יידן לחיים טובים כל בני בריתך.

וואָס שייך די באַציאונגען בין אדם לחברו, האָט ר׳ בן־ציון זיך גע־פילט פריי פון יעטוועדער עבירה. ער האָט תמיד מדקדק געווען על חוט השערה נישט אַנצורירן קיינעם, נישט חלילה קיינעם פוגע בכבוד צו זיין, נישט שרייען, זיך נישט בייזערן, נישט ברוגז ווערן אויף קיינעם און ועל כולם — פון קיינעם נישט נהנה זיין, נישט נעמען ביי קיינעם אפילו אויף אַ שוה פרוטה.

וואָס שייך אָבער בין אדם למקום, צווישן ייד מיט דעם רבונו של עולם, האָט ר׳ בן־ציון דאָס גאַנצע לעבן זיינס זיך געפילט זינדיק. ער האָט גאָרנישט געוווסט, אין וואָס עס באַשטייט זיין חטא. אַ ראיה, אַז ער איז אַ בעל־חטא האָט ר׳ בן־ציון געהאַט אין דעם, וואָס די הימלען האָבן אים נישט מזכה געווען מיט צער גדול בנים און זיין זיווג מיט חבלי לידה. דער פאַקט האָט אים פאַרשאַפט גרויס עגמת־נפש און יסורים. איין קליי־ניקייט — נישט זוכה זיין מגדל צו זיין קיין קינדער לתורה לחופה ולמע־שים טובים! אַלע מצוות האָט ר׳ בן־ציון מקיים געווען. איין מצוות עשה האָט ער ליידער נישט געקענט מקיים זיין, נעמלעך: די מצווה פון ושננתם לבניך. זאָלסט לערנען דיינע קינדער, זאָלסט זיי דערציען אין יידישן גייסט, זאָלסט זיי ממשיך זיין דעם קשר פון יידישקייט, הייליק האַלטן דעם כתר־תורה, — די קרוין פון דער תורה.

קיין טענות צום רבונו של עולם האָט ר׳ בן־ציון חלילה נישט געהאַט. צום אַלמעכטיקן קאָן מען קיין טענות נישט האָבן. אַ מענטש און דערצו נאָך אַ ייד דאַרף אַלץ מקבל זיין באהבה, ווייל ראשית חכמה — דער אָנהויב פון קלוגשאַפט איז יראת ה׳ — דערזען און מורא האָבן פאַר גאָט ברוך הוא. פאַר דעם ראשית פון חכמה איז נאָך אָבער פאַראַן אַ

בראשית פון אהבה, — פון ליבשאַפט, וואָס איז דער יסוד פון קיום, ווי אין פסוק ווערט געשריבן: „זאָלסט ליב האָבן גאָט מיטן גאַנצן האַרצן. דער שכל פון מענטש איז באַגרעניצט. עס זענען פאַראַן זאַכן, וואָס זע־נען למעלה מן השכל. דאָס האַרץ אָבער — דער קוואַל פון ליבשאַפט — איז אומבאַגרעניצט. אהבת ה׳ — ליבשאַפט צו גאָט, געפינט זיך אויף דעם שטח פון אומבאַגרעניצטקייט. באַדאַרף מען דעריבער מקיים זיין אהבת ה׳ מיט ליבשאַפט, וואָס איז דער העכסטער אויסדרוק פון אין שיעור — פון אומבאַגרעניצטקייט.

ר׳ בן־ציון האָט זיך תמיד באמת מתקן צו זיין די מצווה עשה פון ושננתם לבניך מיט אַ מצווה עשה ושננת לחבריך. צו לערנען מיט יידן, בעיקר זיי צו וועקן צו תורה און פרומקייט, צו מעשים טובים און מידות טובות.

ביידע, ר׳ בן־ציון, און זיין זיווג חנה, האָבן בלב שלום הנפש באַ־שלאָסן זייער גאַנץ לעבן צו שטעלן אין רשות פון עבודת הבורא און אין צוגאָב צו דעם מעורר צו זיין און משמש זיין, צו באַדינען און וועקן אַלע־מען לעבודת אלוהים.

חנה איז געוואָרן די באַדינערין פון דער ווייבערישער מצווה — פון בית טבילה.

ר׳ בן־ציון איז געוואָרן דער משמש פון דער גרויסער שול — פון בית תפילה.

אַ הויכער, ברייטפלייציקער ייד מיט אַ לאַנגער, ברייט־צעוואַקסע־נער גרויער באָרד, האַלב געקרייזלטע פאות און פאַרוואַקסענע ברעמען, געדיכט באַהאָרטע אויער־לעפּלען און ברייטע שטערן־קנייטשן, מיט אַ שטעקן אין האַנט און מיט אַ קמץ פון אַן אַרויסגעשטעקטער רויטער פאַ־טשיילע פון דער לינדען־קעשענע איז ר׳ בן־ציון בעלות הבוקר — מיטן באַגינען פון טאָג — געגאַנגען מיט געאײַלטע טריט אין שול אַריין, מיטן לאַנגן שליסל ברייט געעפנט די טירן פון מקום קדוש, אָנגעצונדן די ליכט ביים עמוד, אַרויסגענומען די סידורים פון שלחן, געעפנט דעם אָרון־קודש, מיט אַ שטיקל פרוכת אָנגערירט די ספרים און מיט אַ קוש אויף די ליפן באַגריסט די הייליקע תורה.

די ערשטע צום מנין זענען אין שול אַריינגעקומען די בעלי־מלאכות,

טרעגער און פורמאַנעס, ווענען דער דלות האָט גאַנץ פרי אַרויסגעיאָגט פון שטוב צו זוכן פרנסה און דורך שווערער האָרעוואַניע פאַרדינען אויפן טאָג חיונה. מיט זיי האָט ר׳ בן־ציון געזאָגט אַ יום תהילים און געדאַווענט דעם ערשטן מנין. אַליין געווען דער בעל־עמוד און שליח־ציבור, מאַנטיק און דאָנערשטיק אויך דער בעל־קורא. פרייטיק פאַרנאַכט, פאַר שקיעת החמה, פאַר זון־פאַרגאַנג, האָט ר׳ בן־ציון זיך אָוועקגעשטעלט אינמיטן פיש־מאַרק, זיך אָנגעשפאַרט אין זיין שטעקן, פונאַנדערגעצויגן זיין רעכטע האַנט אין דער ברייט און מיט זיין לייבן־שטימע גערופן יידן אין שול אַריין. אָנגעזאָגט דאָס אָנקומען פון ליבן שבת־קודש.

אין די סליחות־טעג איז ר׳ בן־ציון אַליין געגאַנגען פון שטוב צו שטוב, אויפגעוועקט יידן פון שלאָף און זיי געוועקט צו סליחות. אין זיגען געהאַט און געדענקט אויפן קאָפּ, ווער עס איז צווישן זיך, חלילה צעקריגט, ווער ווען עס האָט געטאָן אַ קריוודע, ווער אויף וועמען עס טראָגט אַ כעס און מיט אַ ציטערדיקער שטים פאַרגעשלאָגן זיך איבערצובעטן.

אַליין דער בעל־עמוד, האָט ר׳ בן־ציון זיך נישט געשטעלט זאָגן קיין סליחות, כל־זמן די יידן האָבן צווישן זיך קעגנזייטיק זיך נישט מוחל געווען. ערשט דאַן האָט ער אָנגעהויבן זיין עבודה ווי אַ שליח־ציבור צו זאָגן די פּסוקים פון סליחות מיט אַ תחנונימדיקער שטים, פול מיט געבעט, און אַז ער האָט אַרויסגעזאָגט דעם פּסוק ועל־כולם אלוהי סליחות, סלח לנו, מחל לנו, כפּר לנו, האָט מען אין עכאָ, בין כותלי המקום קדוש, צווישן די ווענט פון דער גרויסער שול, געהערט דאָס קול השמים, — די שטימע פון די הימלען, וואָס האָט געלויטעט: סלחתי כדבריך, בן־ציון, — איך האָב פאַרגעבן, לויט דיין געבעט!!!

ר׳ שלמה בעל־תשובה

אין אַלטן בית המדרש אויף דער שול גאַס איז ר׳ שלמה געקומען דער ערשטער. כעלות הבוקר, — ווי גיך די זון איז אַרויסגעקומען פון הינטער די וואָלקנס איז שוין ר׳ שלמה געזעסן אין בית המדרש ביי זיין דף יומי און געלערנט מיט התמדה־פאַרטיפט אין אַ שווערער סוגיה, מעין געווען אין אַ האַרבער מימרא. באַגלייט אין לערנען האָט ר׳ שלמהן דער גמרא ניגון, — אַ שטילער, צאַרטער — קוים הערבאַרער ניגון האָט געהאָלפן פאַרטייטשן ר׳ שלמהן אַלע קשהדיקע אבייהס. אַז עס איז געקומען דער זמן תפילה — יידן זענען געקומען אין בית־המדרש דאַווענען שחרית בציבור און ווי גיך דער בעל עמוד האָט אַרויסגעזאָגט די ערשטע פּסוקים האָט ר׳ שלמה פאַרבויגן דעם דף, האַלב צוגעמאַכט די גמרא — זיך אויפגעהויבן פון אָרט און אָנגעהויבן האַלב פאַרמאַכט, דער שטערן פאַרקנייטשט, און אָנגעהויבן צו שפּרייזן איבערן בית־מדרש הין און צוריק. די הענט פאַרשטעקט אין גאַרטל, די ברעמען האַלב פאַרמאַכט, דאָס קאָפּעל אַביסל פאַררוקט אָן אַ זייט, איין אַקסל העכער און דער צווייטער בידעריקער און אַזוי גייענדיק געכאַפּט מוחות, עוסק געווען אין מחשבה, אַט האָט זיך ר׳ שלמה אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע געענטפערט אויף ברכו און ווידער געגאַנגען — נישט איבעררייסנדיק דעם פאָדים פון זיין טראַכטן. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זיך ר׳ שלמה נאָך אַמאָל אָפּגעשטעלט בכדי נאָכצוזאָגן די קדושה פון דער שחרית שמונה עשרה און אָט שטייט ער ווידער. דאָס מאָל, בכדי צו זאָגן מודים אנחנו לך. נאָכהער בכדי צו ענטפערן אמן ביים קדיש זאָגן. ווי אַזוי ר׳ שלמה אַ פאַרטיפטער אין מחשבה האָט גלייכצייטיק געקאָנט נאָכפאָלגן דאָס דאַווענען און צו דער צייט אָפּהיטן דאָס זאָגן קדושה און ענטפערן אויף ברכו און נאָכזאָגן אמן איז פאַר אַלעמען געווען אַ רעטעניש. דאָס גיין פון ר׳ שלמהן איבערן בית מדרש איז נישט געווען קיין רואיקער. גיכער אַ נערוועזער. דאָ איז ער געגאַנגען פאַמעלעך, קוים געשטעלט די טריט און דאָ האָט ער פּלוצים אָנגעהויבן צו שפּרייזן גיך כאילו ער וואָלט זיך נאָך אימיצן נאָכגעיאָגט.

די פאמעלעכע טריט האבן משמעות באדייט ישוב הדעת, נאכטראכטן, איבערקלערן, ווי ער וואלט שוין האבן געפונען די פאסנדיקע תשובה. די שנעלע טריט דאקעגן האבן באדייט שאלה, קשיות, ווי ער וואלט נאכגעיאגט עמיצן פון די תנאים אדער אמוראים און זיי געוואלט כאפן פאר דער פאלע און פרעגן: ס'טייטש, היתכן. עס איז דאך נישט אזוי. ווי קומט עס — וואס איר האט שוין געפסקנט. עס איז דאך גאר פארקערט. דאס נערוועזע־שנעלע גיין האט אויסגעדריקט אומרו, אומצופרידנקייט. אזוי האט ר' שלמה אויסגעמאסטן דעם בית־המדרש אין דער לענג און אין דער ברייט א שיינע עטלעכע שעה, דורכמאכנדיק א מרחק פון מיילן. שפעטער, אז די זון איז שוין אריין אין טאג אריין האט ר' שלמה אנגעהויבן זיך גרייטן צום דאווענען. זיך אוועקגעזעצט אויף א וויילע. ארויסגענומען די טאבאק־פושקע און בנעימותדיק א שמעק געטאן דעם שארפן ריח פון טאבאק, פארדרייט די נאז און געאטעמט מיטן אפענעם מויל, א פאר מאל א נאס געטאן, מיט איין עק פון זיין רויטער פאטשיילע אויסגערייניקט די נאז, מיט א צווייטן עק געווישט דעם שטערן, נאך אמאל א קוק געטאן אין דער גמרא און נאכגעזען ווו ער האלט, אויסגערייניקט די מחשבה פון חקירה און פלפול און זיך אריינגעטאן אין רעיונות פון תפילה און תשובה.

ווען ר' שלמה האט זיך געשטעלט דאווענען איז קיינער נישט געווען אין בית המדרש. עס איז שוין געווען שפעט נאך האלבן טאג — די צייט פון מנחה. געדאוונט האט ר' שלמה פאמעלעך, נישט געאיילט, ארויסגערעדט שארף יעדעס ווארט, נישט איינגעשלונגען ח"ו קיין אות.

צווישן מנחה און מעריב האט ר' שלמה געלערנט מיט עטלעכע בחורים אין גערער שטיבל. זיך און דער משפחה מפרנס געווען פון שכר בטול זמן, וואס ער האט באקומען פארן לערנען. מיט די תלמידים געדאוונט מנחה און מעריב בציבור און שפעטער צוריק אוועקגעגאנגען אין אלטן בית המדרש און זיך גענומען אריינקוקן אין מוסר ספרים, אראפגענומען פון דער פאליצע א מסילת ישרים, אן עין יעקב, און אריינגעקוקט. שפעטער גענומען אין האנט אריין דעם זוהר, נאכגעזען די דברי קבלה און אזוי לאנג מעין געווען ביז ער האט דערגרייכט צו די שערי קדושה. ערשט דאן אריין אין די סודות פון בריאת העולם, דערבליקט דעם שורש פון

קיום און ביז נאָך חצות זיך מתיחד געווען מיט די שערי תבונה וועלכע האָבן אים געעפנט דעם וועג צו די אָפענע שערי שמים.

ר׳ שלמה איז געווען אַ חסיד פון גערער רבין. קיין גער פלעגט ר׳ שלמה פאָרן אויף שבועות, צום יום־טוב פון מתן תורה. אין די טעג פון ימים נוראים איז ר׳ שלמה געווען אין דער היים. כל־נדרי מוסף און נעילה געדאַוונט פאַרן עמוד אַלס דער שליח ציבור. גלייך פון ראש חודש אלול האָט זיך ר׳ שלמה גענומען גרייטן צו די ימים נוראים, איבערגע־קוקט דעם מחזור, צוגעפּאַסט צו יעדן שטיקל פּיוט אַ ניגון. מערערע מאָל זיך געטובלט און מכין געווען, זיך צו קאָנען מתקן זיין ביי די שערי שמים אַ גוט יאָר פאַר אַלע יידן.

אַז ר׳ שלמה האָט זיך אָנגעטאָן אין ווייסן קיטל, איינגעהילט אין טלית איבערן קאָפּ און אָנגעהויבן זאָגן בלחש די ערשטע פסוקים פון כל נדרי האָט מען געקענט באַמערקן דעם גרויסן פחד. די אימתא דצי־בורא און בעיקר די שרעק פאַר די הויכקייטן פון די שערי שמים, וועלכע ר׳ שלמה האָט געוואָלט דערגרייכן לטובת כלל ישראל.

אַן אויסגעדאַרטער גוף, טיפע אויגן מיט געדיכט־באַוואַקסענע שוואַרצע ברעמען און אַ לאַנגע שמאָלע שוואַרצע באָרד — באַזילבערט מיט גרוילעכע האָר האָט אַרויסגעקוקט פון טלית. די אויגן אַריינגעטאָן אין מחזור און די שמאָלע־לאַנגע אויסגעדאַרטע הענט מיט שפּיציקע פינ־גער האָבן זיך געהויבן צום הימל און אַ ציטערדיקע שטים האָט זיך תחנונימדיק געבעטן ביים כביכול רחמים און חסד פאַרן פאָלק ישראל.

ר׳ שלמהס שטימע איז געווען אַ בנעימותדיקע, אַ צאַרטע, אַ סוב־טעלע — ווי סאַמעט ווייך, זיינע ניגונים האָבן בולט אַרויסגעבראַכט זיינע האַרץ ציטערן און דעם ציטער פון אַלע מתפללים פאַרן כסא הכבוד. מיט גרויס דביקות האָט ר׳ שלמה געדאַוונט, געזאָגט די תפילות מיט אמונה, מיט שטאַרקן גלויבן און געפּועלט, אַז רחמים זאָלן פאַרבייטן האַרבן פסק דין.

ר׳ שלמה האָט קיינעמאָל קיינעם קיין שאַרף וואָרט נישט געזאָגט, אויף זיינע ליפּן האָט זיך קיינמאָל חלילה קיין קללה נישט באַוויזן. האָט ער ביי עמיצן געזען עפּעס אַן עוולה האָט ער נישט אויסגערעדט, נאָר פאַרקערט פּרובירט זיך אַדורכריידן, בגיד אחת זאָגן מיט אַ קול דממה

דקהדיקע שטים, אַז עס איז נישט גלייך אַזוי צו האַנדלען, אַז פון טאָן שלעכטס קאָן קיין גוטס נישט אַרויסקומען, אַז ביי יעדער טאָט דאַרף אַ מענטש באַגלייט ווערן פון יראת השמים, וואָס היט אָפּ פון שלעכטס.

אין שטעטל האָבן אַלע ר׳ שלמהן אָפּגעגעבן כבוד, מאַנכע זענען געגאַנגען צו ר׳ שלמהן זיך האַלטן אַן עצה אין משפחה ענינים, זיך מישב זיין וועגן אַ שידוך הגון פאַר אַ קינד, וואָס איז שוין ראוי לחופה. אַנ־דערע האָבן געבעטן ר׳ שלמהן ער זאָל פאַרערן אַ חתן אין לערנען און זאָגן מבינות אויף זיין לומדות און התנהגות, טייל ישיבה־בחורים, וועלכע זענען שוין געווען פאַרקנסט צו יונגע בתולות זענען געקומען צו ר׳ שלמהן לערנען אַ חתונה־פשטל. זייער פיל יונגע לייט און אפילו עלטערע יידן האָבן אָפּט זיך מישב געווען מיט ר׳ שלמהן וועגן הרהורי תשובה, אויפקלערן די אמתע וועגן פון תשובה טאָן, צו דורך ענויי נפש, אָדער גאָר דורך התעוררות הנפש — צי דורך פייניקן דעם גוף מיט פאַסטן תעניתים, אָדער תשובה טאָן במחשבה — דורך געוויסנסביסן — דורך גובר זיין חטאים מיט אַ באַשלוס אין האַרצן זיך אָפּצוהיטן און זיך צו דערוויי־טערן פון זינד. ר׳ שלמהס דרך איז געווען דורך ענויי נפש — דורך באַ־שטראָפן און פייניקן אַלע רמח אברים און שסה גידים אין גוף. אַזוי האָט ער געהייסן זיך נוהג זיין אַלע די, וועלכע זענען צו אים געקומען פרעגן וועגן תשובה.

איין מאָל איז ר׳ שלמה געשטעלט געוואָרן אין אַ מצב פון החוזר בתשובה. הענעך דער שטאָט־אפיקורס האָט אַמאָל געזאָגט צו ר׳ שלמהן, אַז ער האָט אַ ברודער אַ משומד. געזאָגט האָט עס הענעך דערפאַר, ווייל ר׳ שלמה האָט אים געוואָלט צוריק אַרויפפירן אויפן אמתן דרך פון יידישקייט, ער זאָל צוריק ווערן אַ פרומער און גאָטספאָרכטיקער ייד. געזאָגט האָט עס ר׳ שלמה חלילה נישט מיט כעס — נישט מיט בייזקייט: נאָר מיט תחנונימדיקן געבעט, שטיל בלחש. קיינער זאָל נישט הערן, קיי־נער זאָל נישט באַמערקן. הענעך דאַקעגן אָנשטאָט זיך צוצוהערן צו די צאַרטע, פאָטערלעכע רייד פון ר׳ שלמהן — האָט ער גאָר זיך צעשריגן און אים אַריינגעזאָגט, אַז ער האָט אַ ברודער אַ משומד.

ר׳ שלמה האָט געריסן קריעה כדין, געפאַסט תעניתים, געזעסן אויף דער ערד און געפייניקט דעם גוף, נאָכגעקוקט אַלע הלכות פון הלכות

תשובה און אויסגעאַרבעט אַ געניועם רעצעפּט פאַר זיין תשובה. שפּע־טער מיט אַ צייט, אָפּקומענדיק אַלע ענויים האָט ר׳ שלמה זיך אַרומגע־זען, אַז ער איז גאָר אַ בן יחיד, אַז ער האָט קיינמאָל גאָר קיין ברודער נישט געהאַט וואָס זאָל זיך שמדן, איז ער אַוועק צו הענעכן און אים געזאָגט סטייטש! ווי ביסטו מוציא אַזאַ שם רע אויף מיר, בעת איך בין גאָר אַ בן־יחיד? אויף דעם האָט הענעך געענטפערט ר׳ שלמהן, אַז ער ווייסט טאַקע! אַז ער איז אַ בן־יחיד, אָבער היות קיין אַנדערן חטא האָט ער אים נישט געקענט פאַרוואַרפן — האָט ער אַלזאָ אויסגעטראַכט אַ שקר אויף און דערביי געבעטן מחילה ביי ר׳ שלמהן.

ערשט האָט זיך ר׳ שלמה אַרומגעזען, אַז ער דאַרף ווידער תשובה טאָן, ווייל ער האָט דאָך דערפירט הענעכן צו אַן עבירה פון ווערן המוציא שם רע. האָט ר׳ שלמה ווידער געפאַסט, ווידער זיך געפּייניקט, תשובה געטאָן פאַר זיך און תשובה געטאָן פאַר הענעכן און אַזוי אַלע יאָרן פון זיין לעבן אָפּגעקומען מיט ענויים — מיט פּייניקן זיך.

כאָטש דער דרך תשובה פון חסידות איז נישט דורך ענויים; נאָר דורך חרטה, האָט אָבער ר׳ שלמה פאַר זיך אויסגעקליבן דעם דרך פון קבלה — צו באַשטראָפן דעם גוף, מקבל צו זיין וואָס מער יסורים בכדי צו רייניקן דעם קערפּער און דורך דעם אויך לייטערן די נשמה.

אין די פייערן פון היטלערס גיהנומס — אין די קאַלך־אויוונס איז ר׳ שלמה אָפּגעקומען זיינע לעצטע ענויים און מיט דער כוונה פון תשובה נסתלק געוואָרן פון דער וועלט.

זאָל דאָס הייליקע געשטאַלט פון ר׳ שלמהן אונדז באַלייכטן עד סוף כל הדורות!

ר׳ מרדכי בעל־תוקע

דאָס כשרע פלייש אין שטאָט איז געווען פאַרזען מיט דער חתימה פון ר׳ מרדכין. גלייך נאָך דער שחיטה, ווי גיך מען האָט אָנגעהויבן אַרויס־צונעמען דאָס אינגעווייד פון דער בהמה, פון אַ דקה, אָדער אַ גסה איז שוין ר׳ מרדכי געשטאַנען דערביי און אַכטונג געגעבן אויפן בדקהנען, נישט אָפּגעטראָטן פון פּלאַץ און ביז ער האָט אַליין אַלץ נאָכגעזען, אַז עס איז חלילה נישטאָ קיין שום סרחה, האָט ער נישט געלייגט זיין חתימה פון כשרות.

אין שווערע פאַלן האָט ר׳ מרדכי אַליין זיך פאַרנומען מיט דער בדיקה, האָט געקענט אויף אויסנווייניק אַלע דינים פון טרפות, האָט מדקדק געווען אויף נקובת הושט, אויף פסוקת הגרגרת, אויף אַ נקב בקרוב של מוח, אויף דער לונג, אויף אַלץ, נאָכזוכנדיק טאָמער חלילה איז נישטאָ קיין סימן פון טריפה.

נאָך דער בדיקה, ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַלץ איז כשר, האָט ר׳ מרדכי געלייגט זיין חתימה און דערביי געמאַכט אַ ברכה, מכוון זייענדיק מוציא צו זיין אימיצן, וואָס וועט חלילה פאַרגעסן צו מאַכן אַ ברכה ביים עסן.

די עיקרים פון מצות שחיטה האָט ר׳ מרדכי געזען אין צוויי זאַכן: ראשית ווייניקער פאַרשאַפן יסורים אַ בעל חי, שנית שמירת הבריאות — דאָס אָפּהיטן דעם געזונט פון יידן.

אַ נידעריקער אין וווקס מיט אַ שוואַרץ בערדל, וואָס איז געוואַקסן מער אין דער ברייט, ווי אין דער לענג, מיט לאַנג געקרייזלטע פאות ביי די זייטן, וועלכע ער פלעגט בשעת בדיקה אַרומבינדן אַרום האַלדז, אַ סאַמעטענע יאַרמולקע און איבער דער יאַרמולקע אַ טיכן היטל אויפן קאָפּ. אַ געהאַקטע קאַפּאָטע אויפן קורצן גוף מיט אַ גראָבן גאַרטל אויף דער טאַליע. אונטער דער קאַפּאָטע אַ ברייטער טלית קטן מיט אַראָפּגעהאנגענע לאַנגע ציצית איבער די קורצע שטיוועלעך פון די פיס.

ר׳ מרדכי האָט נישט געוווסט פון קיין מיחושים, האָט נישט געליטן

אויף קיין שום קראנקייט. פריער דער רבונו של עולם און דערנאך בשר שחיטת כשר היט אים אפ פון אלע מחלות, פלעגט ער זאגן. אין שעכט־הויז ביי בדיקה הריאה האט ר׳ מרדכי ארויסגעוויזן גבורה, האט גע־האלפן די שוחטים און די קיילער־יונגען אוועקלייגן א גסה און נאך דער שחיטה זי איבערטראגן ממקום למקום.

אזוי ווי ר׳ מרדכי האט זיך געהאלטן פאר א גיבור אין שעכט־הייז, האט ער אבער לחלוטין אנדערש אויסגעזען אין אמשינאווער שטיבל, ווו ער האט געדאוונט, און אפטמאל געפארן צום רבין שליטא און געווען איינער פון די טיש־זיצערס.

ביי בדיקת השחיטה, דארט ווו מען האט באדארפט אנקומען צו א דין, האט ער זיך טאקע געפילט ווי א גיבור, אבער ביי בדיקת הנשמה, פארטראכטנדיק זיך אין די מחשבות פון תפילה, בעת מען דארף אנקומען צו כביכול און בעטן רחמים, אפגעבנדיק זיך דעם חשבון „לפני מי אתה עומד״, האט ער זיך געפילט שוואך, קורעים־מעסיק. איינגעבויגן אין דרייען, פארטאן אין בדיקה, איבערגעלאדן מיט דביקות, וואס האט אויס־געדריקט צעבראכן יידישע הארץ. וואס פאר א גיבור קען עס דען זיין א בר־נש — פלעגט ר׳ מרדכי זאגן לגבי דעם רבונו של עולם, כלפי מלך מלכי המלכים.

אין אמשינאווער שטיבל איז ר׳ מרדכי געווען דער בעל תוקע. ביים שולחן פון קריאת־התורה, איינגעהילט אין קיטל און טלית, מיט דער עטרה איבערן קאפ, פארמוחט אין דער כונה און אין די סודות פון תקיעת שופר — איז ער געשטאנען און אויסגעפאלגט די שטילע קול דממה דקהדיקע באפעלן פון סדר, וועלכער האט אים געזאגט: תקיעה, שברים, תרועה, תקיעה גדולה. מיטן אפענעם מויל פון שופר געווענדט צו די הימ־לען האט ר׳ מרדכי געבלאזן ניין תקיעות לויט די דינים פון תקיעת שופר.

א גאנצן יאר האט ר׳ מרדכי אפגעהיטן דעם שופר ווי אן אויג אין קאפ. אים געווייקט אין עסיק און אכטונג געגעבן ער זאל חלילה נישט פארשטאפט ווערן.

מיט א באזונדער תפילה אין הארצן, מחוץ אלע תפילות פאר שופר־בלאזן, פלעגט זיך ר׳ מרדכי ווענדן צו די הימלען אין די טעג פון ר״ה.

און מתפלל זיין, אַז ער זאָל אַרויסברענגען פון שופר קלאָרע קולות, אַז דער שטן זאָל חלילה נישט מעקב זיין די תקיעות, אַז דער קול שופר זאָל דערגרייכן די שערי השמים און זיך איינשטעלן ביים כסא הכבוד און דערגרייכן חסד פאַר די בני ישראל. נישט נאָר פאַרטרייבן דעם שטן המקטרג איז געווען די כונה פון ר׳ מרדכין ביי תקיעת־שופר, נאָר נאָך מער צו ברענגען צום אויסדרוק דאָס קול פון סנגור און צו פאַרזיכערן, אַז די תפילות זאָלן אָנגענומען ווערן און מדת־הדין זאָל פאַרביטן ווערן אויף מדת־הרחמים.

נאָכן זאָגן דעם זוהר פון תקיעות האָט ר׳ מרדכי אויך געזאָגט אַ ספּעציעל פון אים פאַרפאַסטן יהי רצון צום רבונו של עולם, וואָס איז געווען אַ תפילה פאַר אַלע תפילות, אַ ווידוי פאַר גאָט ברוך הוא, וואָס האָט געבעטן צו רייניקן זיין האַרץ, צו הייליקן זיינע געפילן, ער זאָל אָפּגעהיטן ווערן פון פניות, ער זאָל געראַטעוועט ווערן פון קנאה, פון נהנה זיין אויף דער וועלט פון זיינע מצות און מעשים טובים און בעיקר, עס זאָל זיין דער ווילן פון רבונו של עולם צו באַלייכטן דעם וועג פון פאָלק ישראל היודע תרועה ווי אין פסוק שטייט „אשרי העם היודעי תרועה הה׳ באור פניו יהלכון״.

נאָכן אָפּבלאָזן שופר אין אמשינאָווער שטיבל פלעגט ר׳ מרדכי אויך גיין אין דער גרויסער שול און דאָרט ווידעראַמאָל שופר בלאָזן. דער עולם האָט שטאַרק געגלויבט אין ר׳ מרדכין, אַז ער איז בכוח צו פאַר־טרייבן דעם שטן, אַ ראיה צו דעם האָט מען תמיד געבראַכט, וואָס ביי ר׳ מרדכין גייט דער שופר ווי אַ מזמור, פאַרהאַקט זיך קיינמאָל נישט, די קולות קומען אַרויס ריין, קלאָר, אַ סימן, אַז דער וועג צו די טויערן פון די הימלען איז פריי און אָפן.

יידן פון שטעטל האָבן צווישן זיך געשמועסט, אַז ר׳ מרדכי גע־הערט צו די צדיקי הדור, וועמענס תקיעות מאַכט אין הימל אַן איבער־קערעניש, פאַרוואַנדלענדיק גאָטס צאָרן אין רחמנות. זיי האָבן דערביי צוגעגעבן, אַז ר׳ מרדכי איז נישט נאָר דער חותם פון כשרע פליש, נאָר האָט זוכה געווען צו זיין דער מיטבאַטייליקער אין דער חתימה פון מלכות שמים פאַר חיים טובים לכל בני בריותנו!!!

ר׳ שמעון בעל־תפילה

שבת, יום־טוב און אַלע אַנדערע טעג פון אַ גאַנץ יאָר האָט זיך ר׳ שמעון נוהג געווען כעלות הבוקר צו לערנען אַ בלאַט גמרא, איבערצוכאַפּן אַ פּרק משניות און צו זאָגן אַ יום תהילים. נאָך דעם חוט המשולש פון תורה, משנה און תפילה, האָט ער זיך גענומען צום דאַווענען — צו תפילה.

אַ פּרק משניות האָט ר׳ שמעון געלערנט, ווייל משנה האָט אין זיך די זעלבע אותיות ווי נשמה. נו! אַז מען שטייט אויף פון שלאָף און מען מאַכט אַ ברכה „אלהי נשמה״, היינט ווי לערנט מען נישט קיין פּרק משניות? דערצו האָבן דאָך אונדזערע חכמים פעסטגעשטעלט, אַז נאָך דער פּרשת התמיד דאַרף מען יעדן פרימאָרגן לערנען דעם פּרק איזהו מקומן און די ברייתא פון ר׳ ישמעאל, בכדי יעדער זאָל זוכה זיין צו לערנען: מקרא, משנה און גמרא — יעדן טאָג.

געדאַוונט האָט ר׳ שמעון אין גערער שטיבל. געלערנט האָט ער אין אַלטן בית המדרש, וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט פון דער מקווה אויף אַ באַרג אַראָפּ געסל, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ביים תבואה־מאַרק און געענדיקט ביי דער וואַסערמיל אַנטקעגנאיבער דעם אַלטן בית־עולם.

גייענדיק גאַנץ פרי פון מקווה אָן אויסגעטובלטער, איז ר׳ שמעון אַריינגעגאַנגען אין בית־המדרש, נאָך אַמאָל געוואַשן די הענט ביים קאָר־פערנעם האַנט־פאַס און זיך געזעצט לערנען.

די ריינקייט פון גוף נאָך דער הייסער מקווה האָט אויך מיט זיך געבראַכט ריינע, לויטערע מחשבות צום לערנען. פאַרשטענדלעך זענען געוואָרן אַלע חילוקי־דעות צווישן אביי און רבא, צווישן רבינא און רב אשי און אַלע אַנדערע תנאים און אמוראים, וואָס די גמרא־אותיות גיבן איבער אַזוי פּרעציז אַמאָליקע תורה שבעל פה.

געלערנט האָט ר׳ שמעון מיט אַ ניגון מיט איינעם פון די ניגונים, וואָס פירן אַריין דעם מאָרגן בשירה ובזימרה, ניגונים, וואָס פאַרטרייבן פינצטערניש און וועקן ליכט, ווי אין פּסוק ווערט געשריבן „מחושך לאור ומאפילה ליום גדול״.

ווען ר׳ שמעון איז פּאַרטיק געוואָרן מיטן לערנען, איז ער אַוועקגעגאַנגען פון בית מדרש אין גערער שטיבל אַריין און דאָרט זיך געשטעלט דאַווענען. אין בית המדרש איז ער געזעסן און געלערנט, אין גערער שטיבל איז ער געשטאַנען און געדאַוונט. תפילה טאָן דאַרף מען בעמידה — שטייענדיקערהייט; — ואתה עומד לפני מלך מלכי המלכים.

קיין דאגות־פרנסה האָט ר׳ שמעון נישט געהאַט, אויף דעם פּת במלח תאכל, — אויפן אָרימען ברויט מיט זאַלץ האָט פאַרדינט זיין יידענע די הייוון־פּאַרקויפערין שרה־העניע. יעדן דאָנערשטיק האָט זי אַרומגעטראָגן פערטל פונטיקע פּעקעלעך הייוון צו די שטאָט־באַלעבאָסטעס, זיי זאָלן האָבן מיט וואָס צו באַקן די שבתדיקע חלות און פרייטיק האָט זי צעטראָגן אין געמאָסטענע קוואַטירלעך ווייַן פון ראָזשינקעס אויף קידוש.

ר׳ שמעון האָט נאָר צוגעהאָלפן שרה־העניען ביים וועגן און מעסטן און מדקדק געווען, אַז דאָס קופערנע שעלעכל פון דער וואָג, וווּ עס איז געלעגן די הייוון, זאָל אַריבערוועגן דאָס שעלעכל מיטן געוויכט. דאָס זעלבע האָט ער שטאַרק אַכטונג געגעבן, אַז דאָס קווערטל ווייַן זאָל זיין פול, אַביסעלע פולער פון פול, סימן מזל מרכה פאַר די קידוש־מאַכער.

אַ גאַנצע וואָך האָט ר׳ שמעון געדאַוונט ביחידות; שבת און יום־טוב מיט מנין, און טאַקע אַליין געווען דער בעל־תפילה, דער שליח־ציבור.

ימים נוראים, ראש השנה און יום כיפור איז ר׳ שמעון נישט אָפּגעטראָטן פון עמוד, ראש השנה געווען דער בעל־מוסף און יום כיפור דער ש״ץ פון כל נדרי, פון מוסף און נעילה.

גלייך נאָך דער סעודה המפסקת האָט ר׳ שמעון אַרויפגעלייגט זיינע מאָגערע הענט אויף די קעפּ פון די קינדער און זיי געבענטשט מיט דער ברכה „ישימך אלוקים כאפרים ומנשה״, און שרה־העניע האָט געבענטשט ליכט און געזאָגט די תחינה נאָך ליכט־בענטשן.

ר׳ שמעון האָט אויף זיין דאַרן אויסגעצערטן גוף אָנגעטאָן דעם ווייסן קיטל, זיך איינגעהילט אין טלית און אין האַלבע קאַלאָשן אויף די פיס און מיטן מחזור אין האַנט געגאַנגען אין גערער שטיבל אַריין. גלייך צוגעגאַנגען צום עמוד, וואָס איז געווען באַלויכטן מיט לאַנגע וואַקסענע

ליכט און בלחש, שטילערהייט אָנגעהויבן זאָגן תפילה זכה, נאָכהער דעם ווידוי פון רבינו נסים זצ״ל.

אַז ר׳ שמעון האָט אָנגעהויבן זאָגן „על דעת המקום ועל דעת הקהל״, איז די גאַנצע עדה יידן פון שטיבל געבליבן שטיל, צוגעשמידט צו די פלעצער; מען האָט נישט געהערט קיין שאָרך, קיין פּאָרע פון קיי־נעמס מויל, ווי אַלע וואָלטן געגעבן זייער הסכמה צו ר׳ שמעונען, אַז ער זאָל פועלן ביי ישיבה של מעלה, אַז דער דעת המקום זאָל זיין כדעת הקהל.

די פסוקים פון כל נדרי האָט ר׳ שמעון אָנגעהויבן שטיל, מיט אַ קול דממה דקה, די ווערטער אָנגעטאָן אין מלבוש פון שכינה־דערהויבענעם כל־נדרי־ניגון, וואָס עפנט אַלע טויערן פון די הימלען צו דער פמליה של מעלה.

צום צווייטן מאָל איז די שטים פון ר׳ שמעונען געוואָרן שטאַרקער, העכער, האָט דערגרייכט צו די הויכקייטן פון די שערי שמים און אין זיי געפונען אַן אָנשפּאַר, צו קאָנען שטייגן נאָך העכער ביז צום כביכול כבודו יגין.

ר׳ שמעון האָט געהאַלטן פון דער חסידישער באַגרינדונג, אַז דער עיקר פון תפילה איז די כוונה דערביי, וואָס אַ מענטש איז בעתן דאַווענען מכוון, ווי די גמרא זאָגט „לכוון את לבו לתפילה״, צוצוגרייטן דאָס האַרץ צום דאַווענען, הייננט וואָס קאָן דען בעסער אויסדריקן כוונה, פאַרטייטשן תפילה, געבן דעם ריכטיקן פירוש המילות, — ווי אַ ניגון. האָט טאַקע ר׳ שמעון מתפלל געווען מיט נגינה, מיט געזאַנג. דעם גאַנצן יוצר און פיוט פון מעריב, מוסף און נעילה אויסגעזונגען מיט נגינה. צו יעדער תפילה, לויט דער כוונה צוגעפּאַסט אַ ניגון, וואָס האָט פאַרטייטשט, קלאָר געמאַכט דעם באַדייט און צוגעגעבן טעם צו יעדן וואָרט, צו יעדן פסוק. די נגינה פון ר׳ שמעונען האָט פאַרטריבן עצבות, אַוועקגעיאָגט מרה שחורה, האָט געוועקט בטחון, זיכערקייט, פעסטקייט, מעורר געווען צו אמונה, צו גלויבן אין דער צדקות פון השם יתברך, אין זיין חסד און גענאָד.

ר׳ שמעון בעל תפילה האָט שטייענדיק פאַרן עמוד דערפילט זיין ראָל אַלס שליח ציבור, זיין עובדה האָט ער געזען אין בעטן פאַר יענעם,

פאַר די אַלע יידן פון גערער שטיבל און נישט נאָר פון גערער שטיבל. ער האָט געבעטן פאַר כל בני ישראל.

אין אונדזערע אגדות ווערט דערציילט, אַז ווער עס בעט פאַר יע־נעם ביים רבונו של עולם וועגן עפּעס און ער אַליין נויטיקט זיך אַליין אין דער זעלבער זאַך, ווערט ער פריער געהאָלפן. אויף ר׳ שמעונען איז דאָס נישט געווען חל, ווייל ער אַליין האָט אויף קיין זאַך נישט געבעטן פאַר זיך, די וועלט האָט ער באַטראַכט ווי אַ פּרוזדור בלויז, — אַ קאָרידאָר צום עולם האמת, און וואָס גאָט ברוך הוא וועט געבן אויף איבערצוקומען, וועט זיין גענוג. ער האָט בעת תפילה, שטייענדיק פאַרן עמוד נאָר גע־בעטן מיט די לעצטע כוחות פאַר יענעם, פאַר יידן, עס זאָל מיטן פאָלק ישראל חלילה קיין אומגליק נישט געשען, ס׳זאָלן בטל ווערן אַלע גזירות רעות, די שכינה זאָל זיך אומקערן און השגחה געבן אויף פאָלק ישראל. עס זאָל קומען די שעה פון גאולת ישראל, עס זאָל ווידער אויפגעריכט ווערן ירושלים עיר הקודש און מיט רחמים פון די הימלען זאָל קומען די צייט פון שיבת ציון.

ר׳ שמעון האָט טאַקע געשמט אין שטאָט אַלס דער שליח ציבור וואָס דאַרף פאַר זיך גאָרנישט און זיין תפילה באַצוועקט נאָר צרכי צי־בור, אַ שאָד נאָר האָבן יידן צווישן זיך געטענהט, וואָס ר׳ שמעון בעל תפילה איז נישט קיין עסקן בצרכי ציבור...

ר׳ יהושע גייט צו כל־נדרי

ר׳ יהושעס הויז — האָט מען אין שטעטל געזאָגט — איז אַן אָפן הויז, ווער עס האָט נאָר געהאַט גאָט אין האַרצן האָט געקענט אַרײַנקומען אומגעשטערט, אומגעפרעגט צו ר׳ יהושע. אָרעמע לײַט האָבן ביי ר׳ יהושען אין שטוב געפונען תמיד אַ ביסל וואַרעם געקעכץ, אַ ריין העמד, אַ ריינעם האַנטוך מיט אַ קוואַרט וואַסער זיך צו וואַשן די הענט צו שאו ידיכם, און אַ שטיקל ברויט מיט זאַלץ אויף אַ מוציא. האָט אימיצער נישט געהאַט ווו איבערצונעכטיקן, אָדער נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, — צו באַצאָלן אין אַן אכסניה פאַר אַ נאַכטלעגער, — האָט ער געפונען ביי ר׳ יהושע אין שטוב אַ ריינע בעט און שרה, ר׳ יהושעס ווייב, האָט אויך מיט די אייגענע הענט אַוועקגעשטעלט אַ קוואַרט מיט אַ שיסל אויף נעגל וואַסער. חוץ דעם איז ביי ר׳ יהושען געווען — ווי מען פלעגט עס רופן — אַ בית ועד לחכמים. שבת צו נאַכט, נאָך הבדלה, און אפילו אין די מיטנוואָכעדיקע אויפדערנאַכטן, זענען זיך צונויפגעקומען יידן, בעלי־בתים פון שטעטל, זיך געזעצט ביים טיש, געטרונקען אַ גלעזל וואַרעמס און גערעדט תורה, אָדער פון וועלט־זאַכן, און דאָס הויזגעזינד פון ר׳ יהושע, דאָס ווייב, די קינדער, די שנירן מיט די איידעמס און די אייניקלעך, האָבן ווי דורשטיקע געטרונקען זייערע רייד. אַן אָפן הויז געווען ביי ר׳ יהושען.

ר׳ יהושע האָט געשמט אין שטעטל פאַר אַ גרויסן בעל־מידות, אַלע האָבן אַרויפגעקוקט צו ר׳ יהושען, וואָס ער האָט געטאָן איז געוואָרן אַ מוסטער פאַר אַלע איבעריקע בעלי־בתים. אין א צייט פון אַן עת־צרה, אַ גזירה פון מלכות, אַן אומגליק מיט אַן עפּידעמיע, אַן אָרעמע יתומה, וועמען מען האָט באַדאַרפט חתונה מאַכן, אַ יתום, וועמען מען האָט באַדאַרפט שיקן אין אַ ישיבה לערנען, אַן אָרעמע אַלמנה, וועמען עס האָט אויסגעפעלט אויף ברויט, אַ סכסוך צווישן בעלי־בתים, וועגן אַ שטיקל פלאַץ, וועגן אַ בלינדער וואַנט, עפּעס אַ ירגזון צווישן קהל מיטן רב, אָדער צווישן די קצבים מיטן שוחט, איז פּסול געוואָרן אַ סוכה, חמצדיק

געוואָרן דער הויוון אין אַ מצה־שיוואַלניע, ווייניקער געוואָרן דאָס וואַסער אין מקוה, אָדער עס איז אומגעפאַלן דער פּאַרקאַן אַרום בית החיים. איז געקומען אַ מגיד אין שטאָט אַריין, אַ שדכן פון דער פרעמד, אַלע, און וועגן אַלץ איז מען געקומען צו ר׳ יהושען אין הויז אַריין. מיט אים האָט מען זיך קודם געהאַלטן אַן עצה, און אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט אַזוי איז געטאָן געוואָרן.

ר׳ יהושע האָט קיינמאָל נישט געוואָלט פאַרנעמען קיין אָפיציעלן אַמט אין קהל, האָט זיך נישט געלאָזט ווײלן פאַר קיין גבאי אין בית המדרש און נישט פאַר קיין פרנס אין דער קהילה. אַזוי האָט ער זיך גע־פירט. ר׳ יהושע, ער האָט נישט געוואָלט זיין קיין גבאי, און נישט זיין קיין פרנס, ער האָט אפילו נישט געוואָלט זיין קיין ראש הקהל. יעדער מענטש דאַרף האָבן אַ רצון — האָט ר׳ יהושע געלערנט פּשט מיט יידן — אַ מענטש דאַרף אפילו אויף נישט וועלן אויך האָבן אַ רצון, סתם נישט וועלן איז קיין חכמה נישט, האָט ר׳ יהושע געזאָגט, — עס דאַרף דערביי אויך זיין אַ רצון, אַ גוטער ווילן נישט צו וועלן, דאַן איז דער מענטש זיכער, אַז ער וועט נישט באַגיין קיין שום עוולה, קיין שום קרומ־קייט צו קיינעם.

אַ ייד אַ בן־תורה איז געווען ר׳ יהושע, האָט נאָך עטלעכע יאָר נאָך דער חתונה געלערנט אין וואָלאָזשין, פלעגט נאָר אַהיימקומען אויף פסח און ימים נוראים. קיין פרנסה האָט ר׳ יהושען נישט געפעלט, ביידע מחותנים האָבן איינער דעם אַנדערן אַנטקעגנגעטראָגן דעם זעלבן סכום נדן, און זיי האָבן ר׳ יהושען מיט זיין ווייב שרהן, מיט זייערע קינפטיקע קינדער, און אפילו קינדס קינדער פאַרזאָרגט אויף עולמות! נו, איז טאַקע ר׳ יהושע געזעסן אין וואָלאָזשין און געלערנט, באַקומען סמיכה און ווייטער געלערנט, שוין געהאַט היתר הוראה און ערשט אויפדאָסניי גע־לערנט, שטילערהייט, קיינער זאָל נישט וויסן האָט זיך ר׳ יהושע גע־גרייט צו אַ עקסטערנעם עקזאַמען, בכדי צו קאָנען ווערן אַ „קאַזיאָנער" רב.

אין וואָלאָזשין האָט מען ר׳ יהושען גערופן אין בית מדרש: „דאָס פריצ׳ל", דעם נאָמען האָבן אים די ישיבה בחורים געגעבן, ווייל ער האָט געטראָגן בגדים, וואָס נישט יעדער ישיבה בחור טראָגט אַזעלכע.

אַ געהאַקט קאַפּאָטקעלע, וואָס האָט פֿון אים אַראָפּגעשײַנט, אַ ווײַס אָנ־געקראָכמאַלעט העמד, וואָס האָט ברילויעט, אַ פּאָר שטיבילעטן מיט גו־מי אין די זײַטן, אָפּגעפּוצט אויף אַ גלאַנץ, אין וועלכן מען האָט זיך געקענט שפּיגלען, דאָס אויבער מלבוש פֿון ברוינעם קאָליר, מיטן סאַמע־טענעם קעלנערל האָט ממש אַראָפּגעשמעקט פֿון אים, דאָס בערדל פֿײַן צעקעמט, פֿון אַלץ האָט געשמעקט אַ ריח פֿון זויבערקייט, פֿון ווײַנקייט, דערפֿאַר טאַקע האָט מען אים גערופֿן „דאָס פּריצל". שפּעטער צו, אַז ר' יהושע איז שוין געווען אין דער היים, האָט געפֿירט גרויסע מסחרים, האָט שוין געהאַט קינדער און קינדסקינדער, האָט ער שטאַרק מדקדק געווען אויף זײַן הלבשה, ער האָט אַכטונג געגעבן, אַז זײַנע בגדים זאָלן זײַן ריין, ציכטיק, און נישט צעפּאַדלט, פֿאַרפּאַטשקעט און צעקנייטשט. מלבושים בכבוד, — פֿלעגט זאָגן ר' יהושע — אַ מענטש דאַרף שטאַרק אַכטונג געבן אויף זײַנע קליידער, זיי זאָלן תמיד זײַן ריין, קיין שטויבע־לע זאָל זיך אויף זיי נישט געפֿינען, ווײַל לויטן הילוך דערקענט מען אַ מענטשן, — האָט ר' יהושע געטענהט.

אין וואָלאָזשינער ישיבה האָבן בחורים אַמאָל פֿאַרמסרט ר' יהושען פֿאַרן ראש הישיבה, אַז זיי האָבן בײַ אים געזען אַ בערשטל צו די ציין און אַ קעמל פֿאַר דער באָרד, אַז ר' יהושע האָט זיך דערוווּסט פֿון דער מסירה, האָט ער זיך צעלאַכט און געזאָגט, מען דאַרף דאָך פֿאַרמסרן יעדן ישיבה בחור, וועלכער האָט נישט קיין בערשטל צום רייניקן די ציין, און נישט קיין קעמל אויף צוצעקעמען די באָרד, וואָרום ווי אַזוי קאָן מען עס זאָגן אַ שיר המעלות, אויב די באָרד איז צעפּלאָשעט און דאָס מויל נישט געוואַשן.

די מסחרים, וואָס ר' יהושע האָט געפֿירט האָבן געפֿאָדערט, אַז ער זאָל אויך האָבן אַ מגע ומשא מיט גויים, מיט נאַטשאַלסטווע, מיט בענק, מיט די באַאַמטע פֿון דער פּאָסט און טעלעגראַף, מיטן שטייער־אַמט וכדומה. דאָס לשון האָט ר' יהושע געקענט אַזוי גוט, אַז ווען ער האָט גערעדט האָבן זײַן שפּראַך אפֿילו די גויים, די באַאַמטע באַוווּנדערט. אַז מען האָט עפּעס באַדאַרפֿט גיין אין נאָמען פֿון קהל צו דער שטאָטישער מאַכט, איז תמיד געגאַנגען ר' יהושע, און ער פֿלעגט טאַקע אַ סך מאָל באַווײַזן די גויים צו איבערצייגן אין זײַן גערעכטער טענה. ער פֿלעגט

אויך אַפּטמאַל פּועלן, אַז די און די גזירה זאָל נישט אויסגעפירט ווערן. די גויים האָבן ר׳ יהושען נישט ליב געהאַט, וואָרום ווי קאָן מען עס עפּעס ליב האָבן אַ יידן, דערצו נאָך אַ יידן, וואָס בייגט נישט אַראָפּ דעם קאָפּ פאַרן פּריץ, און זאָגט נישט אדוני המלך, נאָר רעדט ווי אַ גלייכער מיט אַ גלייכן, דאָס האָבן די טשינאָווניקעס נישט ליב געהאַט, אָבער זיי האָבן ר׳ יהושען געמוזט שאַנעווען, זיי האָבן קיין ברירה נישט געהאַט. דאָס געשטאַלט, דאָס אַנטאָן, די שפּראַך, זיין קאָרעקטע האַלטונג, דער אופן פון ריידן האָט אַרויסגערופן צו זיך דרך־ארץ אויך ביי גויים, אַפילו ביי די טשינאָווניקעס פון דער שטאָטישער נאַטשאַלסטוואָ.

ויהי היום — איז געקומען אַ טאָג, ווען דער ימח־שמוניק פאָן בראוכיטש, דער נאַצי־גענעראַל, וועלכער האָט דעראָבערט שטעט און שטעטלעך אין זיין בליץ־מאַרש אויף וואַרשע, — האָט אויך איינגענומען דאָס שטעטל, ווו עס האָט געלעבט ר׳ יהושע מיט אַן עדה יידן. פאָן בראוכיטש האָט אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג אין די דורך אים אָקופּירטע געביטן, אַז נאָך פינף דעם זייגער נאָכמיטאָג טאָר קיינער נישט אַרויסגיין פון שטוב, און ווער עס וועט וואַגן נישט אויסצופאָלגן די פאַראָרדענונג און אַרויסגיין אויפן גאַס, וועט אויפן אָרט דערשאָסן ווערן.

דאָס שטעטל האָט פאָן בראוכיטש איינגענומען אין די טעג פון עשרת ימי תשובה. דאָס געזעץ נישט אַרויסצוגיין פון די הייזער נאָך פינף אַזייגער האָט גלייך אַרויסגערופן אַ פּאַניק אין שטעטל, יידן האָבן אָנגעהויבן צו טראַכטן, עס דערנענטערט זיך דאָך דער טאָג פון יום־כיפור, היינט ווי וועט עס אַ עדה יידן נישט גיין אין די בתי מדרשים, בכדי בציבור צו זאָגן כל־נדרי? היתכן שבעולם — האָבן יידן געטענהט — אין די געפערלעכסטע צייטן, ווען מען האָט געציטערט אַרויסצוגיין אין גאַס פאַר די קאָזאַקן פון צאַר ניקאָליי, אָדער פאַר די רוצחים פון גענעראַל האַלערס חילות — האָט מען דאָך נישט פאַרפעלט דאָן צו זאָגן כל־נדרי בציבור!

דער רב פון שטעטל צוזאַמען מיט אַ צאָל בעלי־בתים זענען פאַרשפּאַרט געוואָרן אין תפיסה, די אָקופּאַנטן האָבן זיי געהאַלטן אַלס ערובניקעס. דאָס גאַנצע שטעטל האָט געציטערט פון פחד, פון שרעק. ר׳ יהושע איז על־פּי־צופאַל נישט פאַרשפּאַרט געוואָרן, עפּעס האָט דער ס״ס־

ניק ר׳ יהושעס הויז אויסגעמיטן. ר׳ יהושע האָט זיך חלילה נישט באַ־האַלטן, איז פון זיין הויז נישט אַוועקגעגאַנגען, ווי תמיד אין אַן עת־צרה האָבן זיך יידן פאַרזאַמלט אין הויז פון ר׳ יהושע. מען האָט גערעדט, געטענהט, זיך מתוכח געווען אַרום דער האַרבער פראַגע, וואָס צו טאָן ערב יום כיפור מיטן גיין זאָגן בציבור כל־נדרי. אַ טייל יידן האָבן גע־זאָגט, אַז מען זאָל נישט גיין אין די שולן, בכדי נישט צו געבן די מער־דער קיין פתחון פה צו קאָנען חס ושלום אומברענגען אַלע יידן פון שטאָט, זאָל דעריבער יעדער ייד דאַווענען ביחידות ביי זיך אין הויז, דער אוי־בערשטער אַליין וועט שוין מצרף זיין אַלע תפילות. אַנדערע ווידער האָבן געטענהט, אַז מיט די תפילות בציבור וועט מען אומשעדלעך מאַכן דעם שטן העליון און דעם שטן התחתון — און אויב חלילה עס דאַרף געשען, זאָל דאָס פּאַסירן אין דער צייט פון עבודת הבורא — אין דער צייט פון תחנונים און געבעט.

ערב יום כיפור אינדערפרי, כעלות הבוקר האָבן יידן זיך ווידער באַ־געגנט אין הויז פון ר׳ יהושע, האָבן זיך געטיילט מיט די מיינונגען און שטימונגען, וואָס קורסירן אַרום אין שטעטל. לאַנג זיין צוזאַמען האָט מען מורא געהאַט, עס איז געווען אַ סכנה זיך צונויפצוקומען עטלעכע יידן צוזאַמען. אָן אַ דעציזיע זענען זיך די יידן צעגאַנגען פון ר׳ יהושעס הויז, יעדער מיט אַ צעבראָכן געמיט, יעדער מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ, פול מיט אימה און פחד, און מיט דער האַרבער נישט־פאַרענטפערטער שאלה אין האַרצן, — וואָס טוט מען דאָך מיט זאָגן כל נדרי בציבור.

די בליקן פון יידן אין שטעטל זענען געפאַלן צום הויז פון ר׳ יהושע, יעדער האָט ביי זיך אין האַרצן געטראַכט, אַז ר׳ יהושע וועט מסתמא עפּעס פאַלן אויף אַ מחשבה, און זען, אַז יידן זאָלן דאַווענען יום כיפור בציבור, תמיד האָט דאָך, ר׳ יהושע געפונען עפּעס אַן אויסוועג ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין גזירת המלכות, נישט אַנדערש, אַז אויך דאָס מאָל וועט ער מיט גאָטס ווילן געפינען אַן אויסוועג. אַנדערע יידן ווידער האָבן צווישן זיך גערעדט, אַז ר׳ יהושע זאָגט נישט אויף ניין, איז אַ סימן, אַז ער גלויבט, אַז מען וועט זאָגן כל־נדרי בציבור, ווען חלילה ער זאָל זיין מיט דער מיינונג, אַז מען דאַרף זיך אין די בתי מדרשים נישט פאַרזאַמלען, וואָלט ער עס בפירוש געזאָגט!

ווי גיך נאָר די זון האָט אָנגעהויבן צו פאַרגיין, ווי גיך נאָר זי האָט אַרויסגעשיקט די לעצטע שטראַלן אַלס אָנזאָג, אַז עס פאַרגייט דער טאָג, און עס דערנענטערט זיך די נאַכט, האָבן יידן, פרויען, מענער, און קינדער אָנגעהויבן שטראָמען אין די בתי־מדרשים אַריין, ווער מיט טלית און קיטל און ווער מיטן טלית בלויז אין האַנט, אַנדערע האָבן זיך גלייך אָנגעטאָן אין די טליתים. קיינער, קיינער פון שטעטל, פון דער גאַנצער עדה יידן האָט נישט פאַרפעלט צו גיין אין די בתי מדרשים און צו זאָגן כל־נדרי בציבור.

יידן אין שטעטל האָבן גייענדיק אין שול אַריין געזאָגט, אַז ר׳ יהושע איז שוין אין בית המדרש, אַז ער איז דאָס מאָל אַוועק פריער ווי אַלע מאָל, אַנדערע האָבן דערציילט, אַז ר׳ יהושע זאָל האָבן געהייסן יידן גיין אין די בתי מדרשים פאַר פינף אַזייגער, בכדי נישט עובר צו זיין אויפן געזעץ, איי ווי וועט מען גיין אַהיים פון די שולן און בתי מדרשים נאָך כל־נדרי, וועגן דעם האָט מען זיך סומך געווען אויף דעם בורא עולמס הילף, דער עיקר אַז יידן זאָלן זאָגן כל־נדרי בציבור.

אין די בתי מדרשים האָבן געברענט די וועקסענע ליכט, יידן זענען געשטאַנען איינגעהילט איבער די קעפּ אין די טליתים. שטיל און מיט אַ קול דממה דקה האָט דער בעל תפילה אין דער גרויסער שול אָנגעהויבן זאָגן: על דת המקום ועל דת הקהל, בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה אנו מתירין להתפלל... ביי די ווערטער פון שליח ציבור האָט דער גאַנצער עולם אין שול ווי פריי אָפּגעאָטעמט, עס איז פאַרלוירן געגאַנגען דער פחד, עס איז אַוועקגענומען געוואָרן די שרעק, גאַנץ קהל צוזאַמען מיטן בית דין של מעלה האָט דעצידירט, אַז אַלע יידן זאָלן זאָגן כל נדרי בציבור און זיך נישט שרעקן פאַר קיינעם.

ביי אַלע יידן, אין אַלע שולן, און אין אַלע בתי מדרשים איז דורכגעלאָפן דער זעלבער געדאַנק, אַלע האָבן געאָטעמט מיטן זעלבן געפיל, אַז מלכותא דרקיע האָט גובר געווען און מבטל געמאַכט די גזירות פון מלכותא דאַרעה.

העכער און נאָך העכער, איבער די הויכקייטן פון די שערי שמים האָבן זיך געצויגן די טענער פון כל־נדרי ניגון — דער ניגון וואָס סינטעטיזירט אַזוי דייטלעך — פחד און בטחון, וואָס איז כולל אומעט און האָפענונג,

דער ניגון וואָס ברעכט הערצער, דער ניגון וואָס איז אַ געמיש פון געשריי און געבעט, פון תחינה און תפילה, פון חרטה און תשובה. דער כל־נדרי ניגון האָט אין יענעם יום־כיפור אויף דער נאַכט געגרייכט צו כביכול אַליין און אַלע מתפללים, די גאַנצע עדה יידן פון שטעטל האָבן געפונען אַ באַהעפטונג דירעקט מיטן כסא הכבוד!

דריי מאָל האָט דער בעל־תפילה געזאָגט כל נדרי, ווי דער דין איז, און יעדעס מאָל שטאַרקער, העכער, מיט אַ פעסטערער און זיכערער שטים. אַנגעהויבן שטיל, תחנונימדיק, מיט אַ שוואַכער קוים הערבאַרער, צעבראָכענער שטים, פול מיט פחד, איבערגעלאָדן פון שרעק, פון אימה, מען האָט געקענט זען ווי נאָר די האַרץ־סטרונעס באַוועגן זיך אַזוי דין, אַזוי סובטעל, אַזוי בנעימותדיק אינטים, אַזוי צאַרט נשמהדיק, און דאָס זעלבע ביי אַלע מתפללים, אַלע צוזאַמען, ווי פאַרוויגט פון זעלבן ניגון טאַקט, פון זעלבן האַרץ ציטער, איינגעהילט אין דער זעלבער קדושה, דורכגעדרונגען מיט די זעלבע ערעורי תשובה, ווי צוגעשמידט צו איין און דעם זעלביקן גורל.

צום צווייטן מאָל האָט זיך די שטימע פון בעל־תפילה געשטאַרקט, העכערער געוואָרן, זיכערער און צום דריטן מאָל הויך, פעסט, עפעקטפול, ווי אַלע טויערן פון הימל וואָלטן זיך געעפנט און עס איז פריי געוואָרן דער אַריינגאַנג צום כסא הכבוד, אין דער לופט האָט זיך געטראָגן דער געפיל פון זיכערקייט, אַז רחמים האָבן פאַרביטן האַרבן פסק דין, אַז אנשטאט משפט איז פאַרגעקומען אַ דין תורה מיטן כביכול אַליין.

אויך דאָס פייער פון די ברענענדיקע וואַקסענע ליכט איז העכער געוואָרן, דער פלאַם שטאָלצער, זיך געצויגן אין דער הויך, ווי אַרויסגעקראָכן פון דער הכנעה, ווי דערפילט אַ פאַרטיידיקונגס צד אין הימל, וואָס וועט נישט דערלאָזן צו קיין רשעות צו די מתפללים!

די מיליטערישע וואַך איז ווי צעמישט געוואָרן, האָט נישט געקענט פאַרשטיין, וואָס אין שטאָט קומט פאָר, די היטלער יונקער זענען אַרומגעלאָפן ווי משוגעים, געגאַנגען פון איין בית־המדרש אין צווייטן און אומעטום, אומעטום געזען יידן איינגעהילטע אין טליתים און ריכטן אָפּ זייערע תפילות.

קיינער פון די רוצחים האָט נישט געוואַגט אויסצושטרעקן אַ האַנט

קעגן די שטאָלצע מתפללים, דער ניגון פון כל נדרי, די תפילות פון יעלה תחנונינו מערב, דער גאַנצער פיוט פון מעריב, די סליחות, דער השתפכות הנפש פון אַן עדה יידן פאַרן רבונו של עולם האָט אפנים אומשעדלעך געמאַכט דעם שטן המקטרג אין געשטאַלט פון די היטלער גזלנים!

די נאַכט פון כל־נדרי איז אין שטעטל אַדורכגעגאַנגען רואיק. נאָכן דאַווענען זענען פיל יידן געבליבן אין די בתי־מדרשים, ווער עס האָט גע־זאָגט תהילים, ווער עס האָט געלערנט אַ פרק משניות, אָדער אַ בלאַט גמרא, ווער עס האָט סתם מעין געווען אין אַ ספר, אָדער גאָר אַרומשפּאַ־צירט אין בית המדרש און געכאַפּט רעיונות, זיך באַהאַפטן מיט גאָר אַנ־דערע וועלטן, וועלטן וואָס זענען פריי פון אכזריות, פריי פון רשעות, פריי פון שלעכטס, וועלטן ווו מען קאָן בענטשן מלכות לעולם ועד!

ר׳ דוד אין סוכה

מוצאי יום כפור, גלייך נאָך קדוש הלבנה איז ר׳ דוד געלאָפן אַהיים געמאַכט הבדלה, טועם געווען אַ כזית צו שטילן דעם הונגער, געווונטשן זיין בני בית אַ גוט יאָר און איז אַרויסגעגאַנגען פון שטוב אויפן הויף בכדי מקיים צו זיין אַ יידישן מינהג: אַריינצוקלאַפן אַ שטיק האָלץ אין דער ערד און אַזוי אַרום לייגן דעם יסוד פאַר אַ סוכה. דערנאָך צוריק אַריינגעגאַנגען אין הויז, האָט אַרויסגענומען פון ספרים שראַנק אַ מסכת סוכה און אַ גאַנצע נאַכט עוסק געווען אין לערנען די מסכת און נאָכגעזען אין שולחן ערוך אורח־חיים די הלכות פון סוכה.

מיטן אויפגיין פון פרימאָרגן האָט ר׳ דוד געענדיקט די מסכת, ווי־דער אַרויסגעגאַנגען אויפן הויף, איבערגעגראָבן די ערד, צונויפגעקלאַפט די ברעטער, מיט טיפער כוונה אַרויפגעלייגט דעם סכך און פאַרטיק גע־מאַכט אַ סוכה.

די פיר טעג צווישן יום כפור און סוכות איז ר׳ דוד געווען שטאַרק פאַרנומען מיט באַצירן די סוכה מיט אַלע שיינע זאַכן. אויפגעהאָנגען אויף די ווענט פאַרשידענע פירות, בינטלעך ווייַנטרויבן, ניס, עפל, און באַרנעס און אַנדערע פרוכטן וואָס ער האָט נאָר געקענט באַקומען פאַר זיינע אָרעמע, אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס. איין קלייניקייט, „סוכות״ פלעגט ר׳ דוד זאָגן, איז דאָך דער גרעסטער יום־טוב, ווער עס איז מקיים די מצווה פון סוכה ווערט דאָך אַ שותף צום רבונו של עולם אין מעשה ברא־שית.

די מצווה פון סוכה האָט ר׳ דוד מקיים געווען מיט זיצן גאַנצע טעג, דאָרט אויך נעכטיקן. ער האָט געוווינט אין דער סוכה גאַנצע זיבן טעג, סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט, ווי ער האָט געוווינט אין זיין שטוב אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר. די סוכה איז געוואָרן זיין דירת קבע, און זיין הויז די דירת עראי.

אין דער סוכה האָט ר׳ דוד געזען אַ מצווה, וואָס ער איז ביכולת אויסצופירן מיט אַלע זיינע רמ״ח אברים און שס״ה גידים. די לופט וואָס

ער האָט געטעמט, די ערד וואָס ער האָט געפילט אונטער זיינע פיס, דער סכך פון אויבן, די ווענט אַרום; אַלץ איז דאָך געמאַכט געוואָרן לשם מצווה און, אַז ער איז אינעווייניק אין דער סוכה, — איז ער דאָך אַרומגערינגלט מיט כולו מצוות, זיין וועזן פילט דאָך אויס דעם חלל פון דירת מצווה, היינט ווער איז דען גלייך צו אים!

סיי אין דעם בויען און סיי אין דעם זיצן אין סוכה האָט ר' דוד דערפילט דעם זכר און די בענקשאַפט נאָך דעם ווייטן עבר. נאָך דער גליקלעכער פאַרגאַנגענהייט ווען יידן האָבן געפייערט דעם חג האסיף, דעם יום־טוב פון איינזאַמלען די פירות, די פרוכט פון אַקערן און זייען אין ארץ ישראל, בעת דאָס פאָלק האָט זיך געפונען תחת גפנו ותחת תאנתו. אין הארץ פון ר' דודן האָבן אויפגעטויכט בענקשאַפטן נאָך יענעם יידישן לעבן אויף דער נאַטור, נאָך יענער אַרבעט אויף אייגענער ערד, נאָך יענער זיכערקייט וואָס איז געווען געשיצט פון אייגענע הימלען, נאָך יענער שפע וואָס איז געקומען פון זיעת עמינו. די דאָזיקע בענקשאַפט, די זכרונות פון אַלטע צייטן, ווי זיי ווערן באַשריבן אין אונדזערע הייליקע ספרים האָבן ביי אים אַרויסגערופן טאָפּלטע געפילן פון באַדויערן און האָפענונג, בטחון, אַז עס וועלן מיט גאָטס הילף קומען בעסערע צייטן פאַרן פאָלק ישראל, וואָס וועט זיך צוריק אומקערן אין זיין היימלאַנד און ווידער זוכה זיין צום פולן גענוס פון זיין שפע.

חוץ די דעראינערונג און בענקשאַפט האָט ר' דוד געזען אין דער סוכה אויך אַ טרייסט, אַ טרייסט, אַז די דירת קבע אין גלות וועט לאַנג נישט דויערן, אַז עס איז געשיכטלעך נישט מער ווי אַ פראַגע פון טעג, געציילטע טעג, זיבן לויט דער צאָל. דורך די זיבן טעג פון סוכה לעבן, האָט ער דערפילט, האָט ער געזען דורך דעם דורכזיכטיקן סכך די בליקן פון די הימלען, וואָס האָבן מרמז געווען, אַז די דירה אין וועלכער ער און אַ סך אַנדערע יידן לעבן אין גלות די איבעריקע טעג און נעכט פון אַ גאַנץ יאָר — איז נישט מער ווי אַ דירת עראי, אַ צייטווייליקע וווינונג, די שטענדיקע, די אייביקע היים איז דאָס לאַנד פון אונדזער עבר, דאָס לאַנד פון עתיד פאַר אונדזער פאָלק ישראל, — ארץ־ישראל!

בנין הארץ איז דאָך אַ געוואַלדיק גרויסע מצווה, פלעגט ר' דוד איינטענהן, היות, אָבער די אומות העולם לאָזן דאָך נישט, משמעות, אַז

אין די הימלען איז נאָך נישט אויסגערופן געוואָרן די צייט, — איז בנין הסוכה און בעיקר דער זיצן אין דער סוכה נישט נאָר אַ זכר, נישט נאָר אַ דעראינערונג; נאָר אויך אַ הכנה — אַ צוגרייטונג צו דער מצווה און לויט אונדזערע פוסקים קומט אויס, אַז די מאָס פון הכנת מצווה איז אַמאָל ניט קלענער ווי די מאָס פון דער מצווה גופא.

געפינענדיק זיך אין סוכה האָט ר׳ דוד פּאַרענטפערט אַ סך פון די האַרבע שאלות, וואָס האָבן אים געמאַטערט אַ גאַנץ יאָר. אַרויפקוקנדיק דורכן סכך צו די לויטערע הימלען, איז אויך דער מוח ביי אים געוואָרן לויטערער און לייכטער געמאַכט דורך די הימלען דעם וועג צו געפינען תשובות אויף שווערע קשיות.

זיצנדיק ביים טיש אין סוכה, — אַ טיש צונויפגעקלאַפּט פון קעסט־לעך, בעת ביילע זילפּע, זיין ווייב, האָט דערלאַנגט די יום־טובדיקע מאכלים, פון שענסטן און פון בעסטן ווי אַ טעלער לאָקשן מיט יויך און דאַרע מאַנדעלעך אַרומשווימענדיק אויף דער אויבערפלאַך פון דער יויך, אַ טעלערל מיט צוקער באַבעס, אַן אויסגעקאָכט שטיקעלע פליישׁ, וואָס מען האָט געקאָנט פעדימווייז עסן, אַ מערן־צימעסל מיט אַן אָנגעפילט העלדזעלע, אַביסל סאָדע־וואַסער אַליין געמאַכט פון אַביסל עסיק, טרינק סאָדע און ציטרין־זאַלץ, פלעגט ר׳ דוד צווישן עסן און בענטשן, פאַרן אַרויפגיסן די מים־אחרונים־וואַסער אויף די שפּיצן פינגער, איידער ער האָט אָנגעהויבן דעם שיר המעלות פאַרקאַטשען זיין לאַנגע גרויע באָרד, אַריינכאַפּן אַ שפּיץ־עק צווישן די ציינער און זיי פאַרשטייפן, איין אויג פאַרזשמורען דריי־פערטל פאַרמאַכט און דאָס צווייטע אויג צעעפענען, פאַרציען די ברעם אין דער הויך, וואָס האָט קארבירט דעם אויגן ווינקל פון צעקנייטשטן שטערן און אַזוי מחשבותדיק מיט אַ בנעימותדיק קול אויסטייטשן דעם זין פון לעבן. ביילע דו זעסט די הימלען, וואָס קוקן אַריין אין דער סוכה, וואָס שפּיזן דורך זייערע בליקן דורכן סכך! אָט! צו די הימלען דאַרפן מיר האָבן בטחון. אין בטחון איז פאַראַן אַ גרויסע הילף, סיי בענין התורה און סיי בענין העולם. בטחון ברענגט צו מנוחת הנפש — צו אַ באַרואיקונג פון געמיט און דינען גאָט ברוך הוא קאָן מען נאָר מיט אַ רואיק נפש, נישט אויפגעצערנט, בטחון מיינט נעמען דעם רבונו של עולם פאַר דעם פאַרזיכערער ווי אין פסוק שטייט געשריבן אין

ירמיה „אשרי הגבר אשר שם ה׳ מבטחו״ — ווייל איז דעם מענטש, ביי וועמען דער נאָמען פון גאָט איז זיין פאַרזיכערונג. דער זעלבער ירמיה זאָגט: „ארור הגבר אשר יבטח באדם״ — אומגליקלעך איז דער מענטש, וואָס האָט בטחון אין אַן אַנדער מענטש. ומן ה׳ יסור לבו — און קערט אָפּ זיין האַרץ פון גאָט. דעריבער ביילע! איז דער זין פון לעבן, דער גאַנצער תכלית פון חיות הנפשות געבויט אויף בטחון, וואָס האָט אַן אָנשפּאַר אין די הימלען...

דו באַקלאָגסט זיך ביילע, אַז דאָס לעבן איז שווער, אַז דו דאַרפסט שטיין אַ גאַנצן טאָג מיט אַ טישל אין מאַרק און וואַרטן אויף אַ קונה, ווינטער אין פראָסט און אין קעלט און זומער אונטער דער ברענענדיקער זון, מאַנכעס מאָל אונטער אַ גאָס רעגן, אונטער האָגל, דערצו איז שווער מיט חיונה, אַז כקריעת ים סוף קומט אויס צו האַרעווען אויפן אָרעמען שטיקל ברויט. ביי ליכט בענטשן זאָגסטו ביילע אַ שטילן יהי רצון און פרעגסט זיך פאַרוואָס איז דיין גורל אַזאַ שווערער און טראַכסט דאָך מן הסתם פאַרוואָס קומט אַנדערע דאָס לעבן אָן גרינגער. ווייל איך דיר ביילע דערציילן וואָס אַ פּסוק זאָגט אין משלי. דאָרט שטייט בפירוש געשריבן: אל תיגע להעשיר — דו זאָלסט זיך נישט מיען רייך צו ווערן. ווייטער זאָגט זיך אין משלי „מבינתך חדל״ — דורך דיין פאַרשטאַנד זאָלסטו אויסמיידן רייך צו ווערן, ווייל אין איין אויגנבליק פאַרגייט דאָס עשירות ווי אונדזער חכם שלמה המלך האָט אין קוהלת געזאָגט: „צום זינדיקן האָט דער רבונו של עולם געלאָזט איינזאַמלען רייכטום, אָבער די רייכקייט האָט גאָט ברוך הוא ביי אים געלאָזט נאָר ווי אַ פקדון, בכדי שפּעטער דאָס קאָנען אָפּגעבן צו דעם וואָס איז עס ווערט, דערפאַר טאַקע ביילע! דאַרף מען האָבן בטחון אין גאָט״.

דער סכך מיט וועלכן די סוכה איז באַדעקט ביילע! האָט ווייטער מיט גרויס מנוחת הנפש ר׳ דוד געזאָגט איז דער וועג וואָס עפנט די טויערן פון בטחון — די שערי הבטחון וואָס פירן דירעקט צו די שערי השמים — צו די טויערן פון די הימלען ווו גאָט ברוך הוא אַליין האָט אַרויסגעמענדיק די יידן פון מצרים זיי באַזעצט אין סוכות און נאָכהער זיי אַריינגעפירט אין אונדזער הייליקן לאַנד — ארץ ישראל.

דער יום־טוב פון סוכות אַנטהאַלט אין זיך זיבן מצוות, האָט ר׳

דוד אויסגעטייטשט זיין ווייבביילען געמלעך: די סוכה, די פיר מינים פון לולב, חגיגה און שמחה. בטחון דערציילט אונדז רבינו בחיי אין זיין ספר חובת הלבבות האָט זיבן סיבות פאַרוואָס אַ מענטש זאָל זיך סומך זיין, אַזוי אַרום איז סוכות דער יום־טוב פון בטחון, דערפאַר טאַקע דאַרפן מיר זיין פריילעך און פאַרטרייבן פון זיך די עצבות, — דעם אומעט.

ווען ר׳ דוד האָט ביים בענטשן געזאָגט דעם פסוק: „הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל״ — אַז דער היטער פון פאָלק ישראל דרימלט נישט און שלאָפט נישט איז אויך ביילע זילפע געוועזן פול מיט בטחון, פול מיט גלויבן און האָפענונג אין גוטע צייטן פאַר זיך און פאַר כלל ישראל...

ר׳ טוביה שיכור

מיטן טיפן ערנסט, מיט פריידיקער פרייד, מיט געהויבענע הענט צום הימל פלעגט ר׳ טוביה זאָגן: דער גאַנצער יום־טוב סוכות, אפילו ראש השנה און יום־כיפור, אַריינגערעכנט אין מספר אויך הושענא רבה איז נישט מער ווי אַ פּרוזדור וואָס פירט אַריין אין גרויסן יום־טוב פון שמחת תורה, ווען אַלע יידן, קליין און גרויס, קענען זיך משמח זיין מיט דער תורה, אָפּגעבן דעם נויטיקן כבוד אונדזער הייליקער תורה, באַ־גלייטן מיט טאַנץ און געזאַנג דעם סיום התורה און מיט שירה און זמרה עמפּפאַנגען דעם בראשית פון אונדזער תורה.

מיט פאַרגלאָצטע אויגן צום אל בראשית, — צום גאָט פון בראשית, מכוון זייענדיק דעם לעצטן און ערשטן אות פון דער תורה, פלעגט ר׳ טוביה אויסשרייען „שמחת תורה איז דער אמתער זמן שמחתנו". דערי־בער יידן! לאָמיר גיין אַ ריקודל — אַ טאַנץ און אַזוי, אָט אַזוי: אַקסל צו אַקסל, אָרעם צו אָרעם, האַנט אין האַנט געפלאָכטן, פיס צוזאַמען גע־קייטלט, מיט דעם זעלבן ריטם, אונטער איין אָטעם לאָמיר אויסטאַנצן און אויסזינגען אונדזער פרייד, אונדזער שמחה.

בעת ר׳ טוביה האָט מיט אַן עדה שטיבל יידן געטאַנצט און געזונ־גען דעם שישו ושימחו בשמחת תורה, האָט מען געפילט ווי דער רוח אלוהים האָט זיך מתיחד געווען מיטן רוח התורה — דער גייסט פון גאָט האָט זיך צוזאַמענגעהאָפטן מיטן גייסט פון תורה און דער בורא עולם אַליין חזרט איבער זיין גרויס וואָרט: יהי אור! זאָל ליכטיק ווערן!

אין אַלע ווינקעלעך פון שטיבל, אין אַלע ווינקעלעך פון יידישן האַרץ האָט אויפגעלויכטן ליכט — ויהי אור — עס איז ליכטיק געוואָרן. אָרעם און רייך זענען געוואָרן גלייך ביים אָפּגעבן כבוד דער תורה.

ביי קריאת התורה איז ר׳ טוביה עולה געווען מיט דער עליה פון כל הנערים און מסיים געווען די תורה מיטן לייענען די פרשה המלאך הגואל. אַלע קינדערלעך איינגעהילטע אין טלית פון ר׳ טוביהן האָבן דער־פילט ווי עס שפּאַלטן זיך די הימלען און פון די הויכן קומט אַראָפּ דער

מלאך הגואל, נעמט זיי אַרונטער אונטער זיינע פליגלען און בענטשט זיי מיט דער ברכה פון דער שכינה העליונה.

די קינדער פון שטיבל האָבן זיך געקלאַמערט אין ר׳ טוביהן, מיט די פענדעלעך אין די הענט האָבן זיי זיך צוגעהאַלטן ביי די פּאָלעס פון ר׳ טוביהס טלית און מיט אים געגאַנגען די הקפות. טראָגנדיק די פענ־ד׳עלעך האָט מען געקאָנט דערקענען צווישן די רייכע און אָרעמע קינדער. האָט אַ קינד אויפן שפּיץ פענדל געהאַט אַן עפּל אָדער אַן אַנדער פרוכט פאַר אַ ליכטל־האַלטער, איז דאָס געווען אַ סימן מובהק, אַז דאָס קינד איז פון רייכע עלטערן.

ר׳ טוביה אַליין איז נישט געווען קיין עושר, גראַד פאַרקערט, דער אָרעמאַן האָט פון אים אַראָפּגעלויכטן, מען האָט די אָרעמקייט דערקענט אין זיין הילוך, די אַטלאַסענע קאַפּאָטע אין צוויטן צעפּיצלט, אַ לאַטע אויף אַ לאַטע געלייגט, דערצו נישט אַלע לאַטעס פון אַטלעס, אַ היפּשער געמיש פון אַנדערע שטאָפן — נאָר חלילה נישט קיין שעטנז. פּרנסה גע־צויגן פון בעל עגלהריי. אַלץ הייסט פּרנסה, קודם האָט ער באַדאַרפט פאַרזאָרגן כאָטש מיט אַביסל שעטשקע די אויסגעמאַגערטע קלאַטשע, נאָכהער מיט אַביסל סמאַלע אַנצושמירן די רעדער זיי זאָלן נישט סקריי־פּען און דער הילצערנער אינגעווייד אין זיי זאָל נישט פאַרדאַרט און פאַרטריקנט ווערן. ערשט נאָך דעם טראַכטן ווי אַזוי שטוקעוועט מען צו־זאַמען אַ גראָשן צו אַ חסר גראָשן און קענען קויפן אַ פונט ברויט אין שטוב אַריין.

אין שטיבל האָט פונדעסטוועגן ר׳ טוביה געהערט צו די חשובי הקהל, שבת געדאַוונט שחרית פאַרן עמוד, ראש השנה און יום כפּור מנחה. שמחת תורה פאַר אתה הראת, איז ער טאַקע נישט געווען בכוח צו באַצאָלן, אָבער כל הנערים האָט ער באַקומען, חלילה נישט אומזיסט, ער האָט גאָר אָזאַ זאַך נישט פאַרלאַנגט, ער האָט פאַר דער עליה באַצאָלט מיט אַ שייטל האָלץ צו באַהייצן דאָס שטיבל. דאָס האָלץ אַליין צונויפגעקליבן אין וואַלד און צוזאַמען מיט זיין שקאַפּע דאָס גע־בראַכט אין שטיבל אַריין.

אין שטעטל האָט מען אים אַ גאַנצע וואָך גערופן טוביה דער בעל עגלה. שבת און יום־טוב אין שטיבל האָט ער געהייסן ר׳ טוביה. צו די

חשובי העיר האָט ער נישט געהערט, צווישן חסידים אָבער אין שטיבל האָט ער געהאַט זיין חשיבות. אין די וואָכעדיקע טעג ביים פערד און וואָגן, אין צעריסענעם שפּענצער, אויסגעדאַרטע שטיוול, די פּיאות פאַר־רוקט אונטער דער יאַרמולקע, די בייטש אין האַנט, שטיקלעך שיעטשקע אין דער פאַרקאָלטעוואַטער באָרד נאָכלויפנדיק אַ פּאַסאַזשיר — אים אַוועקצופירן צו דער אייזנבאַן, אָדער נאָך אַביסל משא דאָס איבערצו־פירן מקום למקום — האָט ער געהייסן טוביה. יום־טוב און שבת, אין שטיבל, נאָך דער מקווה, אין דער אַטלאַסענער קאַפּאָטע, אין שטיבי־לעטן מיט גומי אין די זייטן, די באָרד צעוואַשן און צעקעמט, די פּיאות צעהאָנגען בפרהסיה, נאָכיאָגנדיק אַ פּרק משניות, אַ פּרק עין יעקב, אַריינ־כאַפּנדיק אַ יום תהילים, מוציא זיין דעם ספר פון ארון הקודש און צו־טראָגן צום שולחן פאַר קריאת התורה, אויסרופן דעם מקח פאַר די עליות צום ערשטן, צווייטן און דריטן מאָל, זיין דער פערמאַנענטער בעל־חזקה פון גלילת־הספר זאָגנדיק דעם פּסוק „לך ה׳ הגדולה“ — האָט מען אים גערופן ר׳ טוביה. אַ גלייכער — מיט אַלעמען צוגלייך.

אין טאָג פון שמחת תורה האָט ר׳ טוביה צובאַקומען אַ נאָמען — מען האָט אים נעמלעך גערופן ר׳ טוביה שיכור. אַפילו די קינדערלעך פון שטיבל און פון גאַנצן שטעטל האָבן אים אין דעם טאָג געקענט אַלס ר׳ טוביה שיכור. אַ גאַנץ יאָר האָט ר׳ טוביה אפילו נישט קיין שמעק געטאָן צום פלעשל, כאָטש אין די קעלטן, וואָס האָבן דורך דעם צערי־סענעם שפּענצער שטאַרק דורכגעפרוירן די ביינער, וואָלט אים אַביסעלע משקה צונוץ געקומען, אָבער חס וחלילה, ער האָט גישט געטרונקען, ראשית דערפאַר, ווייל עס שטייט דאָך געשריבן אין דער תורה: „יין ושכר אל תשת“ — מען זאָל נישט טרינקען, נישט קיין וויין און נישט קיין בראָנפן, אפילו מען זאָל דעם אל, לייענען פאַרקערט — פלעגט ר׳ טוביה זאָגן — מיינט דאָך דאָס אויך לא מיט אן אלף, הייסט ווי איז מען דאָס עובר אויף אַ לאו. שנית, וואָס פריער האָט ר׳ טוביה באַ־דאַרפט טאָן, אַריינברענגען אין שטוב אַ זעקל קאַרטאָפל, אַ פוד ראַזשוקע, אַ פּערטל ציבעלעס, אַ טוץ הייפּטלעך קרויט, אַ בינטל בריקעוו, אַביסל בראַקאַוונע בוראַקעס, אַ פלעשל בוימל אָדער אַביסל משקה. לכן איז נישט געווען פון וואָס צו ריידן און טאָקע נישט פאַרוואָס צו טרינקען.

שמחת תורה אָבער איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש. אין דעם טאָג דאַרף מען דען זיין שיכור פון בראָנפן? וואָס איז? די תורה אַליין איז דען נישט געזונג? עס שטייט אפילו געשריבן אַז יין ישמח לבב אנוש. — אַז ויין מאַכט פריילעך דאָס מענטשלעכע האַרץ — דאָס יידישע האַרץ דאַרף אָבער געפרייט ווערן פון דער תורה. ווי האָבן אונדזערע בעל־אגדות געזאָגט, אַז דער וואָס לערנט תורה, ווערט זי ביי אים איינגעזאַפּט אין בלוט. ר׳ טוביה האָט געלערנט, אַ גאַנץ יאָר עוסק געווען אין לערנען, פאַרטאָגס אין בית המדרש, שבת און יום־טוב אין שטיבל און פאַרנדיק מיט זיין שקאַפע איבער פעלדער און וועלדער האָט ער ווידער געלערנט. מיטן תורה לערנען האָט ער געשטילט דעם הונגער, דעם דורשט. זיין איינציקער באַגער איז געווען צו קענען וואָס מער לערנען, ווי אין פסוק שטייט: „כי אם בתורת ה׳ חפצו״ — נאָר צו גאָטס תורה איז געווען זיין באַגער.

מה דאַך — פלעגט ר׳ טוביה טייטשן: עס ווערט געבראַכט פון די חכמים, אַז אויב איינער לערנט פון אימיצן איין פּרק אָדער איין הלכה, איין וואָרט אָדער אפילו איין אות — דאַרף מען אים אָפּגעבן כבוד — היינט וויפל כבוד באַדאַרף מען עס אָפּגעבן דער תורה אַליין, בפרט נאָך אין טאָג פון שמחת תורה — ווען מען איז די תורה מסיים.

אָפּגעבן כבוד קען מען נאָר מיט שמחה, מיט פרייד, דעריבער זאָגט זיך טאַקע בנשימה אחת: ששו בשמחה תורה און גלייך נאָך דעם תנו כבוד לתורה, דאַרף מען הייסט עס זיין פריילעך, האָט ר׳ טוביה גע־טענהט און זיין שמחה האָט דערגרייכט ביז שיכרות, פאַרשיכורט גע־ווען פון דעם גרויסן קוואַל פון דער תורה.

שמחת תורה נאָכן דאַווענען, ווען ר׳ טוביה איז אַמאָל מיטגעגאַנ־גען מיט ר׳ הערש־לייבן דעם חתן־תורה, און ביי אים אין הויז געכאַפּט אַ לחיים מיט אַביסעלע, אַ טראָפּן בלויז חריפותדיקע משקה, אויפן ניכ־טערן מאָגן, אויף אַ פאַרשיכורט תורה האַרץ, האָט ער דערפילט, אַז ער נידערט אַראָפּ פון דער מדרגה פון שיכרות און ווערט גאָר בגילופנדיק, דער קאָפּ ווערט גאָר פאַרדרייט, די רעיונות צעטומלט, עפּעס אַ געמיש פון שמחה מיט עצבות, איז ער שנעל אַהיימגעגאַנגען זיך אויסניכטערן, מיט אַ כזית איבערקייען די שלייפן און גלייך אַוועקגעגאַנגען אין שטיבל

אַריין, זיך געזעצט לערנען און אַזוי לאַנג געלערנט, ביז ער האָט צוריק באַקומען דעם טעם פון שיכרות, — ביז ער איז ווידער פאַרשיכורט גע־וואָרן פון דער תורה און אַזוי פאַרשיכורטערהייט זיך צעזונגען אויפן קול: שירו לו, זמרו לו, שירו בכל נפלאותיו.

אַז מען האָט אין שטעטל געזאָגט ר׳ טוביה שיכור, האָבן אַלע גע־ווּסט, אַז זיין ריח איז נישט פון משקה, פון אָקעוויט, נאָר פון תורה — די תורה וואָס איז איינע פון די זיילן אויף וועלכער עס געפינט אָן אָנ־שפּאַר די וועלט, די תורה, אָן וועלכער הימל און ערד וואָלטן חלילה קיין קיום נישט געהאַט, די תורה, וואָס איז דער לייכט־טורעם פאַרן מענטש־לעכן לעבן.

ר׳ ישראל בעל־נצח

דעם זיבעטן טאָג סוכות, וואָס איז דער טאָג פון הושענא רבה האָבן יידן אין שטעטל פון שול און בית המדרש, פון אַלע חסידים שטיבלעך — אָנגערופן אויף די נעמען פון די שטעט, ווו עס האָבן זיך געפונען די רעזידענצן פון די רביעשע הויפן, ווי למשל: גער און אַלעקסאַנדער, אמשינאוו און ראדזימין, ראדזין און פילעוו און אַנדערע — אָפּגעגעבן ר׳ ישראלן מזל־טוב, מזל טוב צום גרויסן נצחון — צו נצח ישראל.

ביים דאַווענען, בעת מען האָט אנשטאט נשמת געזאָגט מזמור לתודה, אָדער אין כמוך שמע ישראל, האָט מען מכוון געווען אויך ר׳ ישראלן און אין זיין שטיבל, ווו ער האָט מתפלל געווען, האָט מען געקענט באַמערקן, אַז עס פאַלן אויף אים בליקן, פון יונג און אַלט, בליקן סודות־פולע, איינגעהילט אין רמזים, רזון־דרזונדיק, וואָס האָט געזאָלט אָנדייטן, אַז אין זיין זכות איז אין די הימלען געלייגט געוואָרן אין אַלע דריי ספרים די חתימה פאַר ישועה און נחמה. פאַראויס גאָט ברוך הוא און נאכהער ער, ער האָט עס אויסגעפועלט, ער איז דער גורם, ער וועט נאָך אויך ברענגען משיחן, ער קאָן דאָך דערגרייכן אַזאַ מדרגה אין די הויכקייטן, וואָס דאָס אויג קאָן נישט דערזען, הייגט ווער הערט דען דעם קול מבשר אויב נישט ער? ער האַלט אויף דעם גאַנצן קיבוץ אין שטעטל — האָבן יידן איינער דעם אַנדערן אַריינגעשושקעט אין די אויערן. ער האָט אוודאי געוואונען דעם משפט פאַר אונדז אַלעמען, הייגט אין הושענא רבה געהערט ער צו די בני מלכא, צו די גבורים, וועלכע רופן אויס סיומא דדינא, ווי עס ווערט אין זוהר געשריבן: „יומא שביעתה דחג הוא סיומא דדינא דעלמא ופתקין נפקין מבני מלכא וגבורין מתערין ומתיימי בהאי יומא“.

אין טאָג פון הושענא רבה האָט זיך ר׳ ישראל אַליין געפילט לעילא־ולעילאדיק. אַביסל מער דערהויבן ווי אין אַלע טעג פון די ימי־נוראים, פון די ימי הדין. אַ גאַנצע נאַכט געזעסן און געלערנט. מעין געווען אין

מוסר ספרים. געזאָגט תהילים און אַלע ווײַלע צוגעגאַנגען צום פענצ־טער אַרויפגעקוקט צו דער לבנה און בודק געווען צי זי האָט חלילה נישט קיין פלעקן, וואָס ער האָט געזען אַלס סימן טוב.

פאַרן עלות השחר, נאָך איידער עס איז אויפגעגאַנגען דער פרי־מאָרגן, איז ער אַוועק אין מקוה, מיט כוונה זיך טובל געווען כדין און זיך געגרייט צום דאַווענען.

אַזוי ווי יום כפור האָט אויך ר׳ ישראל אין הושענא רבה געדאַוונט אין אַ קיטל, אַז ער האָט גענומען אין איין אָרעם אַ ספר תורה און אין דער אַנדערער האַנט די טייך־שטעקעלעך צו הושענות און אַלע מתפללים האָבן אים ווי דעם חזן־תפילה אַרומגערינגלט זיבן הקפות, האָבן די מלאכי־השרת אין די הימלען מיט גרויס שמחה אויסגערופן: נצחו ישראל, נצחו ישראל. יידן האָבן געזיגט. אַ גאַנץ יאָר לעולם האָט למען האמת קיינער זיך נישט אומגעקוקט אויף ר׳ ישראלן. מ׳האָט אים צומאָל נישט געזען און נישט באַמערקט. ס׳הייסט מען האָט געוווסט, אַז ישראל אַרבעט אין אַ סאָדע־וואַסער פאַבריקל ביי ר׳ הערש לייזערן, דער אייגנטימער פון דער אכסניה און גאַרקיך. ישראל טראָגט דאָרט וואַסער פון ברונעם, גיסט דאָס וואַסער אַריין אין דעם גרויסן קופערנעם קעסל, דרייט אַ גאַנצן טאָג דעם גרויסן ראָד, וואָס מישט צוזאַמען דאָס וואַסער מיטן גאַז, פון וואָס עס ווערט סאָדע־וואַסער, צאַפּט אַריין דאָס סאָדע־וואַסער פון קעסל אין די גרויסע קופערנע באַלאָנען, און פאַרטאָג טראָגט ער אויף די אַקסלען צונויף די באַלאָנען צו די נאַשוואַרג און סאָדע־וואַסער קרעמלעך אין שטעטל.

דאָס וואַסער פון ברונעם האָט ישראל געטראָגן אויף קרעמעשלעס. אַן אויסגעשניטענע ברעט צוגעפּאַסט צום האַלבן עגול פון זיין נאַקן אויף די אַקסלען, פון ביידע זייטן האָבן נאָכגעהאָנגען פאַרזשאַווערטע דראָטן, — ווענמעס עקן האָבן אַריינגעכאַפּט די עמערס וואַסער ווי אין אַ שטייג. די פאָדערשטע שפיצן פון זיינע פאָלעס פון צייגענעם כאַלאַטל מיט לאַ־טעס, פאַרבויגן ביז צום גאַרטל, דאָס זעלבע די פאָדערשטע ציצית פון טלית קטן, די הענט פאַרקלאַמערט אין די דראָטן פון די קרעמעשלעס און אַזוי געטראָגן וואַסער, הין און צוריק געשפּרייזט מיילן גאַנצע. פון ברו־נעם גייענדיק אין פאַבריק מיט די פולע עמערס וואַסער האָט ישראל אַכ־

טונג געגעבן צו גיין פֿאַמעלעך, נישט געאײַלט. דאָס וואַסער זאָל זיך חלילה פֿון די עמערס נישט אויסגיסן. די טריט זענען געווען געמאָסטן, ריכטיק אויף אָפּצוזאָגן אויף אויסנווייניק אַ קאַפּיטל תהילים. מיט די לײדיקע עמערס פֿון פֿאַבריקל צום ברונעם צו, איז שוין ישראל געגאַנגען שנעל, מיט אײַליקע טריט. מקפּיד געווען ס׳זאָל חלילה נישט זײַן קיין ביטול זמן פֿון דער אַרבעט, איין קלייניקייט. ער קריגט דאָך באַצאָלט פֿאַר דער צײַט, הײַנט ווי קאָן מען עס, ווי מעג מען עס פּטרן צײַט, פֿאַרוואָס ר׳ הערש־לייזער באַצאָלט, האָט ער זיך געאײַלט ישראל, געלאָפֿן ממש אין גאַלאָפּ צום ברונעם, דערבײַ געדענקט מכוון צו זײַן, אַז ער לויפֿט צום באר מים חיים, אים האָט מער נישט פֿאַרדראָסן, הלמאַי דער באר־ברונעם בלע״ז געפֿינט זיך אויף אדמת נכר, — אויף פֿרעמדער ערד אין גלות, נחאַי וואָלט ער דאָס וואַסער געטראָגן פֿון אַן ארץ־ישראל־דיקן ברונעם, פֿון יענע ברונעמס פֿון וועלכע אונדזערע אבות האָבן געטרונקען. אַז ישראל איז געלאָפֿן זענען די עמערס געפֿלויגן ווי אין דער לופֿטן, די קרעמעשעלעס זענען געלעגן אויף איין זײַט אַקסל, די פּיאות האָבן זיך אין דער ברייט געטראָגן. דאָס היטל אין איין זײַט קאָפּ און די יאַרמולקע אין צווייטן זײַט קאָפּ און ביידע צוזאַמען האָבן אים אָפּגעהיטן פֿון גילוי ראש, דערצו האָבן זיך געיאָגט זײַנע מחשבות נאָך אַ מדרש תנחומא, נאָך אַ בראשית רבא, נאָך א מאמר אין מסכת תענית, נאָך די פּסוקים פֿון תפֿילת טל און גשם.

קיין בעל הוצאה איז ר׳ ישראל נישט געווען. דאָס ווײַב און קינדער האָבן זיך באַנוגנט מיט שהי־פּיה, ער אַליין האָט דאָס אויך נישט באַדאַרפֿט, אויף מסגף צו זײַן דעם גוף איז דאָך אַ כזית אויך צו פֿיל. זײַן שטיבל דליד על דליד, ווו די משפּחה האָט זיך אויפֿגעהאַלטן האָט ער געזען אין בלויע פֿאַרבן, הימל־קאָליר, דער גרעניץ פֿון מענטשלעכער ראיה. געהאָלפֿן צו דעם האָבן אים די בלויע אויגנגלעזער, וואָס האָבן פֿאַרשטעלט זײַן טראַכאָמע. איז וואָס האָט דען ר׳ ישראל באַדאַרפֿט, וויפֿיל ר׳ הערש־לייזער האָט געגעבן איז דאָס ביי ר׳ ישראלן געווען דער מזל ברכה פֿון רבונו של עולם אַליין.

ר׳ הערש־לייזער האָט געצאָלט ישראלן פֿון טאָג ווי מען באַצאָלט אַ שכיר יום, פֿאַר שבת און יום־טוב האָט ר׳ ישראל נישט גענומען קיין

באַצאָלעכץ. ער האָט דאָך אין די טעג נישט געאַרבעט, קומט אים נישט. שבת און יום־טוב דאַרף מען לעבן פון יגיע כפיים פון ימי חול, פון די וואָכנדיקע טעג. איז אַ גאַנץ יאָר חלילה נישט פאַרגעקומען קיין שום סכסוך צווישן ר׳ הערש־לייזערן און ישראלן, איינער פון צווייטן איז גע־ווען שטאַרק צופרידן. ישראל האָט אָפּגעהיט די אַרבעט כעבודת הקודש, מער נישט, ער פלעגט פון ציט צו צייט זיך פילן שולדיק לגבי הערש־לייזערן, ווייל עס פלעגט פּאַסירן, אַז ביים ברונעם האָט ער געהאָלפן אָנ־דערע און בעיקר פרויען אָנשעפּן דאָס וואַסער, מיט שטריק אַרויסציען דעם עמער וואַסער פון ברונעם, איז פון איין זייט האָט דאָס ר׳ ישראל באַטראַכט פאַר אַ גרויסער מצוה. עס שטייט דאָך בפירוש געשריבן: עזוב תעזוב. זאָלסט העלפן. פון דער צווייטער זייט אָבער האָט ער זיך געפילט שולדיק לגבי ר׳ הערש לייזערן, ווייל די מצווה האָט ער דאָך געטאָן אויף דער צייט פאַר וועלכער ער קריגט באַצאָלט, איז למען האמת פלעגט ישׂ־ראל דערפאַר אַריינאַרבעטן אין דער נאַכט אַריין, כאָטש קיין שכיר לילה איז ער נישט געווען, ער האָט גאָר נישט געוואָלט זיין, די נאַכט האָט ער באַדאַרפט האָבן פאַר זיך אויף צו לערנען תורה. כאָטש אַ גאַנצן טאָג געאַרבעט ביי וואַסער איז ר׳ ישראל אָבער געווען תמיד אַ געוואָלדיקער צומא למים, — אַ דורשטיקער נאָך וואַסער, ואין מים אלא תורה, מים מיינט תורה לערנען.

אין טאָג פון הושענא רבה האָט ר׳ ישראל נישט געאַרבעט. אמת טאַקע אַז אין שטעטל האָבן זיך אַלע נוהג געווען אין הושענא רבה נישט צו טאָן קיין דבר חול ביז מען גייט אַרויס פון בית המדרש, איז טאַקע דערפאַר ר׳ ישראל נישט אַרויסגעגאַנגען אַ גאַנצן טאָג הושענא רבה פון שטיבל, געזעסן און געלערנט, עוסק געווען אין תפילות אפילו דעם טלית נישט אַראָפּגענומען פון די אַקסלען. ווען ער אויסטאָן דעם טלית, אַראָפּ־נעמען אים פון די אַקסלען און אַרויסגיין פון שטיבל, הייסט ווי ווען ער קאָנען מעין זיין קעגן ר׳ הערש לייזערן און נישט אָנטאָן זיינע אַרבעטס כלים — די קרעמעשלעס אויף די אַקסלען, די גאַר־קיך איז אָפּן, די סאָ־דע־וואַסער קרעמלעך זענען אָפּן. מען באַדאַרף האָבן סאָדע־וואַסער — דער עולם לעכצט נאָך מים, צו באַנעצן די גוטע יום־טובדיקע שפּייזן. ר׳ ישראל האָט אין דעם טאָג אויך געלעכצט נאָך תורה.

אין טאָג פון הושענא רבה, ווען ר׳ ישראל האָט זאָגנדיק בציבור די פסוקים פון הושענות אַרויסגעזאָגט: הושענא למענך אלקינו הושענא, האָט מען אים אין די הימלען שטאַרק געגלויבט און די מלאכי השרת האָבן געקענט אויסרופן בקול רם: נצחו ישראל!

דער בעל נצח איז געווען ר׳ ישראל.

ר׳ חיים דער גרינער

דריי סימנים האָבן יידן על פּי אונדזער הגדה: זיי האָבן רחמנות, בושה און טוען גמילת חסדים. אָבער דאָ, אין קאָלאָמבוסעס מדינה, האָב איך באַמערקט נאָך אַ סימן, נעמלעך, אַ סימן פון גרינקייט. מיט די ווער־טער האָט אָנגעהויבן זיין געשפּרעך מיט מיר ר׳ חיים דער „גרינער״ אין אַ בית המדרש אין ניו יאָרק.

אָט איז דער זייגער שוין זעקס. די זון האָט שוין לאַנג אָנגעהויבן צו וואַרעמען און באַלייכטן דעם פרימאָרגן. נו! זעט איר דען אימיצן אין בית מדרש אַ חוץ מיר? האָט זיך ר׳ חיים באַקלאָגט. נו! אַז עס וועט ווערן זיבן דער זייגער און האַלב אַכט, איז וואָס? מיינט איר, אַז עס וועלן זיך אוודאי צונויפזאַמלען אַ פּאָר מנינים יידן. האָט איר — זייט מיר מוחל — אַ גרויסן טעות. זיי קומען נישט. שווער צונויפצוזאַמלען אַ מנין. עס קומט אָן בקריעת ים סוף צונויפצושטוקעווען אַ מנין אין אַ יאָרצייט טאָג. שבת איז אויך נישט בעסער, אַז זיי זענען „ביזי״, נאָר מען איז ביזי, נאָר מען איילט זיך און מען איז פאַרנומען. מיינט איר חלילה, אַז זיי דאַרפן דאגהן פאַר חיונה, פאַרן טאָג פּרנסה? ניין! עס פעלט זיי געלויבט דעם ה׳ יתברך גאָרנישט. זיי זענען אַלע באַזאָרגט, אויף אַלע יידן גע־זאָגט. אין בית מדרש אָבער קומען זיי נישט. דערצו דאַרפט איר אויך וויסן, אַז מען טאָר נישט אַרויסריידן קיין הויך וואָרט צו די בעלי־בתים, דאָ רופט מען זיי שול־מעמבערס. כ׳האָב עס פּרובירט טאָן, נו, האָט שוין מער קיין צרות נישט געפעלט: זיי האָבן מיר געוואָלט אָפּזאָגן פון דער שטעלע. אויך מיר אַ שטעלע מישטיינס געזאָגט, פאַראַן מיט וואָס מקנא צו זיין. איך בין דאָ, פאַרשטייט איר מיך, דער משמש פון בית מדרש, דער חזן, דער בעל־תפילה, אויך דער מוהל און דער שוחט. וואָס הייסט, איך בין אַ חזן, איך טראָג נאָר דעם טיטל חזן, עס איז דען דאָ אַ מנין, בכדי צו דאַוונען פאַרן עמוד? נו! און וואָס מיינט איר מען צע־האַקט זיך די נאָז פאַרן כשר פליייש? איז דאָ, איז מהיכי תיתא, אַז עס וועט נישט זיין מיינט איר, וועט מען קיין פליייש נישט עסן?

ביי מיר אין שטעטל, אין דער ליטע, האָבן געלעבט אַ צוויי הונדערט יידישע משפחות. דער רוב קבצנים, דלפנים, נישט געהאַט מיט וואָס דעם טאָג איבערצולעבן, פאַר וואָס שבת צו מאַכן, אָבער מיט אַ מגין צום דאַ־ווענען איז געזען אַ דאגה? תמיד איז דער בית המדרש געווען איבער־פולט מיט יידן. איין בית המדרש? עטלעכע בתי מדרשים זענען געווען אין שטעטל, דערצו אַ גרויסע שול. יידישקייט האָט מען געפילט אויף יעדן טריט און שריט. פרייטיק בייטאָג האָט שוין געשמעקט דער שבת, מען האָט זיך גאָר מיטן שבת נישט געוואָלט און נישט געקענט שיידן, אַ קליי־ניקייט, שבת ביי יידן. די מלוה מלכה האָט זיך געצויגן ביז זונטיק אינ־דערפרי. אין טאָג פון שבת האָט זיך אָרעם און רייך געפילט גלייך, אויף אַלעמען האָט גערוט די שכינה פון שבת, אַ נשמה יתירה האָט אַלעמען אַרומגענומען. צוויי יידן איז איין ייד. שבת איז דאָך לויט דער תורה דער זיווג פון פאָלק ישראל, ווי שטייט געשריבן: כנסת ישראל הוא בן — זוגך, האָט דער רבונו של עולם געזאָגט צו שבת. דאַרף איך אייך דען דערציילן וויפל קדושה דער שבת גיט צו? עס שטייט דאָך בפירוש גע־שריבן: כי קודש היא לכם. און אָפהיטן שבת מיינט דאָך מקיים זיין די גאַנצע תורה. עס ווערט דאָך געברענגט אַ מאמר אין פסיקתא: כל השומר שבת כאלו קיים כל התורה כולה. אָבער ווער חלילה איז מחלל שבת, איז ווי ער וואָלט פאַרשוועכט אַלע מצוות פון דער תורה, ווי אין פסוק ווערט געשריבן: שומר שבת מחללו ושומר ידו מעשות כל רע. אַלע צרות רחמנה לצלן קומען דאָך פון חילול שבת. ירושלים איז דאָך חרוב געוואָרן צוליב חילול שבת, אַ בפירושע גמרא דערציילט דאָס אונדז וועגן דעם, אַ גמרא אין מסכתא שבת קי״ט זאָגט אונדז: אמר אביי לא חרבה ירושלים אלא בשביל שחיללו בה את השבת.

וואָלטן יידן אָפגעהיט ווי עס באַדאַרף צו זיין שבת — וואָלטן מיר דאָך אויסגעלייזט געוואָרן פון אַלע צרות און פון אַלע יסורים, מיר וואָלטן פטור געוואָרן פון היטלערן ימח שמו. אַ גמרא אין מסכת שבת דף כי״ח דערציילט אונדז: אמר ר׳ יוחנן משום ר׳ שמעון בן יוחאי: אל מלא משמרין שתי שבתות כהלכתן מיד נגאלין. ווען יידן וואָלטן אָפגעהיט צוויי שבתים ווי עס קערט צו זיין — וואָלטן מיר גלייך אויסגעלייזט גע־וואָרן.

איז דאָך אָבער דער אומגליק, וואָס מען היט נישט אָפּ שבת, וואָס מען היט בכלל קיין יידישקייט נישט אָפּ, לאָזט מען דעם שטן המקטרג פריי הוליען, אומגעשטערט צו טאָן וואָס ער וויל מיט יידן, איין פלאָץ פיזיש מאָרדן אומברענגען, אין צווייטן פלאָץ גייסטיק אונדז אָפּצווישן פון דעם אויבערפלאַך. אַזוי זעט אויס יידיש לעבן, וואָס איז דער עתיד אונדזערער, וואָס וועט זיין מיט אונדז דער סוף, איין גאָט זאָל זיך דער־באַרעמען.

טאָמער האָב איך אין די ערשטע צייטן אָנגעהויבן מרעיש עולם צו זיין, צו ריידן צו יידן און זיי מעורר זיין צו יידישקייט, וועקן דעם ניצוץ אלוקים, וואָס געפינט זיך דאָך אין יעדן יידן, שמועסן מיט זיי תכלית, אויפקלערן וועגן די עיקרים און גורל־פראַגן פון אונדזער קיום, האָבן זיי מיר פאָרשריגן, אַז איך בין אַ גרינער, אַז איך קען נישט אַמעריקע, אַז איך רייד נאָך אפילו קיין ענגליש נישט, אַז איך ווייס נישט דעם שטייגער־לעבן אין קאָלומבוסעס מדינה, ערשט ווען איך וועל זיך אי״ה אויסגרי־נען און ווערן געל, דאַן, טענהן זיי, וועל איך אַליין ווערן אַנדערש און מער זיי נישט „באַדערן״ מיט מוסר זאָגן, מיט התעוררות הנפש.

איך האָב פּרובירט נאָכטראַכטן — האָט ר' חיים ווייטער ממשיך גע־ווען זיין אַראָפּריידן זיך פון האַרצן — וואָס עס מיינט אַ „גרינער״ און וואָס איז דער אונטערשייד אין יידיש לעבן צווישן אַ גרינעם און אויס־געגרינטן, און בין געקומען צו דער מסקנה, אַז איך באַדאַרף גאָר מתפלל זיין — קיינמאָל צו ווערן אויסגעגרינט, ווייל צו זיין אַ „גרינער״ מיינט דאָך צו זיין אַ ייד, איז דאָס דער פערטעך סימן פון יידישקייט!

פאַרשטייט איר מיך: אַ בלעטעלע וואָס וואַקסט אויף אַ בוים איז גרין, איז כל זמן דאָס בלעטעלע איז גרין, הענגט דאָס אויף דעם צווייגל, דער צווייג איז אַ טייל פון בוים, וואָס האָט זיינע וואָרצלען טיף איינגע־גראָבן אין דער ערד. דאָס בלעטעלע איז אַ טייל פון דעם בוים, וואָס אחיזה איז שורש. ווי גיך אָבער דאָס בלעטעלע הייבט זיך אָן אויסצוגרי־נען און עס באַקומט אַן אַנדער קאָליר, עס ווערט געל, פאַלט דאָס אַראָפּ פון צווייגל, פאַרלירט דאָס די צוגעבונדנקייט צום בוים, דער ווינט פאַר־טראָגט עס ערגעץ־ווו, מישט עס אויס מיטן שטויב און פאַרטראָגט עס אין הפקר אַריין.

דאָס זעלבע פּאַסירט מיט אונדזערע יידן: כל זמן מען איז גרין, איז מען פאַרוואָרצלט אין יידישן לעבנסשטייגער, האָט מען אַ באַגער אָפּצוהיטן יידישקייט, אין זינען צו האָבן תרי״ג מצוות, צו גיין אין בית־המדרש און דאַוונען מיט מנין, אָפּצוהיטן דעם יאָרצייט, קדיש זאָגן, אַריינקוקן אין אַ ספר, אפילו גאָר לערנען אַ בלאַט גמרא, ביי די מער וועלטלעכע שוין, מיינט גרין זיין: ריידן יידיש, לייענען אַ יידישע צייטונג, אַ יידיש בוך, גיין אויף אַן אסיפה, געהערן צו אַ יידישער אָרגאַניזאַציע, אָנטיילנעמען אין געזעלשאַפטלעכן יידישן לעבן, זיך אינטערעסירן מיט יידישע קולטור־פּראָבלעמען, אונטערשטיצן די הצטרכותן פון יידישן קהילה לעבן, געבן די קינדער אַ יידישע דערציאונג, אויב אפילו נישט געבן דאָס קינד צום לערנען אין אַ תלמוד תורה — איז כאָטש אין אַ יידישער שולע, ווו מען לערנט יידיש און לשון קודש, ווו מען דערציט דאָס קינד אויפן שטייגער פון אונדזער עבר, ווו מען פלאַנצט איין יידישן וויסן, ווו מען באַקענט דעם נייעם דור מיט אונדזער געשיכטע, אַ קינד זאָל וויסן ווער רש״י איז געווען, וואָס עס באַדייט אונדזער תורה, ווער עס זענען געווען אונדזערע נביאים, אונדזערע תנאים און אמוראים, אַ שטיקל קשר כאָטש מיט ארץ ישראל. אַ קינד זאָל וויסן פון אונדזערע העלדן, זיך באַקענען מיט דער תקופה פון די חשמונאים, מיט די מכבייער.

אָבער, אַז מען גרינט זיך אויס, אַז מען רייסט זיך אָפּ פון בוים, אַז מען פאַרלירט די פאַרבינדונג מיטן שורש פון אונדזער עבר, הערט מען אויף גיין אין בית המדרש, מען לערנט נישט אַליין און מען לערנט נישט די קינדער קיין יידיש, מען קוקט נישט אַריין אין קיין ספר, מען לייענט נישט קיין יידישע צייטונג, מען אינטערעסירט זיך נישט מיט יידיש לעבן, איבערגעריסן מיטן עבר — מיינט יאוש פון יידישער צוקונפט, מען ווערט געל, דער ווינט פאַרטראָגט אין הפקר אַריין, מען ווערט אויס ייד: נישט קיין ייד און נישט קיין גוי, דעם אייגענעם גלויבן פאַרלאָזן, קיין אַנדערן נישט נעמען, מען געהערט נישט צו קיינעם, איז קיינער געהערט נישט צום אויסגעגרינטן. וואָס פאַר אַ טעם האָט אַזאַ לעבן? איך בעט אייך!

ניין! איך וועל תפילה טאָן, איך זאָל נישט ווערן אויס גרינער, ווייל

איך געפין איין, אַז דאָס איז די איינציקע שמירה פון יידישקייט. ערשט איצט הייב איך אָן צו באַגרייפן דעם פסוק אין חומש, וואָס אונדזער טאַ־טע יעקב האָט געזאָגט: „מיט לבנען האָב איך געוווינט צוזאַמען און זיך פאַרזאַמט ביז אַצינד". אונדזער טאַטע יעקב, אַז אים איז אויסגעקומען צו לעבן אין אַ פרעמדער סביבה, איז ער פאַרבליבן דער זעלבער, ווייל ער איז פאַרבליבן אַ „גרינער" און האָט אָפּגעהיט יידישקייט, נישט אָוועקגעגאַנגען פון זיין שטאַם.

געדענקט, אַז בכדי זיך צו קלאַמערן אין יידישקייט טאָר מען נישט ווערן אויס „גרינע". געדענקט וואָס עס זאָגט אייך אַ ייד, וועלכער האָט גוט דורכגעלערנט דאָס קאַפּיטל יידישקייט אין אַמעריקע, וואָס ר' חיים האָט געטענהט, עס זענען געווען ווערטער דורכגעדרונגען מיט ווייטיק, מיט צער, מיט עגמת נפש, אַ וויי־געשריי פון אַ יידן, וועלכער פילט, אַז עס פאַלט זיך צוזאַמען דער בנין פון יידישקייט, דאָס בית אלוהים.

אַ שאָד נאָר, וואָס ר' חיים איז אַ פאַראיינזאַמטער, אַנדערע חיימס האָבן זיך שוין לאַנג אויסגעגרינט: דער ווינט האָט זיי שוין ווייט פאַר־טראָגן אין עולם ההפקר, ווו פון יידישקייט און פון יידישן לעבן איז נישטאָ קיין זכר.

די אויסגעגרינטע באַשטעטיקן דעם אמת פון ר' חיים דעם „גרי־נעם".

ר׳ איציקל ווייןֿמאַכער

איציקל — אַזוי האָט מען אים גערופן אין שטעטל צו בר־מצווה, אַ יתום געוואָרן נאָך זיין טאַטן ר' גדליהו דער ווייך־קרעמער. פאַר יציאת נשמתו האָט ר' גדליהו צוגערופן איציקלען, דעם „מיניוזשיק", און אים אָנגעזאָגט, ער זאָל זיין גאַנץ לעבן ציען פּרנסה מיגיע כפּיו.

דריי קינדער האָט ר' גדליהו געהאַט מיט זיין ווייב סערקען: צוויי מיידלעך און איציקלען, דעם בן־יחיד. קיין פּרנסה האָט קיינמאָל נישט געפעלט אין הויז פון ר' גדליהון. די ווייך־קראָם האָט געגעבן אויף אַ פיי־נער חיונה. עס האָט געסטייעט צו האַלטן אַ דינסט־מיידל אין שטוב, צו געבן עטלעכע ישיבה־בחורים „טעג" אָפּצועסן, צו נעמען אַן אורח אויף שבת, צו באַצאָלן אַ גוטן מקח פאַר מפטיר און פאַר אַ מתן בסתר.

אויף ימים נוראים פלעגט ר' גדליהו מיט זיין בן־יחיד, איציקלען, פאָרן צום פּילעווער רבין, פון דער קאָצקער דינאַסטיע. געווען פון די אויבנאָן־זיצערס ביים רבינס טיש. ער האָט אויך געהאַט די חזקה צו זיין דער שליח־ציבור ביי מוסף. איציקל איז געווען דער משורר, האָט אונ־טערגעהאַלטן דעם טאַטן ביים זאָגן פּיוט מיט נגינה.

אַ שיין ייִנגעלע איז איציקל געווען, מיט געקרייזלטע פּאהלעך, אַ העל פּנים מיט טיף־בלויע אויגן. האָט געטראָגן אַ סאַמעטן היטל אויפן קעפּל, אַן אַטלאַסענע קאַפּאָטע פאַרבונדן אינמיטן מיט אַ וואָלענעם גאַרטל. אַ ווייס העמדל, דאָס קראַגעלע אַריבערגעוואָרפן איבערן קאָלנער פון דער קאַפּאָטע. האַלבע שטיוועלעטן מיט לאַנגע ווייסע זאָקן אויף די פיסלעך און קורצע הייזלעך. אַ ייִנגל, אויף וועמען די שכינה האָט גערוט. היינט אַ קולכל — צוקער־זיס, וואָס האָט ממש דערקוויקט דאָס האַרץ. זיין שטימע האָט געקלונגען איבערן רבינס הויף.

איציקל האָט תמיד געהאָלפן דעם טאַטן פּאַקעווען דעם ריזיקן טשע־מאָדאַן ערב דער נסיעה צום רבין. אַריינלייגן אויפן ריכטיקן פּלאַץ די אַטלאַסענע קאַפּאָטע, דאָס שטריימל, דעם קיטל און טלית און תּפילין, די ווייסע זאָקן, דעם וואָלענעם גאַרטל, ר' יעקב עמדינס סידור, דעם ימים

נוראימדיקן מחזור, עטלעכע עפּל מיט אַ ציגיינער־מעסערל, אַ פּאָר האַלבע פּעטערבורגער קאַלאָשן, עטלעכע העמדער און אונטערוועש צו בייטן אין מקווה, און זיינע אייגענע בגדים אויף איבערצוטאָן גלייך נאָכן אָנקומען אין דער אכסניה פון שכנא ישראל משהס.

כל זמן ר׳ גדליהו האָט געלעבט, האָט זיך געפירט אַ שטוב ווי ביי לייטן. שכנים האָבן געוווּנטשן „אויף אַלע יידן געזאָגט געוואָרן״. דאָס מאַלצייט צו דער צייט. חנהלע קיווע יוקלס האָט געבראַכט פון מאַרק אין הויז אַריין פון כל־טוב: פון אייער און פּוטער, הינער און גענדזלעך. זעליק דער שניידער פלעגט יעדן פאַר יום־טוב קומען נעמען אַ מאָס אויף נייע מלבושים; רייזל די שניידערקע האָט גענייט נייע קליידעלעך פאַר די מיידלעך; שיינע חוה האָט אויסגעקעמט סערקען דאָס שייטל, טרולטשע דער שוסטער האָט געמאַכט שיך פאַרן גאַנצן הויזגעזינד, שפּאָגל־נייע שיך, גלייך פון דער צונג אַראָפּ.

אַז ר׳ גדליהו איז אָפּגעשטאָרבן, האָט זיך אַלץ איבערגעקערט מיט דער פּוטער אַראָפּ. עס האָט זיך אָפּגעשטעלט דער פדיון אין קראָם. די קונים זענען פאַרשוווּנדן. פון מאַנאָפּאָל האָט מען אויפגעהערט שיקן דעם ביטערן טראָפּן. צוביסלעך פאַרקויפט די פאַרבליבענע משקה און קיין אַנדערע נישט אַריינבאַקומען. פאַרקויפט אַ פלעשל וויין, אָדער בראָנפן און דעם פדיון אויפגעגעסן. אין משך פון אַ קורצער צייט האָבן זיך אָפּ־געליידיקט די פּאָליצעס, אויסגעליידיקט די פעסער און סערקע די אלמנה איז פאַרבליבן מיט אירע קינדער, די יתומים, ביי אַ ליידיקער קראָם, אָן מיטלען אויף חיונה.

איציקל איז געוואָרן דער שפּייזער. איז געגאַנגען אַרבעטן צו ברוך־לייבן דעם וויין־מאַכער, אים העלפן מאַכן וויין. די ערשטע צייט אָפּצו־טראָגן די פאַרקויפטע פלעשער משקה צו די קונים אַהיים, אויסצוקערן די קראָם און מאַכן אָרדענונג אין קעלער; געוואַשן די ליידיקע פעסער און די ליידיקע פלעשער. איציקלס לוין האָט קוים געסטייעט אויף ברויט די שלייפן איבערצוקייען. סערקע און די מיידלעך האָבן אויך געמוזט גיין אַרבעטן און פון אַלעמענס פּרנסות איינגעשטילט דעם מאָגן פון הונגער.

„מסתמא באַדאַרף אַזוי צו זיין — פלעגט איציקל טרייסטן דער מאַמען און די שוועסטער. — דער טאַטע עליו השלום האָט דאָך אַזוי גע־

הייסן. דאָס איז דאָך געווען זיין ווונטש, אַז איך זאָל ציען חיונה פון אייגענער אַרבעט. איז לכן דאַרפן מיר דאָס אָננעמען פאַר ליב. חס־ושלום זיך נישט באַקלאָגן, נאָר מקיים זיין די מצווה פון טאַטן. נישקשה, — פלעגט ער דערביי צוגעבן — ווען איך וועל עלטער ווערן, וועל איך מער פאַרדינען און עס וועט קלעקן פאַר אונדז אַלעמען, אַזוי אַז איר וועט נישט באַדאַרפן אַרבעטן".

סערקע די אַלמנה האָט זיך די ערשטע צייט געפּרוווט ווערן, אויס־דריקן אומצופרידנהייט מיטן מצב. האָט אַפילו איינמאָל צונויפגענומען די לעצטע גראָשנס, גענומען דעם בן־יחיד און אַוועקגעפאָרן צום רבין, פאַר אים אויסגעגאָסן איר ביטער האַרץ, דערציילט פון ר׳ גדליהוס צוואה צו איציקלען. דער רבי האָט געגעבן איציקלען אַ קניפּ אין בעקל און אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל ערלעך האַלטן און מקיים זיין דעם טאַטנס צוואה.

ווען איציקל איז אַביסל עלטער געוואָרן, האָט אים ברוך־לייב גע־נוצט ביים מאַכן דעם וויין. ער האָט מיט צוויי גרויסע שנייד־מעסערס אין ביידע הענט איינגעהאַקט די ראָזשינקעס, זיי שפּעטער געקנאָטן מיט די הענט אין אַ גרויסער דייזשע און פון זיי אַרויסגעקוועטשט דאָס לעצ־טע ביסל לחלוחית, האָט געזויגן דעם וויין און זיך אַפילו אויסגעלערנט כאַפּן דעם טעם פון ריכטיקן וויין־געשמאַק.

איציקל איז געוואָרן אַ פאָלנער בעל מלאכה, אַ וויין־מאַכער, ווי עס באַדאַרף צו זיין. דער באַלעבאָס איז געווען צופרידן מיט איציקלס אַרבעט און אים געצאָלט דעם פולן וואָכן־געהאַלט, ווי עס באַקומט אַ לאַנגיאָריקער וויין־מאַכער.

צווייערליי וויינען האָט איציקל געמאַכט ביי ר׳ ברוך־לייבן אין וויין־קעלער: יידישן וויין און גויאישן וויין. דער יידישער וויין האָט געהייסן ברכה־וויין אויף קידוש און הבדלה, יין־חיים, לעבעדיקער וויין, אָן וואַ־סער, אַ וויין, וואָס דערפרייט דאָס מענטשלעכע האַרץ, ווי אין פּסוק שטייט: „יין ישמח לבב אנוש". דער צווייטער סאָרט וויין, וואָס איציקל האָט געמאַכט, איז געווען אַ גויאישער וויין — וויין פאַר גויים. אויף די עטיקעטן פון גויאישן וויין איז געווען אָנגעשריבן: „וויטראַוונער וויין", דאָס הייסט וויין צו פאַרדייאונג. דער גויאישער וויין האָט נישט געמוזט זיין פון דער קאַטעגאָריע יין־חיים, ווי עס איז געווען דער יידישער. ער

האָט אויך געמעגט זיין אַביסל געמישט מיט וואַסער. דערביי האָט איציקל געלערנט אַ קל וחומר און אַזוי געזאָגט: מה־דאָך יידישער וויין — וואָס מען באַדאַרף איבער אים מאַכן אַ ברכה, איז פאַראַן אַ מן דאמר, — איינער וואָס זאָגט ווי למשל, ר׳ אליעזר הגדול, איינער פון די גרעסטע חכמי המשנה, אַז אין מברכין על היין עד שיתן לתוכו מים, — מען מאַכט נישט קיין ברכה איבער וויין, ביז מען גיסט נישט צו אַביסל וואַ־סער, על אחת כמה וכמה גויאישער וויין, וואָס מען מאַכט איבער אים קיין ברכה נישט, מעג מען דאָך אויף געוויס צוגיסן וואַסער.

דער גויאישער וויין איז געווען פאַרזען מיט עטיקעטן, אויף וועלכע עס איז געווען אויפגעשריבן פאָרט־וויין, מאַלאַגאַ־וויין, באָרדאָ־וויין און אנדערע נעמען. אויף די עטיקעטן פון דעם יידישן וויין איז געווען אָנ־געשריבן „יקנה״, די ראשי־תיבות פון די ווערטער יין קידוש, נר הבדלה.

מיט אַ באַזונדער געפיל פון קדושה האָט איציקל געמאַכט דעם פסח־דיקן וויין. חוץ דעם וואָס ער האָט פריער געכשרט די פעסער, די גלע־זערנע גאַנשאַרעס, דעם טיש, די שנייד־מעסערס און אַלע אַרבעטס־מכשירים און אַרבעטס־בגדים, ס׳זאָל חלילה קיין שמץ פון חמץ נישט זיין, האָט ער אויך ביי דער אַרבעט מכוון געווען מיט אַלע כוונות דעם יין פסח, — דעם וויין אויף די פיר כוסות, וואָס איז אַ רמז אויף די פיר אויסדרוקן פון גאולה, וואָס ווערן דערמאָנט ביי גלות מצרים, נעמלעך: „והוצאתי, והצלתי, וגאלתי, ולקחתי אתכם״. ווי אין חומש פרשת וארא ווערט געשריבן: „לכן אמור לבני ישראל: אני יהוה והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים, והצלתי אתכם מעבדותכם, וגאלתי אתכם בזרוע נטויה ובשפטים גדולים; ולקחתי אתכם לי לעם״ — דערום זאָג איך צו די קינדער פון ישראל: איך בין גאָט און איך וועל אייך אַרויסציען פון אונ־טער די לאַסטן פון מצרים, און איך וועל אייך מציל זיין פון אייער קנעכטשאַפט און איך וועל אייך אויסלייזן מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם און מיט גרויסע משפטים. און איך וועל אייך נעמען צו מיר פאַר אַ פאָלק. די פסוקים פון חומש האָט איציקל געזאָגט אויפן קול, מיט דביקות און מיט התלהבות, מיט אַ צעבראָכן יידיש האַרץ, וואָס קלאָגט אויפן גלות און האָט מיט זיינע ווערטער ווי מיט אַ תפילה מכוון געווען די גאולה.

איציקל איז געווען שטאַרק צופרידן פון זיין אַרבעט. אַ גאַנצן טאָג

עוסק געווען אין מלאכת היין, אין מאַכן ווייַן, און אין אָוונט, גלייך נאָך מנחה־מעריב, געזעסן און געלערנט אין בית־מדרש. געלערנט אַ פּרק משניות, אַ בלאַט גמרא, געזאָגט אַ יום תהילים אין זכר פון זיין טאַטן און זיך אויך פאַרטיפט אין מוסר־ספרים. ביז שפּעט אין דער נאַכט גע־זעסן אין בית־המדרש און עוסק געווען אין פאַרשידענע מחשבות, זיך אויך אַריינגעטראַכט אין דער באַדייטונג פון טאַטנס צוואה. וואָס האָט ער מכוון געווען, דער טאַטע, וואָס ער האָט אים געהייסן אַרבעטן און ציען חיונה מיגיעת כפּו, פון אייגענער פּראַצע.

ביסלעכווייז האָט איציקל אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז בכדי צו קאָנען עוסק זיין בתורה לשמה, מיט לויטערע כוונות, דאַרף מען זיין אַ בעל־מלאכה, זיך באַשעפטיקן מיט אַרבעט, אַפילו זיין אַ שכיר־יום, אַ לויף־אַרבעטער פון טאָג. יגיעת כפּיים פירט צו נקי כפּיים, — ערלעכע מי פירט צו ריינע הענט און צו ריינע מחשבות. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי דער טאַטע זיינער, ר' גדליהו עליו השלום, פלעגט פאַרטייטשן דעם פּסוק אין משלי „כי יתן בכוס עינו", — אַז דער ווייַן־טרינקער האַלט זיין אויג אין כּוס, און דער חנוני, דער קרעמער, האַלט זיין אויג ביים טרינקער אין קעשענע, ער וויל פון אים לייזן מער.

ויהי היום, עס איז געקומען אַ טאָג, ווען ר' ברוך־לייב האָט אַריינ־גערופן איציקלען צו זיך אין שטוב, מיט אים אַריינגעגאַנגען אין עס־קאַמער און אים געזאָגט, אַז ער וויל אים נעמען פאַר אַן איידעם. ער זאָל ווערן דער מאַן פון זיין בת־יחידה. ער האָט אים גלייכצייטיק מודיע גע־ווען, אַז מיט דער מאַמען האָט ער שוין גערעדט און זי איז מרוצה צום שידוך.

דערויף האָט איציקל געענטפערט ר' ברוך־לייבן, אַז ער האָט דריי תנאים, וואָס ער וויל זיי טאַקע אַריינשרייבן אין די תנאים, נעמלעך: אַז דער נדן זאָל באַשטימט ווערן פאַר זיינעביידע שוועסטער; אַז דער זמן־החתונה זאָל זיין נאָכדעם ווי ביידע שוועסטער וועלן האָבן חתונה גע־האַט, און אַז ער וועט פון זיינע פאַרדינסטן מפרנס זיין זיין מאַמען דאָס גאַנצע לעבן. ר' ברוך־לייב איז איינגעגאַנגען אויף די באַדינגונגען און מיט מזל איז געשריבן געוואָרן תנאים צווישן איציקלען, דעם בן־יחיד מיט פראַדלען די בת־יחידה.

נאָך דער חתונה, מיט אַ צייט שפּעטער, ווען אין איציקלס הויז האָבן שוין אַרומשפּאַצירט עטלעכע קינדערלעך, שוין געהאַט מיט ווערמען צו זאָגן קריאת־שמע און ווערמען צו פירן אין חדר אַריין, איז פּלוצים ר׳ ברוך־לייב פאַרשלאָפט געוואָרן, מער נישט געקאָנט אַזוי אַכטונג געבן אויף דער קראָם, און דאָקטוירים האָבן געהייסן מער רוען, ווייניקער זיך אָנשטרענגען, אַביסל זיך אויסטאָן פון די געשעפטן — האָט ר׳ ברוך־לייב אַריינגערופן איציקלען און אים פאַרגעלייגט, אַז ער זאָל ווערן אויס ווייַן־מאַכער, נאָר ווערן דער ווייַן־קרעמער, זיך אָנהייבן פאַרנעמען מיטן פדיון און מער נישט מיט דער מלאכה, אויב נישט, קומט אים אויס, חלילה, צו פאַרקויפן דאָס געשעפט מיט דער ווייַן־פאַבריק, וואָס וואָלט כפירוש גע־ווען אַ נישט גלייכע זאַך. וואָרום ווער גיט דאָס איבער אַן איינגעצויגענע היונה, ממש אַ ברויט מיט אַ מעסער!

איציקל האָט אויף דעם פאַרשלאַג פון זיין שווער נישט מסכים גע־ווען און אים דערביי דערציילט פון טאַטנס צוואה, אַז ער דאַרף ציען זיין חיונה מיגיעת כפיו.

— סטייטש? — האָט זיך ר׳ ברוך־לייב אָנגעהויבן בייזערן, — אין די תנאים איז דאָך אַזאַ תנאי לגמרי נישטאָ. פאַרוואָס האָט ער אים פריער וועגן דעם נישט דערציילט. ער וואָלט דאָן אַ טראַכט געטאָן, צי ער וואָלט אויף אַזאַ תנאי געקאָנט איינגיין. אים איז גאָר אַנדערש נישט איינגעפאַלן ווי נאָר אַז אויף דער עלטער וועט דער איידעם זיך פאַרנע־מען מיטן געשעפט. ווי דען אַנדערש? ער איז נאָך געווען ביי די כוחות, איז געווען פאַרשטענדלעך, אַז ער גיט זיך אָפּ מיטן געשעפט און איציקל מיט דער מלאכה. אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער אויך געאַרבעט ביי ווייַן, אַזוי לאַנג געאַרבעט, ביז דער בורא־עולם האָט אים געהאָלפן זיך אַרויפ־צו אַרבעטן און ווערן פון אַ בעל־מלאכה אַ ווייַן־קרעמער.

עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ שווערער וויכוח צווישן שווער און איי־דעם מיט טענות און קעגן־טענות, ר׳ ברוך־לייב האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס, אַז איציקל האָט דעם טאַטנס צוואה נישט אַריינגעשריבן אַלס תנאי אין די תנאים, און איציקל האָט געטענהט, אַז אַ טאַטנס צוואה דאַרף מען מקיים זיין און נישט שטעלן קיינעם פאַר קיין תנאי, ווייל מיט דעם איז מען מחסר די קדושה, וואָס אַ צוואה אַנטהאַלט אין זיך.

דער רב האָט געפונען אַ פשרה, נעמלעך, אַז מיטן געשעפט זאָל זיך פאַרנעמען פראַדל, איציקלס ווייב, ר׳ ברוך־לייבס בת־יחידה, און איציקל זאָל בלייבן דער בעל־מלאכה, בכדי מקיים צו זיין די הייליקע צוואה פון זיין טאַטן, ר׳ גדליהו עליו השלום.

אין שטעטל האָט מען געשמועסט, אַז אין איציקלס זכות, אין זכות פון זיין ערלעכער אַרבעט און אין זכות פון ערלעך האַלטן דעם טאַטנס צוואה, האָט מען אויסגעמיטן אַ סך גזירות רעות, וואָס נאַטשאַלסטוואָ האָט געגרייט אויף יידן!...

ר׳ נחמן לשון־הרע

קינד און קייט האָבן אים אין שטעטל גערופן: נחמן לשון הרע, אַפילו עלטערע מענטשן האָבן פון קיין אַנדער נאָמען נישט געוווּסט, ווי נאָר: נחמן לשון הרע. עס איז געוואָרן ווי איין נאָמען, וואָס האָט זיך אַרויסגע־זאָגט בנשימה אחת, מיט איין אָטעם, אָן אַ פּויזע. עס האָט זאָגאָר פּאַ־סירט, אַז אין בית המדרש האָט דער גבאי אברהם־נחמיה אין אַ מאָנטיק, אָדער גאָר אַ דאָנערשטיק אויפגערופן נחמנען לתורה און האָט אים אָנ־גערופן: יעמוד רב נחמן לשון הרע ברב יחזקאל. ער האָט זיך בעת מעשה פאַרגעסן, אַז נחמן האָט נישט מער ווי איין נאָמען, ער איז שוין אַזוי גע־ווען איינגעוווינט, ווי אַלע יידן פון שטעטל אים צו רופן: נחמן לשון הרע.

ר׳ נחמן אַליין האָט זיך מיטן צונאָמען נישט געשעמט, און ער האָט דעם צונאָמען חלילה נישט געהאַלטן פאַר קיין בושה. אמת טאָקע די גמרא זאָגט, אַז: „המלבין את פני חברו ברבים אין לו חלק בעולם הבא״, — אַז אויב אימיצער פאַרשעמט זיין חבר אין געזעלשאַפט, פאַרלירט ער זיין חלק אין עולם הבא, דערצו גיט נאָך די גמרא צו, אַז: אף על גב דדש בי בשמיא, — אַז אפילו אימיצער איז שוין אַזוי צוגעוווינט צו זיין צו־נאָמעניש, אַז ער שעמט זיך אפילו נישט; ר׳ נחמן אָבער האָט אדרבא געוואָלט מען זאָל אים רופן אַזוי, ווייל ער האָט געמיינט, אַז מיטן דער־מאָנען דאָס וואָרט לשון הרע, וועט עס זיין אַ פאַרהיטונג פאַר אַנדערע זיי זאָלן חלילה קיין לשון הרע נישט ריידן, וואָרום ער אַליין — ר׳ נחמן — האָט זיך דעם גאַנצן לעבן זייבעם, זינט דער בורא עולם האָט געעפנט זיינע לעפצן צו קאָנען לויבן זיין ליבן נאָמען, ביז זיין עלטער פון גבורה, האָט ער זיך אויסגעהיט, ער זאָל חלילה נישט געשטרויכלט ווערן מיט קיין וואָרט פון לשון הרע, אַז פון זיין מויל זאָל נישט אַרויסגעבראַכט ווערן קיין שום וואָרט, וואָס קאָן חס־ושלום טראָגן מיט זיך אַ ניצוץ פון לשון הרע.

קינדער אין בית מדרש, אין שטיבל, אין מקוה און ווו נאָר זיי האָבן

ר׳ נחמנען באַגעגנט פלעגן צו אים צולויפן און אַ פרעג טאָן: „ר׳ נחמן אין פורים מעג מען זאָגן לשון הרע אויף המן הרשע״. ר׳ נחמן האָט מיט תמימות געענטפערט: „מען באַדאַרף נאָר זאָגן דעם אמת, און וויבאַלד דער אמת דערציילט דאָס שלעכטע פון אַ מענטשן, דאַרף מען פאַרמיידן, ווייל די הייליקע ספרים זאָגן אונדז, אַז: „אסור לספר לשון הרע על חבירו אף שהוא אמת״, — מען טאָר נישט דערציילן קיין לשון הרע אויף קיין חבר, אפילו עס איז אמת. באַלד פלעגן די קינדער ווייטער פרעגן ר׳ נחמנען: „סטייטש המן הרשע איז דאָך נישט קיין חבר, ער איז דאָך געווען אַ צורר יהודי, אַ פיינד פון יידן; דערויף האָט ר׳ נחמן געענטפערט, אַז עס איז געגנוג איבערצודערציילן וועגן המן הרשע, דאָס וואָס עס ווערט וועגן אים דערציילט אין מגילת אסתר״.

אַ גאַנצן לעבן האָט ר׳ נחמן געזאַמלט אַלע דינים און די עיקרים פון די דינים וועגן לשון הרע. ער איז געווען קלאָר אין אַלע איסורים מדאו־ריתא ומדרבנן, און אין אַלע חידושים וועגן דעם פאַרבאָט צו ריידן, אָדער צו שרייבן לשון הרע. ער האָט אויך געוווּסט גענוי דעם אונטערשייד פון לשון הרע ביז רכילות. אַזוי ווי עס איז פאַרבאָטן צו ריידן לשון הרע אויף עמיצן, אפילו עס איז דער אמת גמור, אַזוי איז שטרענג פאַרבאָטן צו טרייבן רכילות אויף אימיצן, טראָץ דעם, וואָס די רכילות איז אמת. אפילו שלא בפניו, אויך אונטער די אויגן טאָר מען קיין רכילות נישט דערציילן.

ר׳ נחמן האָט ליב געהאַט אויפצוקלערן פאַר יידן אין בית מדרש, פאַר ישיבה בחורים, דעם גרויסן אונטערשייד פון לשון הרע ביז רכילות. א הולך רכיל איז דער — פלעגט ר׳ נחמן זאָגן — וואָס גייט פון ראובנען צו שמעונען און זאָגט אים, דאָס און דאָס האָב איך געהערט אויף דיר ריידן, און לשון הרע איז דאָס ריידן דירעקט אויף דעם אָדער אויף יענעם שלעכטע זאַכן, אפילו ווען דאָס שלעכטע אַנטהאַלט דעם פולן אמת. דער־ביי האָט ר׳ נחמן אויסגערעכנט אַלע זיבעצן לאוין און פערצן עשין, וואָס אַ מענטש איז עובר דורך דעם איסור פון לשון הרע, אָדער רכילות. ר׳ נחמן האָט בעת אַזעלכע שמועסן אַנגעוויזן גלייך אויף דעם דרך התשובה, טאָמער חלילה וחס אימיצער ווערט געשטרויכלט און איז עובר אויף אַן איסור פון לשון הרע, אָדער רכילות.

פרומע יידן האָבן שטאַרק געהאַלטן פון ר׳ נחמנען, האָבן זיך באַ־ציוגן צו אים מיט גרויס אָפּשיי, זיי פלעגן אויף אים זאָגן, אַז ער איז דער מורה הוראה בישראל אין הלכות לשון הרע און רכילות. ער אַליין — ר׳ נחמן — האָט די דינים און די איסורים פון לשון הרע און רכילות געלערנט פון דעם גאון הקדוש רבי ישראל מאיר הכהן ז״ל, וואָס איז געווען באקאנט פון נאָמען פון זיין ספר: חפץ חיים. ר׳ נחמן פלעגט טאַקע זאָגן, אַז יעדער ייד איז מחויב צו האָבן ביי זיך אין הויז דעם ספר: חפץ חיים און שמירת הלשון, און תמיד אַריינקוקן, בכדי חלילה נישט נכשל צו ווערן מיט מוציא מפיו זיין לשון הרע, אָדער רכילות.

אַז ר׳ נחמן האָט מיט אימיצן געשמועסט חוץ פון דברי תורה, האָט ער תמיד שפּעטער איבערגעקלערט, צי ער האָט חס ושלום אַמאָל זיך נישט אַרויסגעכאַפּט מיט קיין וואָרט, וואָס איז בבחינת לשון הרע, אָדער רכילות, האָט ביי זיך איבערגערעדט אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט און אַלץ וואָס ער האָט געהערט, בכדי פעסטצושטעלן, אַז ער איז אַרויס פון גע־שפּרעך נישט חלילה קיין נכשל, סיי אין ריידן און סיי אין הערן, וואָרום אַזוי ווי מען טאָר נישט ריידן קיין לשון הרע, אָדער רכילות, אַזוי טאָר מען נישט הערן, און זיך נישט צוהערן צו קיין לשון הרע און רכילות!

אַ שיינער ייד געווען ר׳ נחמן, אַ גרויען קאָפּ האָר, פאַרדעקט מיט אַ יאַרמולקע און איבער דער יאַרמולקע אַ טוכן היטל מיט אַ הויכער דענקע, פון היטל און יאַרמולקע האָבן זיך נאָר אַרויסגעוזען די גרויע פּאות. אַ שניי־ווייסע באָרד האָט פאַרדעקט זיין געזיכט. די אויגן פון בלויען קאָליר זענען געווען באַהאַלטן אונטער די געדיכט־באַוואַקסענע ברעמען, מיט האָר עטוואָס ווייטער פון גרויען קאָליר. די וואָנצעס זענען געווען צוזאַ־מענגעוואַקסן מיט דער באָרד. דער שטערן פול מיט קנייטשן איז געווען צוגעדעקט מיטן דאשיק פון היטל, אַזוי, אַז פון פּנים האָט מען נאָר גע־זען ר׳ נחמנס נאָז, וואָס איז אַזוי געווען געבויט, ווי אויסצודריקן קשי־עורפדיקייט. ר׳ נחמנס באָרד איז תמיד געווען פאַרקירעוועט צו דער רעכטער זייט צו, אויך דער היטלדאַשיק איז אַביסעלע געווען אויסגע־דרייט צו רעכטס. אַ צייגן כאַלאַט האָט געהאַנגען איבער זיין אויסגע־מאגערטן גוף. פאַמעלעך, טראַט ביי טראָט איז ער געגאַנגען מיט איין אַקסל אַביסענקע אויסגעבויגן אָנגעלענט אויף אַ שטעקן.

אויף זיך פלעגט ר׳ נחמן זאָגן, אַז ווען דער השם יתברך וועט אים העלפן און ביז יציאת נשמתו אָפּהיטן פון לשון הרע און רכילות, וועט ער זיך פילן דער גליקלעכסטער אויף דער, און אויף יענער וועלט. ער פלעגט טאַקע מיט גרויס כוונה זאָגן דעם יהי רצון פון דער תפילה נישט נכשל צו ווערן נישט מיט הערן און נישט מיט ריידן קיין לשון הרע און קיין רכילות. ער פלעגט זאָגן די תפילה, וואָס דער חפץ חיים זכרונו צדיק לברכה האָט מסדר געווען, צו בעטן ביים רבונו של עולם, ער זאָל אָפּ־היטן דאָס מויל און די צונג נישט געשטרויכלט צו ווערן פון ריידן לשון הרע, און פאַרהיטן די אויערן פון הערן רכילות, אָדער לשון הרע. גאָט זאָל אים אָפּהיטן ער זאָל זיך נישט דאַרפן געפינען אין קיין פלעצער, ווו מען רעדט לשון הרע, און אויב חלילה וחס, אים וועט אויסקומען שלא ברצונו, קעגן זיין ווילן צו הערן רייד פון לשון הרע זאָל אים דער אויבערשטער העלפן, ער זאָל זיי גלייך פאַרגעסן און נישט געדענקען גאָרנישט, אַז קיין וואָרט זאָל נישט בלייבן אין זיין זכרון פון רכילות, אָדער לשון הרע.

נאָך דער פטירה פון ר׳ נחמנען האָבן יידן אין שטעטל געזאָגט, אַז ער האָט דערגרייכט די עלטער פון גבורה בלויז דערפאַר, ווייל ער האָט געהאַט די כוחות בייצושטיין אַלע שטרויכלונגען און זיך אָפּגעהיט פון לשון הרע, סיי פון ריידן און סיי פון הערן. צו אַזאַ גבורה האָבן יידן געזאָגט איז לאו כל אדם זוכה, הייגט די מצוה וואָס ער האָט געהאַט מיט איינטענהן תמיד מיט מענטשן און זיי וועקן און רופן זיי זאָלן זיך אויס־היטן פון ריידן, אָדער הערן לשון הרע. ער האָט דאָך דאָס געטאָן אַלע יאָרן פון זיין לעבן, אַליין שטענדיק זיך וועלן דערווייטערן פון חברותא, ווו ער האָט געזען אַ בינטל מענטשן שטיין אָדער זיצן צוזאַמען איז ער נישט צוגעגאַנגען לכתחילה, אָבער באַלד האָט ער זיך דערמאָנט, אַז טאָמער וועלן די מענטשן עוסק זיין אין רכילות, אָדער גאָר ריידן לשון הרע, איז ר׳ נחמן צוגעגאַנגען און מיט אַ שטיל לשון, מיט אַ קול פון געבעט, ווי ער וואָלט אין גאַנצן זיך געטונקען אין תחנונים — געבעטן די מענטשן, אַז זיי זאָלן זיין פאַרזיכטיק און חס ושלום זיך אָפּהיטן פון ריידן לשון הרע, דערביי אויסגערעכנט די גרויסע עבירה, וואָס איז מיט דעם פאַרבונדן.

אַ לעבן האָט ר׳ נחמן אָפּגעלעבט נישט אין קיין גרויס רחבות, קוים פֿאַרדינט אויף ברויט מיט וואַסער, חיונה האָט ער געצויגן פֿון שמידעריי, זיין אַרבעט איז על פּי רוב געווען אָנצוטאָן אַ באָרוועסן פֿערד די פּאָדקאָוועס, אויסגלייכן אַ צעבויגענע רייף פֿון אַ ראָד, פֿאַרריכטן אַן אַלטן וואָגן וכדומה, אָט די אַלע אַרבעטן, וואָס געהערן צו אַ שמיד. איז אין שטעטל געווען נאָך אַ שמיד, און דער עולם איז געגאַנגען צום אַנדערן שמיד און נישט צו ר׳ נחמנען, פֿאַרוואָס? גאָר פּשוט, מיט ר׳ נחמנען האָט מען נישט געקענט אויסריידן קיין וואָרט, מען האָט צו אים גערעדט און ער האָט געשוויגן, אַז תמיד האָט ער באַדאַרפֿט זיך אָפּהיטן פֿון רכילות און לשון הרע, הײַנט ווי קומט מען עס צו גיין צום שמיד און פֿאַר דער צייט, וואָס מען באַדאַרף אַביסל צווואַרטן אויף דער אַרבעט, מען זאָל קיין וואָרט נישט קענען ריידן, מען זאָל זיך נישט קאָנען דערוויסן ווי עס גייט ברוך דעם בעל עגלה, יאָסלען דעם קצב, וועמענס פֿערד ער האָט די וואָך געשמידט וכדומה, אָט אַזוי ווי עס פֿירט זיך ביי לייטן, מען רעדט זיך דורך אַביסל ווי עס באַדאַרף צו זיין, און, אַז מען קומט צו ר׳ נחמנען דאַרף מען גאָר האַלטן די צונג צווישן די ציינער, און קיין וואָרט נישט ריידן, סיידן הירזשען מיטן קול פֿון פֿערד, טאַקע אַזוי ווי עס טוט דער פֿערד, בעת ר׳ נחמן שמידט אים די פּאָדקאָוועס אויף די באָרוועסע פֿיס. איז טאַקע דער עולם בעל עגלות, קצבים, אָט די אַלע, וואָס האָבן געהאַט פֿערד און וועגענער זענען געגאַנגען צום אַנדערן שמיד פֿון שטעטל. ר׳ נחמן האָט זיך פֿון דעם שטאַרק נישט מצער געווען. אויף זיין שטיקל ברויט האָט ער שטענדיק פֿאַרדינט, די קינדער אויסגעגעבן, געבליבן איז ער מיט זיין ווייב איטע רחל, און ביידע האָבן זיך באַנוגנט מיט שהי־פּהי, וויפֿיל דער רבונו של עולם האָט זיי צוגעשיקט האָבן זיי געהאַט גענוג.

געוווינט האָט מען אין אַ צימער לעבן דער קוזשניע. דאָס גאַנצע הויז איז באַשטאַנען פֿון צוויי גרויסע צימערן, איז אין איינעם געווען דער אַרבעטס־וואַרשטאַט, — די קוזשניע, ווו עס זענען געשטאַנען די אַרבעטס־מכשירים, ווי דער מיעך צו בלאָזן די הייסע קוילן אויף צו גליען אייזן, אין די ווינקלען האָבן זיך געוואַלגערט אַלטע, פֿאַרזשאַווערטע רעדער, שטיקלעך אַקסן פֿון וועגענער, אאַז״וו, דער צווייטער צימער

האַט געהאַט אַ גרויס פענצטער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען צום גאָרטן צו. דאָרט זענען געשטאַנען אַ פּאָר אייזערנע בעטלעך, אַ שמאָל קיכל, אַ טיש מיט עטלעכע בענקלעך, און אַ ספרים־אַלמער. די שבתדיקע בגדים, סיי דער ברוינער מאַנטל מיטן סאַמעטענעם קאָלנער, וואָס ר׳ נחמן האָט גע־האַט נאָך פון זיין חתונה, און סיי דאָס אַטלעסענע קלייד פון איטע רחל, אויך נאָך פון דער חתונה, איז געהאַנגען פאַרדעקט מיט אַ פלאַכטע אי־בערן בעט, די שיך און אַלטע שטיוול זענען געלעגן אונטער דעם בעט. איז קיין בגדים האָט דאָס עלטערע פּאָר פאַלק נישט באַדאַרפט. קיין דירה געלט צאָלן אויך נישט, ווייל דאָס גאַנצע הויז איז געווען אַ ירושה פון שווער, דאָס הייסט פון איטע־רחלס עלטערן. איר פאָטער וועלוול איז געווען אויך אַ שמיד. האָט געהאַט נאָר איין און איינציקע טאָכטער, און ער האָט איר נאָר געוואָלט חתונה מאַכן פאַר אַ שמיד, בכדי איבער הונ־דערט און צוואַנציק יאָר, אַז ער וועט שטאַרבן זאָל די קוזשניע זיך נישט דאַרפן פאַרמאַכן. ער האָט געוואָלט, עס זאָל זיין אַ המשך אין דער מלאכה פון שמידעריי. נו, האָט ר׳ וועלוול אַריינגעפאָרן אין דער ישיבה פון דערבייאיקן שטעטל, אַריינגערוימט אַ סוד דעם ראש הישיבה, אַז ער זאָל אים געבן דעם בעסטן לערנער פאַר אַן איידעם, דערפאַר גיט ער אים דעם גאַנצן לעבן, אַזוי לאַנג ווי ער, ר׳ וועלוול וועט לעבן — אייביקע קעסט. דער גורל איז געפאַלן אויף ר׳ נחמנען. איז כל זמן ר׳ וועלוול האָט געלעבט האָט טאַקע נחמן געזעסן און געלערנט און האָט נישט געוווסט פון קיין מלאכה, פון קיין קוזשניע וכדומה. אָבער, אַז עס האָט זיך אונ־טערגערוקט דער טאָג, ווען ר׳ וועלוול האָט דערפילט די זקנה, אַז ער וועט זיך דאַרפן שיידן מיט דער וועלט, האָט ער אַריינגערופן נחמנען אין קוזשניע אַריין און האָט אים אָנגעהויבן צו ביסלעך אויסלערנען די מלאכה, בכדי ער זאָל קענען ממשיך זיין מיט ציען פרנסה פון דער קוזשניע.

קיין גרויסער בעל מלאכה איז נחמן נישט געוואָרן, וואָס משטיינס געזאָגט האָט ער זיך שוין געקענט אויסלערנען אין אַ פּאָר געציילטע חדשים פאַר דער פטירה פון ר׳ וועלוולען. אָבער פאַר אַ ייד אַ למדן, אַ קענער פון ש״ס און פוסקים, איז אַ גרויסע קונץ אָנצוטאָן אייזערנע שיכ־לעך אַ באָרוועסן פערד, אָנגליען אַ שטיק אייזן און נאָכהער עס אָפּנעצן אין קאַלטן וואַסער, וואָס איז דען פאַראַן פאַר אַ גרויסע תורות דערביי,

און אַט אַזוי טאַקע, האָט ר׳ נחמן אָנגעהויבן נאָכן שווערס טויט צו טאָן די אַרבעט פון שמידעריי, אַלס ר׳ וועלוולס אַ נאָכפאָלגער און איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט, ביז צו די לעצטע טעג פון זיין לעבן האָט ער גע־טאָן די אַרבעט אין קוזשניע און געצויגן חיונה פֿון שמידעריי. קינדער אויסגעהאָדעוועט און חתונה געמאַכט, פאַר די טעכטער גענומען איידעמס לומדים,, אויך בעל־מלאכות, איינער אַ בלעכער, דער צווייטער אַ מי־שאַנזשניק.

קיין זין האָט ר׳ נחמן נישט געהאַט, ער אַליין האָט געזאָגט קדיש נאָכן טויט פון זיין ווייב איטע־רחל. ר׳ נחמנס לעצטער יהי רצון צום גאָט פון רחמים איז געווען נישט געשטרויכלט צו ווערן מיט ריידן רכי־לות, אָדער לשון הרע!

ר׳ שמחה

נו, אדרבה! אפשר קאָנסטו מיר זאָגן וואָס עס איז דער פּשט פון דער גמרא, וואָס זאָגט: „לית דעניא מכלבא" — וואָס האָט עס די גמרא געמיינט מיטן זאָג: „ניטאָ קיין גרעסערע אָרעמקייט, ווי די אָרעמקייט פון אַ הונט", האָט ר' שמחה אַרויסגעצויגן די רעכטע האַנט פון לינקן אָרבל און זי געהאַלטן האַלב משופּעדיק אויסגעשטרעקט צו ר' מענדלען מיט אַ לשון בתמיה אויף די ליפּן. ר' מענדל האָט אָנגעהויבן צו ענטפערן ר' שמחהן, זאָגנדיק, דאָס וואָס דער באַרימטער גאון האָט געזאָגט, נעמלעך, אַז דאָס תלמודישע ווערטל: „נישטאָ קיין אָרעמערער ווי אַ הונט", מיינט גאָר אין גאַנצן אַן אַנדער כּונה, אָבער ר' שמחה האָט אים נישט געלאָזט ווייטער רעדן און האָרב געדעדט צו ר' מענדלען: וואָס טויג מיר די אַנדערע כּונה, אַז איך ווייס נאָך נישט דעם באַדייט פון דער ערשטער כּונה, סיידן; סיידן עס איז דערביי גאָר קיין כּונה נישטאָ, נאָר פּשוטו כּמשמעו, אַז אַ הונט איז די אָרעמסטע באַשעפעניש אויף דער וועלט! און ערשט איצט גראָדע הייב איך אָן צו באַגרייפן — האָט ר' שמחה ממשיך געווען — אַז עס איז פאַראַן אויך אַ צייט, ווען אַ מענטש איז געגליכן צו אַ הונט, ווען אַ מענטש האָט נישט קיין היים, קיין דאַך איבערן קאָפּ, ווי אַ הונט האָט קיין בודע נישט, ווען אַ מענטש איז נע־ונד, וואַלגערט זיך פון איין פלאַץ אין צווייטן, האַלט אין איין לויפן, אָט! אַזוי ווי מיר פליטים לויפן פון איין אָרט צום צווייטן, אין ערגעץ נישט זיכער, אין קיין פלאַץ נישטאָ קיין שוץ; אָט דאָס איז דער טייטש פון דער גמרא וואָס זאָגט, לית דעניא מכלבא, — נישטאָ קיין אָרעמערע זאַך ווי אַ הונט!"

ר' מענדל האָט געשטראָפט ר' שמחהן, אים אויסגערעדט פאַר זיינע רייד, אַ ייד האָט ר' מענדל געטענהט טאָר אַזוי נישט ריידן, מען טאָר די האָפענונג נישט פאַרלירן, היינט איז שלעכט, אָבער דער רבונו של עולם וועט העלפן, עס איז נישט פריער ליכטיק, סיידן עס איז פינצטער, דער מאָרגן איז נאָענט, ווען די זון וועט אָנהייבן ווידער צו שיינען, ווידער צו טראָגן ליכט צו יידן און מיט אירע שטראַלן וואַרעמען דאָס פאָלק

ישראל. עס איז ערב פסח, שמחה! מען דאַרף זיך אַרומגאַרטלען מיט בטחון, די מעשה פון יציאת מצרים איז דאָך אַן עדות, אַז מען באַדאַרף האָבן בטחון, מען דאַרף דאָך שוין נישט מער ווי די קנעכטשאַפט, דער שיעבוד לפרעה במצרים, וואָס פּאַראַ יסורים, וואָס פּאַראַ נויט און פּיין אונדזערע אבות אבותינו זענען אויסגעשטאַנען, און עס איז געקומען אַ טאָג, ווען דער רבונו של עולם האָט זיי־אונדז אויסגעלייזט פון פאַר־שקלאַפונג און זיי זענען געוואָרן בני חורין, פרייע מענטשן.

ר׳ שמחה האָט זיך פאַרטראַכט און אַ פרעג געטאָן ר׳ מענדלען, אַזוי גאַנץ תמימותדיק, וואָס איז מענדל, האָב איך דען חלילה עפּעס געזאָגט, וואָס קאָן פאַרטייטשט ווערן, אַז מיר פעלט בטחון, אדרבא: זאָג מיר: „וואָס האָב איך עס אַזוינס געזאָגט? איך האָב דאָך מער נישט, ווי גע־לערנט פשט, נאָר פאַרטייטשט אַן פשטלעך, אַ מימרא אין דער גמרא, פאַרוואָס זאָגסטו מיר מוסר? ביסטו מיר — מענדל — חושד, אַז איך האָב חס וחלילה פאַרלוירן דעם בטחון?ביידע האָבן געשוויגן אַ ווייל, ווי ביי־דע וואָלטן באַשלאָסן צו פאַרשווייגן, און ווייטער געלערנט דעם דף יומי״.

סיי ר׳ מענדל און סיי ר׳ שמחה, ביידע פון זעלבן שטעטל, האָבן זיך ווידער באַגעגנט נאָך אַ האַלב יאָר לויפן פון איין פלאַץ צום צווייטן אונטער אַ האַגל פון קוילן, פון באָמבעס, וואָס די ימח שמוניקעס, — די נאַציס — האָבן געשאָסן אויף יידן, וואָס זענען געלאָפן אויף אַלע וועגן און געזוכט ערגעץ־ווו אַ שטיקל מקום מקלט. געטראָפן האָט ר׳ שמחה, ר׳ מענדלען אין אַ קליין שטעטעלע אין דער ליטע, וואָס איז דאַן נאָך געווען אַ זעלבשטענדיק מלוכהלע און אָנגעהאַלטן די קרוין פון פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט. ווו טרעפן זיך עס יידן, אויב נישט אין בית מדרש, בין מנחה למעריב, אין בין השמשות, אָט! אָט! איז שוין די זון פאַרגאַנ־גען, אָבער די נאַכט איז נאָך נישט אַריין אין ממשלה. ר׳ שמחה האָט געשוואַרצט דעם גרענעץ, זיך געוואַלגערט, געקראָכן איבער פעלדער און וועלדער, אין שטאָק־פינצטערע נעכט, איינגעהאַלטן דעם אָטעם, אַז קיין פאַרע זאָל פון מויל נישט גיין, טאָמער חלילה וועט די וואַך פון דער גרענעץ דערשפּירן מענטשלעכע טריט, טאָמער וועלן די שפּיר־הינט דער־שמעקן דעם ריח פון מענטש, און אָנהייבן האַוקען אין צייכן פון געטריי־שאַפט צו זייערע בעלי־בתים.

אַז ר׳ שמחה האָט זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן אין בית מדרש האָט אים ר׳ מענדל ממש נישט דערקענט, ער האָט אויסגעזען אַלט, גע־גאַנגען איינגעבויגן ווי אַ הויקער, קראַנק אויף אַלע חולאתן, שוואַך אין אַלע גלידער, די פיס אָפּגעפרוירן, די אויערן, פון הונגער און קעלט האָט די באָרד אָנגעהויבן אויסקריכן, די ציינער האָבן זיך געשאָקלט, כאָטש צי זיי אַרויס איינציקווייז מיט די הוילע פינגער, ער האָט קוים, קוים די פיס געשלעפּט, ווי זיי וואָלטן געווען פרעמדע און נישט קיין אייגענע, אויס־געדאַרט, מאָגער, הויט און ביינער. ר׳ מענדל האָט זיך פּשוט דערשראָקן פאַר ר׳ שמחהן, עפּעס נישט קיין צורה פון קיין מענטש, בלויז אַ סקע־לעט פון אַ מענטשן. די משפּחה פון ר׳ שמחהן איז געבליבן אין דער היים, האָבן עטלעכע חדשים געהאַט אויסצושטיין אַלע פּייניקונגען פון די נאַציס, און לעצטנס האָט איבער זיי געקראָגן די ממשלה די באָלשע־וויקעס. אין דער היים איז כל ימיו ושניו ר׳ שמחה געווען געוווינט מיט דער ברייטער האַנט צו קויפן ווייץ, אַליין פאָרן אין מיל אַריין און שטיין ביים מאָלן דעם ווייץ אויף מעל, און אַליין צעטיילן חלקים מעל אויף מצות צו אָרעמע לייט. ר׳ שמחה האָט מיט אַ כיוון געטיילט מעל, בכדי יעדער אָרעמאַן זאָל אַליין קאָנען מקיים זיין די מצוה פון באַקן מצות, אפשר וויל גאָר אימיצער באַקן מצות שמירה, ר׳ שמחה האָט מקיים גע־ווען די מצוה פון צעטיילן קמחא דפּסחא, — און דאָ איז ער אַליין גאָר אויסגעשטעלט געוואָרן צו זיין אנשטאט אַ נותן — גאָר אַ מקבל, מקיים צו זיין די מצוה פון ארבע כוסות, נישט פון אייגענעם וויין, וואָס ער פלעגט איינשטעלן, נאָר גאָר פון קצבה, אנשטאט זיצן ביים אייגענעם טיש און פּראַווען די סדרים כיד המלך, זיצן אויפן עסע־בעט, אויסגעבעט מיט קישנס, אָנגעטאָן אין ווייסן קיטל, אָנגעטאָן אין עסיק און אין האָ־ביק, אין די טייערסטע מלבושים, ער און זיין הויזגעזינד, גאָר זיצן ביי אַ פרעמדן טיש, ווי אַן אָרעמער אורח, אויף וועמען מען האָט רחמנות, אויף וועמען מען קוקט מיט באַדויערן, אנשטאט זאָגן די הגדה, מיטן אייגענעם ניגון, וואָס ער האָט געירשנט פון זיין טאַטן ר׳ מרדכילע, דער ניגון וואָס איז געגאַנגען מפּה לפּה פון דור דורות, — וועט ער גאָר דאַרפן נאָכ־זאָגן די הגדה, און דאָס צופּאַסן זיך צו אַ מתנגדישן נוסח פון אָפּריכטן דעם סדר. אַליין אַ חסיד, דור, דורות חסידים, און דאָ אין דער ליטע,

ווּ אַלע זענען גאָר מתנגדים, ווי פּאַסט מען זיך אַריין, דערצו נאָך אין טעג פון יום־טוב. ר׳ שמחה איז געווען שטאַרק פאַרדאגהט, ער האָט נישט געוווסט פון וואָס פריער צו קלערן, צי זאָל ער טראַכטן פון דער פרוי און קינדער, וועמען ער האָט איבערגעלאָזט אין דער היים, ווער ווייסט וואָס עס דערוואַרט זיי פון די באָלשעוויקעס, צי זאָל ער עפּעס טראַכטן וועגן יום־טוב פּסח, ווער ווייסט אין דער היים אָפּריכטן דעם סדר, אַז דער על־טערער זון איז אין מיליטער, די פּאָליאַקן האָבן אים צוגענומען, געבליבן זענען נאָר ביידע מיידלעך מיט דער מאַמען, וואָס פאַרא סדר וועלן זיי עס האָבן, היינט צי האָבן זיי כאָטש פּראָדוקטן, צי וועלן זיי באַקומען מעל אויף מצות, ווער ווייסט. ביי די באָלשעוויקעס, זיי האַלטן דאָך נישט פון קיין רעליגיע, ווער ווייסט, ווער ווייסט. היינט ער אַליין, צו וועמען וועט ער גיין, אמת איז, אַז ער געפינט זיך דאָך צווישן יידן, און יידן וועלן אים נישט לאָזן אין דער נאַכט פון פּסח זיין אַליין, אָבער אַן אורח ביי אַ פרעמדן טיש, אין די בגדים, ווי וועט ער זיך פילן, ווי וועלן זיך פילן זיינע טעכטער און זיין פרוי, ווו איז דער זון, צי לעבט ער כאָטש.

ר׳ שמחה האָט נישט געקענט קאָנטראָלירן זיינע געדאַנקען, זיי זע־נען געלאָפן אַ גאַלאָפּ, איין מחשבה פאַרשווונדן, באַלד די צווייטע אָנ־געקומען, אַזוי כסדר אין וועקסל, נישט אָפּגעלאָזט אויף קיין איין מי־נוט, אויף קיין סעקונדע.

אַ געפיל פון אומעט און צער האָט איינגעהילט ר׳ שמחהן, בענק־שאַפט נאָך דער משפחה האָבן געגנאָגט זיין האַרץ. פּסח זמן חרותנו, דער יידישער יום־טוב פון פרייהייט, אַך ווי שיין, ווי יום־טובדיק איז דער פּסח געווען ביי אים אין דער היים, אַט! דאָ נישט לאַנג, אפילו מיט איין יאָר פריער, די גאַנצע משפחה צוזאַמען, נישט נאָר ער, נאָר נאָך יידן, אַלע יידן, האָבן געפייערט דעם יום־טוב פּסח, און היינט, היינט, אַליין אין דער פרעמד, אָפּגעריסן פון ווייב און קינד, וואָס וועט עס זיין, וואָס וועט עס זיין, איז ר׳ שמחה אַרומגעגאַנגען מיט פאַרבראָכענע הענט און מיט נאַסע אויגן.

ר׳ שמחה האָט זיך דערמאָנט אין דער הדרכה, וואָס זיין טאַטע האָט אים געגעבן, נעמלעך נישט צו מאַכן קיין „המוציא" איבער אַ פרעמד שטיקל ברויט, אַזוי האָט ער אויך דערצויגן זיין בן יחיד, נישט צו גע־

ניסן פון פרעמדס, און דאָ איז ער געשטעלט געוואָרן אין אַ לאַגע צו דאַרפן אָנקומען צו קצבה, דערבאַרעם זיך טאַטע אין הימל, דערבאַרים זיך! האָט ר׳ שמחה געהאַלטן אין איין בעטן צו גאָט. אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויפן רעכטן אָרעם, איז ר׳ שמחה געזעסן אין בית מדרש און אַריינ־געקוקט אין ספרים, דאָ אין אַ גמרא, דאָ אין אַ מדרש, האָט געזוכט, גע־נישטערט אין די הייליקע ספרים עפּעס אַ וואָרט, וואָס זאָל טרייסטן זיין געמיט, וואָס זאָל אים אַרויספירן פון עצבות, ביז זיין בליק איז געפאַלן אויף אַ מדרש, וואָס זאָגט: וויסן זאָלסטו וויסן — האָט גאָט געזאָגט צו אברהמען, גרים וועלן דיינע קינדער זיין אין אַ פרעמד לאַנד, וויסן זאָלסטו, אַז איך וועל דיינע קינדער צעשפּרייטן, און שפּעטער אַלע צו־נויפנעמען, איך וועל זיי פאַרזעצן ווי אַ משכון, און זיי שפּעטער צוריק אויסלייזן, איך וועל זיי פאַרשקלאַפן, און זיי שפּעטער באַפרייען.

ר׳ שמחה האָט ווי פרייער אָפּגעאָטעמט פון דעם מדרש, האָט צו־ריק באַקומען זיין גלייכגעוויכט. פון אים איז פאַרשוווּנדן דער פחד, איז ווידער איינגעגאַרטלט געוואָרן מיט בטחון, עס איז אַוועק פון אים די עצבות, דער אומעט, האָט געוואַרט אויפן טאָג, ווען ער וועט מיט שמחה אויפנעמען דעם יום־טוב פון באַנייטן זמן חרותנו.

ד״ר שלאָסמאַנס מקה פאַר טהרה

גאַנצע זעכציק יאָר האָט ד״ר שלאָסמאַן פּראַקטיצירט מעדיצין אין שטאָט ה., וואָס ליגט ביי די ברעגעס פון טייך ניעמען. די גאַנצע באַפעלקערונג אין שטאָט, סיי יידן און סיי קריסטן, האָבן געפּייערט דעם יובּילייַ פון אַ שאָק יאָרן מעדיצינישער פּראַקטיק. אַלע, אַן אויסנאַם, יונג און אַלט, האָבן פון אויפריכטיקן האַרצן אים געוואונטשן אריכת ימים, ער זאָל נאָך אַנגיין מיט זיין אַרבעט לטובת דער באַפעלקערונג, ביי וועמען ער האָט געניאָסן פון זייער פיל צוטרוי און פאַרערונג.

איין קליניקייט, ד״ר שלאָסמאַן. ווער האָט אים דען אין שטאָט נישט געקענט. נישט נאָר אין שטאָט, אין דער גאַנצער אומגעגנט איז זיין נאָמען געווען באַרימט. פון גרעסערע שטעט אפילו פלעגט מען ברענגען שווערע קראַנקע צו אים ער זאָל זיי היילן. אין שווערע פאַלן האָבן גאָר גרויסע דאָקטוירים פון אַנדערע, גרעסערע שטעט, אים אַרויסגערופן אויף קאָנסיליומס.

אַלע געביטן פון מעדיצין האָט ד״ר שלאָסמאַן געקענט, נישט געווען קיין קראַנקהייט פון מענטשלעכן אבר, אַז ער זאָל נישט היילן. דערצו איז ער נאָך געווען אַ כירורג, די שווערסטע אָפּעראַציעס געמאַכט, אויך נישט אויסגעמיטן קיין קליינע שניט, מאַנדלען פון האַלדז, דער בלינד־דאַרם, גאַל־שטיינער, מערידן, נירן, פאַרגיפטעטע אַ צעבראָכענעם פוס אָדער האַנט, אַריינגעבלאָזן אדמע אין קראַנקע לונגען, געשניטן אויגן טראַכאָמע און נאַז־פּאָליפּן און צו דעם אַלעם אויך אָפּגענומען קינדער און געהאָלפן שווערע געווינערינס דורך אַ קייסער־שניט. און, אַז מען האָט באַדאַרפט באַזייטיקן די הייוון־מוטער מיט דער הילף פון מעסער, האָט ער דאָס אויך געטאָן. מיט איין וואָרט, ד״ר שלאָסמאַן איז געווען דער רופא פאַר אַלע מיחושים, האָט געהאָלפן אַלע קראַנקע, היילנדיק אַלע קראַנקהייטן.

ער האָט זייער שווער געאַרבעט. גאַנץ פרי שוין, איידער ער איז נאָך אַראָפּ פון בעט, זענען שוין קראַנקע געזעסן אין וואַרט־זאַל און גע־

וואָרט אויף ד״ר שלאָסמאַנען. דאָ האָט געקלונגען דער טעלעפאָן פון שפּיטאָל און אים אָנגעזאָגט וויפל אָפּעראַציעס עס וואַרטן אויף אים דעם טאָג, דאָ זענען געקומען אַנדערע דאָקטוירים מיט אים זיך האַלטן אַן עצה, דאָ האָט מען אים גערופן אויף קאָנסיליומס צו שווערע חולאים. ער איז געווען אַזוי פאַרנומען, אַז ער האָט ממש נישט געהאַט קיין צייט דעם אָטעם אָפּצוכאַפּן, ווער רעדט שוין פון עסן און שלאָפן, פון אַליין האָבן צייט קראַנק צו זיין איז גאָר קיין רייד נישט געווען. ווער האָט אים דען געלאָזט אַמאָל קראַנק ווערן. פרומע יידן האָבן געזאָגט פאַר גאָט און נאָכהער ד״ר שלאָסמאַן. פרייע האָבן דערמאָנט נאָר ד״ר שלאָסמאַן אויסלאָזנדיק דעם רבונו של עולם, אָרעמע קראַנקע האָבן באַלאַגערט זיין קאָבינעט, און רייכע האָבן אים נישט אַרויסגעלאָזט פון שטוב, מיט אים האָט מען זיך עפּעס געפילט זיכערער. פרומע יידן האָבן געטענהט, דער רבונו של עולם שיקט טאַקע אַ רפואה שלמה צו קראַנקע, ער האָט זיך אָבער אויסגעקליבן פאַר זיין שליח דעם רופא ד״ר שלאָסמאַן. אפיקורסים האָבן געגלויבט אין חכמת הרפואה און אַז ד״ר שלאָסמאַן איז דער געקרוינטער רופא, דער וויסנשאַפטסמאַן, דער וואָס ווייסט, דער, אויף וועמען מען קען זיך סומך זיין.

בעת דער פייערונג פון זעכציק יעריקן יובילעי פון מעדיצינישער פּראַקטיק האָבן מקורבים, גוטע פריינט און קאָלעגן אין טאָסט־רעדעס דערציילט פון ד״ר שלאָסמאַנס פעאיקייטן, אַז נאָך אַלס יונגער סטודענט פון מעדיצינשן פאַקולטעט האָט ער איבערגעשטיגן אין וויסן די פּראָפעסאָרן, אַז ווען ער וואָלט זיך נישט געהאַלטן אין יידישקייט, נאָר זיך געלאָזט אָפּשפּריצן מיט טויף־וואַסער, וואָלט ער זיכער דערגרייכט די העכסטע קאַריערע אַלס פּראָפעסאָר פון אַ גאָר גרויסער אוניווערסיטעט; אַנדערע האָבן דערציילט, אַז ער איז אַ יודע ספר, אַז ער קען די דראָבנע אותיות, אַז ער איז קלאָר אין תולדות הרפואה כחכמי התלמוד, אַז ער געדענקט אויף אויסנווייניק וואָס עס שטייט געשריבן אין אַלע רפואה ספרימלעך, אַז ער קען אַלע סגולות, אַז ער ווייסט פון אַלע רפואה קרייטעכצער פון די היסטאָרישע צייטן.

איבער אַלע מעלות איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן זיין נאַציאָנאַלער געפיל, זיין שטאַרקע פאַרוואָרצלונג אין יידישקייט, זיין אַנקער אין

יידישער פאָלקסטימלעכקייט, זיין בענקשאַפט נאָך יידישער גאולה, וואָלט ער נאָר געהאַט צייט, האָבן אַלע געזאָגט, וואָלט ער זיך אויך געווען פאַר־נומען מיט צרכי ציבור. היות אָבער ער איז שטאַרק פאַרנומען מיט יסודי ציבור, קען ער ממילא נישט זיין טעטיק אויף אַנדערע שטחים.

קאָלעגן קנאים האָבן געמוזט מודה זיין, אַז ד״ר שלאָסמאַן איז אַ געוואַלדיקער מומחה, אַז ער איז אַן אומאָפּפּרעגבאַרער דיאַגנאָסטיקער, שטעלט ער פעסט די קראַנקהייט, איז דאָס אַ געזעץ פאַר אַלעמען. טיפוס דערשפּירט ער מיט די נאָזלעכער, טשיעכאָטקע דערקענט ער אויף די ליפּן, מאָגן־זאַכן, לויט דעם אויסזען פון געזיכט און אין ערשטן חודש האָט ער שוין געוווּסט צי אַ פרוי איז פאַרגאַנגען אין טראָגן.

דערצו איז ער געווען אַ גרויסער טעראַפּיקער, האָט געוווּסט מיט וועלכע מיטלען צו היילן. אַ רעצעפּט פון ד״ר שלאָסמאַן, אַז מען האָט גענומען דעם ערשטן עס־לעפל — אויב עס איז געווען אַ פליסיקייט אָדער אַ פּולווער, אָדער גאָר אַ פּיל, צי אַ ליכטל — האָט מען גלייך דערפילט דעם טעם פון דער היילונג. אויך אויפן געביט פון דערמאַטאָלאָגיע — פון הויט־קראַנקהייטן, וואָס איז אַמשווערסטן צו היילן אויך צוליב פּסי־כאָלאָגישע סיבות, — איז ד״ר שלאָסמאַן געווען ממש אַ מייסטער, אַז ער האָט צוגעשריבן אַ מאַשטש צו דער ערגסטער עקזעמע, אָדער אַן אַנדער אויסשיט אויפן קערפּער האָט עס גלייך געווירקט, ווער רעדט שוין פון סתם אַ בייסעניש, „שוויעזשבע בלע״ז״, איז דאָך שלאָסמאַנס מיטלען געווען די בעסטע, אפילו צו זומער־שפּרענקעלעך האָבן די אַפּטייקן זיך באַנוצט מיט ד״ר שלאָסמאַנס אַ קרעם, וואָס האָט נישט ביי איין יונג מיידל געראַטעוועט דעם חן אין חתנס אויגן.

נישט נאָר דאָקטוירים האָבן שטאַרק דרך־ארץ געהאַט פאַר דעם וויסן און קענטעניש פון ד״ר שלאָסמאַן, נאָר אויך פאַרמאַצעווטן פלעגן יעדן רעצעפּט זיינעם לייענען מיט גרויס דרך־ארץ, באַוווּנדערן די קאָמ־פּאָזיציע — דעם צוזאַמענשטעל פון די פאַרשיידענע כעמיקאַלן. אַז ד״ר שלאָסמאַן האָט געשריבן אַ רעצעפּט אין וועלכן ער האָט געהייסן מאַכן אַן איינשפּריצונג פון בלויזער דעסטילירטער וואַסער, האָט קיין אַפּטייק נישט חושד געווען ח״ו ד״ר שלאָסמאַנען, אין אַ טעות, מען האָט געוווּסט, אַז מסתמא דאַרף אַזוי זיין.

ווערט דאָך אָבער אין די הימלען, — ווו עס קיניגט דער וואָס לעבט אייביק — געפירט אַ חשבון מיט די לעבעדיקע אויף דער ערד און דאָרט אויבן איז אַרויס אַ גזר דין צוצונעמען דעם ד״ר שלאָסמאַן פון דער זינ־דיקער ערד און אים אַריבערפירן אין דער אייביקייט אַריין.

צו עטלעכע און אַכציק יאָר איז ד״ר שלאָסמאַן קראַנק געוואָרן אויף אַ פוס, ער אַליין האָט פעסטגעשטעלט, אַז מען דאַרף דעם פוס אַמפוטירן, ווען נישט, דראָט די סכנה פון טויט. צו דער דיאַגנאָזע האָבן צוגעשטימט אַלע זיינע קאָלעגן. איז ד״ר שלאָסמאַן געשטעלט געוואָרן פאַר אַ ביז גאָר שווערער דילעמע, אָדער אַמפוטירן דעם פוס און נאָך אַריינכאַפּן אַ פּאָר יאָר לעבן אָדער מסכים זיין צו טויט.

אַ שווערע ראַנגלעניש האָט ד״ר שלאָסמאַן דורכגעמאַכט. יאָ, אָדער נישט אַמפוטירן, דערביי האָט ער אָבער געפילט יעדן טאָג ווי די פאַר־גיפטיקונג צשפרייט זיך איבערן קערפּער און עס הייבן זיך אָן צו דער־נענטערן די לעצטע טעג. זיין דעציזיע איז געווען צו גיין אין דער אייבי־קייט אַריין מיט ביידע פיס, נישט שטאַרבן אברימווייז, זיך נישט שיידן ביים לעבן מיט קיין שום גליד פון זיין קערפּער, נאָר זיך איבערגעבן אין די הענט פון מלאך המות אַ גאַנצער, אַזוי ווי ער איז באַשאַפן געוואָרן.

ער האָט פאַררופן צו זיך אַהיים די חברא קדישא און זיי געמאָלדן, אַז עס קומט דער טאָג פון זיין פּטירה און דערפאַר, וויל ער זיך באַדינגען און פעסטשטעלן דעם פּרייז פון טהרה. קבורה געלט, האָט ד״ר שלאָסמאַן געטענהט צו די חברה קדישא, דאַרפט איר ביי מיר נישט נעמען, ראשית איז דאָך אַ מצוה מקבר צו זיין, הײַנט ווי בעט מען עס געלט פאַר אַ מצוה, ווער קען זיך דען דערלויבן דעם לוקסוס און אויסוועקסלען אַ מצוה אויף געלט, שנית האָב איך דאָך אין משך פון איבער זעכציק יאָר צו אייך געשיקט אַזויפיל מתים און אייך מזכה געווען מיט אַזויפיל מצוות. וואָס איך פאַרשטיי אַז אייך קומט, האָט ד״ר שלאָסמאַן געזאָגט צו דער חברה קדישא, איז פאַר דער טהרה, פאַר טהרת הגוף, נאָך דעם ווי דער בורא עולם וועט אָפּטיילן מיין נשמה פון גוף און איר וועט די ערדישע טיילן דאַרפן מטהר זיין און צוגרייטן צו קבורה, פאַר דער טרחה קומט אייך אַ שכר. אָט מיט דער טהרה פון מיין נשמה זאָלן זיך מטפל זיין מיי־נע מידות און מעשים טובים וואָס איך האָב באַוויזן אָנצוזאַמלען אין משך

פון לעבן, זאָלן זיי ברענגען מיין נשמה אַ ריינע צו פמליה של מעלה, מיט טהרת הגוף דאַרפט איר, חברה קדישא, זיך מטפל זיין און איך אנערקען, אַז פאַר דער טרחה איז קיין שום פרייז נישט צו הויך, האָט געזאָגט ד״ר שלאָסמאַן מיט אַ שווערן אָטעם.

מיט טרערן אין די אויגן, מיט גרויס תחנונים און געבעט האָט ד״ר שלאָסמאַן קוים געפועלט ביי דער חברה קדישא, אַז זיי זאָלן מסכים זיין כאָטש צו שטעלן אַ נייעם פאַרקאַן אַרום בית עולם, אַז זיי זאָלן אנערקענען די טרחה פון טהרת הגוף און דעם שכר טרחה פאַרנוצן פאַר אַ גדר צווישן עולם הזה און עולם הבא.

אַ באַרואיקטער האָט ד״ר שלאָסמאַן אויסגעהויכט זיין נשמה, באַוואָרנדיק פאַרן לעבן זיין טהרת הנשמה און טהרת הגוף.

ר׳ צדוק

אויפֿן נייעם מאַרק, אַנטקעגן דער פּראַוואָסלאַווער צערקווע. פֿון איין זייט אין שכנהשאַפֿט פֿון שטאָטישן שפּיטאָל, און פֿון דער צווייטער זייט נעבן דער פּראָ־גימנאַזיע האָט זיך געפֿונען די אַפּטייק פֿון ר׳ צדוקן.

אַ הילצערנע געביידע, באַדעקט מיט אַ בלעכענעם דאַך און איבערן דאַך האָט אַ שילד מיט גרויסע לאַטייניש‍ע בוכשטאַבן אָנגעוויזן, אַז דאָ געפֿינט זיך אַן אַפּטייק.

דריי פֿון צעמענט אויסגעגאָסענע טרעפּלעך, אויפֿן העכסטן טרעפּל אַ שטרויענער פֿוס־טרעטער האָט אַריינגעפֿירט אין אַפּטייק. אונטערן טיש איז געשטאַנען ר׳ צדוק אַליין, האָט אָנגענומען און אַרויסגעגעבן רעצעפּטן. אַ הויכער ברייטפּלייציקער ייִד מיט אַ קמץ־בערדל אַרום דער גאָמבע, מיט גלאַטע באַקן און אַ נאַקעטן קאָפּ, געציילטע האָר האָבן נאָר עדות געזאָגט, אַז אַמאָל איז דער קאָפּ געווען באַוואַקסן.

מיט אויגנגלעזער, געפּאַסט אין גאָלדענע ראַמען, און אין אַ ווייסן געקראָכמאַלעטן כאַלאַט, איז ר׳ צדוק געשטאַנען ביי זיך אין אַפּטייק ווי אַ פּאַטריאַרך, דאָ גערעדט מיט קונים, געגעבן אַן עצה, קאָנטראָלירט פֿון צווייטן טיש די פּראָוויזאָרן, צי זיי האָבן לויטן רעצעפּט אַריינגעגעבן די גענויע דאָזעס פֿון די פֿאַרשיידענע כעמיקאַלן, אפֿילו מיט דעם דראָבנעם פּדיון אין אַפּטייק האָט ר׳ צדוק זיך אָפּגעגעבן, אים איז נישט געווען שווער אַליין אָפּצוּוועגן אַ לויט ציטרין זאַלץ, אָנגיסן אַ לויט ריצין־אייל, פֿאַרוויקלען אַ פֿלעשעלע מיט וואַלעריאַן־טראָפּנס, אָנשטאָפּן אַ קעסטעלע מיט קאַמפֿאָר־מאַשטש, פֿאַרקאָרקעווען אַ פֿלעשל „פּערעקיס“, אַ פֿלעשעלע גליצערין, אָנשיטן אַ זעקעל מיט רומיאַניק, אַביסעלע ציטוואַר מיט ווערעם־צוקערלעך פֿאַר אַ קינד קעגן ווערעם, און אַלע אַנדערע קלענערע פּדיונות, וואָס מען קומט איינקויפֿן לשם רפֿואה־וועגן אין אַפּטייק.

מאָנטיק, מיטוואָך און פֿרייטיק, — אין די דריי מאַרק־טעג פֿון דער וואָך, ווען פֿון אַלע דערפֿער זענען זיך צוזאַמענגעפֿאָרן די דאָרפֿסלייט פֿאַרקויפֿן זייערע פּראָדוקטן און איינקויפֿן אין שטאָט פֿאַרן פּדיון די נוי־

טיקע שטוב־זאַכן, איז ר׳ צדוק שטאַרק געווען באַשעפטיקט ביי זיך אין אַפטייק מיט געבן עצות און צוגרייטן פאַרשיידענע רפואות צו פאַרשיי־דענע חולאתן און מיחושים. די דאָרפסלייט האָבן שוין געוווסט, אַז ביי ר׳ צדוקן באַקומט מען אַ היילונג צו אַלע יסורים, מען באַדאַרף גאָרנישט גיין צו קיין דאָקטער, אַז מען דערציילט אים נאָר, וואָס עס טוט ווי, ווייסט ער שוין וואָס פאַר אַ רפואה צו געבן און עס נעמט אַוועק דעם ווייטיק ווי מיט דער האַנט.

וועגן כלערליי קראַנקהייטן האָט מען זיך געעצהט מיט ר׳ צדוקן: האָט אַ פערד געזאַלזעוועט, אָדער אַ בהמה האָט זיך אָנגעפרעסן מיט פרישן גראָז און ביי איר איז אויפגעלאָפן דער בויך, האָבן היגער אָנגע־הויבן מאַסנווייז אויסצושטאַרבן, האָבן חזרים אויפגעהערט צו עסן, האָבן קי געגעבן ווייניק מילך, בינען ווייניק האָניק, אפילו, אַז אין שטוב, אָדער אין שייער איז געוואַקסן אַ שוואָם, איז מען געקומען צו ר׳ צדוקן און ביי אים געבעטן אַ רפואה. דאָס זעלבע להבדיל ביי מענטשן: אַן עקזעמע אויפן פוס, אַ קייך־הוסט ביי אַ קינד, רויטע אויגן מיט פאַרקלעפטע ברע־מען, קרומע פיסלעך ביי אַ זויגלינג, אַן אויסשיט איבערן קערפער „שוויעזשבע״ בלע״ז. כראָנישער רעוומאַטיזם אין די ביינער, אישיאַס און פאָדאַגרע, אַפּעטיטלאָזיקייט, קינדערלאָזיקייט, אַ געברוך; אויף אַלץ האָט מען באַקומען אַן עצה ביי ר׳ צדוקן.

ביי ר׳ צדוקן אין אַפּטייק זענען שוין געשטאַנען צוגעגרייט פאַרטי־קע פלעשער מיט רפואות צו די פאַרשיידענע חולאתן: פאַר הינער קעגן שטאַרבן האָט ער געגעבן אַביסל „אייזן־שאַרקע״, פונאַנדערגעלאָזט אין וואַסער, קעגן געדערים־אויפבלאָז, האָט ער געגעבן אַמאָניאַק אין געקאָכ־טע וואַסער, און געהייסן אַריינגיסן אין דער גרגרת פון דער בהמה. דאָס זעלבע, להבדיל אלף הבדלות, ביי מענטשן, צו אַ ראַנע אויפן פוס האָט ער געהייסן צולייגן קאָמפּרעסן פון בוראָווע וואַסער און שפּעטער אָנ־שמירן מיט אַביסעלע צינק מאַשטש, וואָס זאָל פאַרטריקענען און אויס־היילן; בכלל איז ר׳ צדוק געווען אַ שטאַרקער חסיד פון „בוראָווע״ וואַ־סער. ער האָט געהאַלטן, אַז עס געהערט צו די וווּנדער־מיטלען, וואָס די חכמת הרפואה האָט אַנטדעקט. קעגן אַפּעטיטלאָזיקייט, האָט ר׳ צדוק צו־נויפגעמישט אַביסעלע כינין מיט געגענטזיאַנע, און געהייסן נעמען צו 15

טראַפּנס פאַרן עסן. בעת עס פלעגט צו אים קומען אַ מאַמע מיט אַ מיידל אַריבער דרייצן יאָר אַלט, וואָס לויט די יאָרן האָט זי שוין באַדאַרפט האָבן זיך אַביסל פאַרשפּעטיקט, — פלעגט ר׳ צדוק אַריינקוקן דעם מיידל אין די אויגן אַריין און, אַז ער האָט דערזען די בלוט־אָרעמקייט, האָט ער גענומען אַביסל אייזן־טראָפּנס, צונויפגעמישט מיט נאָך עפּעס אַ פליסיקייט און געהייסן נעמען צו עס־לעפל דריי מאָל אַ טאָג, אין פאַל פון קאָפּווייטיק, האָט ער נאָך צו דעם צוגעגעבן אייניקע זאַלץ־בראָמען און צונויפגעמישט צוזאַמען.

היינט ר׳ צדוקס רפואות קעגן „שוויעזשבע״ זענען ממש געווען וווּנ־דער מיט עטלעכע אָנשמירן מיט זיין מאַשטש, וואָס איז געווען אַ גע־מיש פון שאַרקע און גרינע זייף און נאָך אַנדערע שטאָפן, — האָט עס אָוועקגענומען ווי מיט דער האַנט און דאָס בייסעניש איז פאַרשוווּנדן, די הויט איז געוואָרן ריין, מען האָט אויפן קערפּער גאַרנישט דערקענט. ר׳ צדוק איז אויך געווען אַ מיידים אין צופּאַסן אַ ברוך־גאַרטל, אַ רעכטן, אַ לינקן, דאָפּלטן. מען האָט זיך געפּילט זייער באַקוועם אין אַ גאַרטל, וואָס ר׳ צדוק האָט צוגעפּאַסט. אפילו אין הלכות קאָסמעטיק איז ר׳ צדוק גע־ווען אַ גרויסער מומחה. האָט עמיצער געהאַט זומער־שפּרענקעלעך אויפן געזיכט, האָט זיין קרעם באַזייטיקט, האָט עמיצער געוואָלט האָבן אַ גלאַטיק געזיכט, ווי סאַמעט צום גלעטן, האָט ר׳ צדוק געמאַכט אַ ספּע־ציעלן קרעם אין אַ פליסיקן צושטאַנד. ער האָט גענומען אַ ווייסל פון אַן איי, צעקלאַפּט און געמאַכט אַ פּיאַנע. דערנאָך די פּיאַנע צונויפגעמישט מיט איבערגעזאָטענע מילך, דערצו פונאַנדערגעלאָזט אַביסל סורומאַט אין ספּירט, און שפּעטער אַלץ צוזאַמען צונויפגעמישט, אַז מען האָט מיט דעם פליסיקן קרעם אָנגעשמירט דאָס פּנים, איז דאָס געוואָרן ווי סאַ־מעט גלאַט. דער מין היופי פלעגט טאַקע זיך באַנוצן מיט ר׳ צדוקס קרעם. צו צעפּאַדערטע ליפּן ביי אַ קינד, אָדער ביי אַן עלטערן פון ווינט, פלעגט ר׳ צדוק צונויפמישן אַביסל האָניק מיט פּערוביאַנסקן באַלזאַם און גע־הייסן אָנשמירן די ליפּן, די צעפּאַדערטקייט איז גלייך פאַרשוווּנדן.

ר׳ צדוק האָט געשמט אין גאַנצן געגנט מיט זיינע רפואות. גויים פון די דערפער האָבן אים געבראַכט מתנות, דער אייער, דער האָניק, דער קעז; מתנות אַלס צייכן פון אָנערקענונג און גרויס צופרידנקייט פאַר זיין הילף.

אין שווערע פאלן, פלעגט ר׳ צדוק אויף זיך נישט שטעלן, נאר אפ־שיקן צו א דאקטער. די רופאים האבן שוין געוווסט, איז אימיצער געקו־מען, געשיקט פון ר׳ צדוקן איז א סימן, אז מען דארף צולייגן קאפ. אז עס איז נישט קיין לייכטער ענין.

ר׳ צדוק איז געווארן אן אפטייקער על פי צופאל. זיין טאטע: כייקל דער שניידער, האט גענייט די מונדירן און שינעלן פאר דעם מיליטער־דאקטער פון „וואיענגעם" שפיטאל, ביי וועמען ער האט גענאסן פון גרויס לייטזעליקייט. כייקל האט תמיד אכטונג געגעבן, אז דעם דאקטערס מונדיר זאל זיין אין ארדענונג אויסגעפרעסט, אז עס זאל קיין קנאפ חלילה נישט פעלן. אז עס איז געקומען די צייט פון פריזיוו און צדוק איז אהיימגעקומען פון דער „פריסוטסטווע" מיטן צעטל „גאדין", איז כייקל אוועקגעגאנגען צו זיין פריינט דעם וואיענגעם דאקטער און זיך מיט אים געהאלטן אן עצה, ווי אזוי צו באקומען פאר זיין זון א גרינגע „סלוזשבע". דער דאקטער האט געטראכט און געטראכט, געוואלט צוליב טאן זיין שניידער, און האט אויסגעטראכט, אז ער נעמט צדוקן צו זיך אין שפיטאל, אין אפטייק אריין; ער וועט דארטן ארויסהעלפן ביים וואשן די פלעשער, ביים פאסעווען רפואות, אז ער קאן נישט און ווייסט נישט, נישקשה; ער וועט זיך אויסלערנען, בפרט, אז כייקל דער שניידער האט אים תמיד געזאגט, אז זיין זון צדוק האט א גאונישן קאפ, אז אין ישיבה, ווו ער לערנט איז ער פון די בעסטע בחורים אין לערנען.

דער אמת איז טאקע אזוי געווען, צדוק האט געהאט א גוט קעפל און האט שטארק באגערט צו לערנען, דער ראש הישיבה אליין פלעגט צדוקן באזארגן מיט טעג צום עסן, בכדי ער זאל קאנען זיצן און לער־נען, ווייל כייקל דער שניידער האט זיין זון נישט געקאנט אויסהאלטן, ער האט אים שוין לאנג געוואלט ארויסנעמען פון דער ישיבה און אוועק־זעצן ביי דער נאדל, מער נישט דער ראש הישיבה האט זיך פשוט אלע מאל ביי כייקלען אפגעבעטן: זאל ער זיין נאך א זמן, ער וועט די תורה פון שניידעריי נישט פארשפעטיקן, וואס איז? — פלעגט דער ראש־הישיבה טענהן צו כייקלען, ער קאסט דיר עפעס געלט דיין צדוק, וואס ארט דיר, אז ער זיצט און לערנט, ער פארשעמט דען חלילה מיט דעם דיין נאמען? דייך משפחה? צו קיין שידוך וועט עס אוודאי נישט שאדן

ברענגען, עס זענען שוין דאָ בעלנים, וואָס וואָלטן וועלן צדוקן פאַר אַן איידעם. הערנדיק אַזעלכע דיבורים, פלעגט כייקל מרוצה ווערן, אַז זיין בחור זאָל בלייבן לערנען.

נישט דער ראש הישיבה און נישט כייקל האָבן זיך געריכט, אַז מען וועט צדוקן אָפּגעבן צו די זעלנער. דער ראש הישיבה האָט געוווסט, אַז צדוק איז אַ בחור אַ חלוש, קוים וואָס די נשמה האַלט זיך אין אים. כייקל אַליין, האָט עס אויך געוווסט, עס האָט אים נישט געפּאַסט צו גיין אויסנוצן לאָסקעס ביים מיליטער־דאָקטער. מילא פאַר אַנדערע האָט ער עס געטאָן, אָבער פאַר זיך האָט ער עפּעס נישט געקענט. האָט טאַקע אַזוי פּאַסירט, אַז דער דאָקטער האָט אַ שטאַרקן און געזונטן יונג באַפרייט און כייקלס חלוש האָט ער דערקלערט פאַר „גאָדין״.

אָבער, אַז כייקל איז געקומען צום דאָקטער און מיט אים זיך שואל עצה געווען, וועגן אַ גרינגער „סלוזשבע״ האָט ער אַלזאָ געוואָלט טאַקע צוליב טאָן כייקלען און אַביסל אויך באַרואיקן זיין „סאָוועסט״ און אַריינגענומען צדוקן אין מיליטערישן שפּיטאָל, — אין דער אַפּטייק אַר־בעטן.

ר׳ צדוק איז געווען אַ מתמיד אויך ביי „פּאַניען״ ראשית כל זיך אַ נעם געטאָן צום לשון, איינגעחזרט די גראַמאַטיקע, גאַנצע „סטיכאָטוואָ־רעניעס״ זיך אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק און אין שרייבן אויך באַ־הערשט דעם „טוויאָרדי און מיאַכקי זנאַק״. שפּעטער זיך אַ נעם געטאָן צו די הלכות הרפואות. מיט גרויס פלייס געלערנט כעמיע און פאַרמאַ־קאָגנאָזיע, האָט נאָך זייענדיק אין מיליטער אָפּגעגעבן דעם עקזאַמען און באַקומען אַן „אַטעסטאַט זרעלאָסטי״ און שפּעטער אויך אָפּגעגעבן די עקזאַמענעס אַלס פּראָוויזאָר.

די ערשטע שטעלע אַלס אַפּטייקער האָט ר׳ צדוק באַקומען אין זיין שטעטל, ביי פּאַן איישטעטער, אַ פּאַניע פון דער צאַרסקער גוואַרדיע מיט אַ שלשלת היוחסין פון אַ „פּאַן״. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און ר׳ צדוק איז געוואָרן דער גאַנצער „אופּראַוולאַיעשטשי״ פון אַפּטייק. און בעת פּאַן איישטעטער האָט צוליב פאַמיליען־ענינים באַדאַרפט אַהיימ־פאָרן קיין פּעטראָגראַד, האָבן אַ מנין יידן זיך צוזאַמענגעלייגט און אָפּ־געקויפט דעם אַפּטייק פאַר ר׳ צדוקן.

צארסקע נאטשאלסטוואַ האָט דער ענין נישט אַזוי שטאַרק גע־שמעקט. סטייטש, דער איינציקער אַפּטייק אין שטעטל זאָל אַריינפאַלן אין יידישע הענט? מען האָט זיך אָנגעהויבן טשעפּען און מאַכן שוועריקייטן, אָבער דער טאָפּלטער טייטש פון רוסישן פּסוק: „נאַדאַזשדאַט" האָט דאָ אויך געהאָלפן, און יידן האָבן זיך עפּעס אָנגעהויבן צו פילן היימיש אויך אין אַפּטייק. מען האָט נישט באַדאַרפט אויפן גאַס אויסטאָן דאָס היטל, מען האָט נישט באַדאַרפט צעקאַלעטשען דעם צונג און בעטן אַ רפואה אויף אַ פרעמדן לשון, מען האָט געקענט פראַנק און פריי זיך אויסטענהן מיט ר' צדוקן אויף מאַמע לשון. אין קליינינקייט! כייקל דעם שניידערס זון, מיט אַלעמען אויף דער זעלבער פרידזבע אויסגעוואקסן, אין איין חדר געגאַנגען, צוזאַמען געהאָלפן אונטערהייצן די באָד, אין שטעקעלעך זיך געשפּילט, אין איין סאַדזשעווקע געשווימען זומער אין די הייסע טעג, אונטער איין טלית פון כל הנערים שמחת תורה אָפּגעגעבן דער תורה כבוד. מיט איין וואָרט: מען האָט זיך געפילט היימיש ביי ר' צדוקן אין אַפּטייק.

ר' צדוק ווי אַן אַפּטייקער האָט זיך נישט באַנוגנט מיט זיינע ידיעות, וואָס ער האָט דעראָבערט פון דרויסן, פון די גויאישע למודים, — פון למודי־חול. ער האָט אויך געוואָלט זיין קלאָר אין חכמת הרפואה מבפנים, — פון למודי־קודש, פון אונדזערע אייגענע ספרים, וואָס איז דער דעת פון אונדזערע חכמי ישראל וועגן רפואות, וואָס זאָגן אונדזערע הייליקע חז"ל וועגן גוף פון מענטש, וואָס לערנט אונדז די תורה וועגן „שמירת הבריאות", ווי אין פּסוק שטייט געשריבן „ושמרתם לנפשותיכם". ר' צדוק האָט אָנגעהויבן נאָכזוכן אין ש"ס, אַלץ וואָס איז וועגן תורת הרפואה געשריבן געוואָרן און דאָס זעלבע אין אַנדערע ספרים. ר' צדוק האָט אויסגעפונען, אַז לויטן רמב"ם איז רפואה אַ דבר מצוה, און, אַז אפילו די סנהדרין האָבן באַדאַרפט קענען חכמת הרפואה, און אַז די חז"ל האָבן געדרשנט, אַז אין אַ שטאָט וווּ עס איז נישטאָ קיין רופא, טאָר מען דאָרטן נישט וווינען. האָט טאַקע ר' צדוק באַטראַכט זיין מלאכה פון אַפּטייקעריי פאַר אַ דבר מצוה, אַ מצוה, וואָס ווערט געטאָן העלפנדיק קראַנקע מענטשן מיט רפואות. די אָרעמקייט פון שטעטל, די קראַנקע און שוואַכע, וואָס האָבן געליטן פון כלערליי קראַנקהייטן און קיינמאָל נישט

געקענט גיין צו קיין דאָקטער נאָך אַ רפואה, האָבן ערשט ביי ר׳ צדוקן אויפגעלעבט. ער האָט זיי געגעבן אַ היילונג צו זייערע גופים, זיי האָבן באַקומען אַ תרופה צו אַלע זייערע מיחושים. מיט ר׳ צדוקן האָט אויך אויפגעלעבט דער לינת הצדק אין שטעטל, מען האָט דאָרט באַקומען וואָס מען דאַרף האָבן פאַר אַ קראַנקן: אַ גומען זעקל אויף הייסע וואַסער, אָדער אויף אייז, אַ לעוואַטיווע, אַ טערמאָמעטער, פּיאַווקעס, און וואָס דען נישט. איז עפּעס נישט געווען אין לינת הצדק, איז מען גלייך אַוועק־געגאַנגען צו ר׳ צדוקן אין אַפּטייק און אויפן חשבון צדק פון לינת הצדק האָט מען אַלץ באַקומען.

יידן אין שטעטל האָבן צווישן זיך גערעדט, אַז אין ר׳ צדוקן זיצט אַ שטיק פון מלאך רפאל, מער נישט דער מלאך רפאל געפינט זיך אין די הימלען און געהערט צו די משרתים את פני ה׳. ר׳ צדוק געפינט זיך אויף דער ערד, געשיקט פון די הימלען בבחינת המלאך רפאל, בכדי צו העלפן יידן אין שמירת הבריות. און געהערט צו די משרתים פון גוף האדם. לאַנג לעבן זאָל ער ר׳ צדוק, לאַנג לעבן זאָל ער. מיט אַזעלכע ברכות האָט גאַנץ קהל תמיד באַגלייט ר׳ צדוקן דעם אַפּטייקער. אַ שאָד נאָר, האָבן יידן צווישן זיך באַדויערט, וואָס כייקל דער שניידער האָט נישט געהאַט קיין אריכת שנים צו קאָנען קלייבן נחת פון זיין ר׳ צדוקן.

ד' נעצל

ביי ברוך יוקלס אין געסעלע, וואָס האָט געפירט צו אברהם אליהוס גאָרבעריי אויף דער נישט ברוקירטער זייט, אָנטקעגן דער סטריגע גאָס האָט געוווינט ר׳ געצל דער שוסטער. פון אַלע עקן פון שטעטל איז מען געגאַנגען צו ר׳ געצלען פאַרריכטן די אַלטע שיך, לייגן אַ לאַטקע, אויס־גלייכן אַן אָפּצאַס, אַריינגייען אַן אַרויסגעשטויסענעם „טיליק״, אויס־שמירן די שבתדיקע שטיוול מיט דזשעגעכץ, און זעלטן ווען אויך אַרויפ־צוגייען אַ פּאָר נייע האַמבורגער פּשיסוועס אויף די געניצטע שטיווילעטן.

אַ נידעריק שטיבל, מיט נאָך מער נידעריקע פענצטער, מיט דער פריזבע צוגלייך, דער דאַך פאַרדעקט מיט שטרוי, פול מיט לאַטעס. דאָ האָט אַ ברעטל פון אַ קעסטל צוגעדעקט אַ לאָך, דאָרט אַ שטיקל אַלטע פּאַפּע, אַ פּאָר שפּענער פון שינדלען, עטלעכע אַלטע דאַכוווקעס. שטיק־לעך פאַרזשאַווערטע בלעך, אַ האַלב פאַרברענטע אויוון לאָפּעטע, אַ „דנא״ פון אַ הערינג פעסל, פון אַ צעפּאַלענער באַלייע, פון אַן אַלטן מולטער.

אַ הילצערנע קלאַמקע האָט געעפנט אַ טירל צונויפגעקלאַפּט פון קאַסטן ברעטלעך, פון גאַס גלייך אין שטוב אַריין. פון דער רעכטער זייט טיר, ביים ברעג איז געשטאַנען אַ קיך צונויפגעקלעפּט פון ציגל און ליים, מיט פיר פייער־לעכער, פאַרדעקט מיט צעבראָכענע פייערקעס. צוויי בלע־כערנע טירלעך אין דער זייט, איינע אויף אַריינצולייגן שפּענער צום ברענען און דאָס צווייטע אויף אַרויסצושאַרן דאָס אַש. פון דער צווייטער זייט טיר, לינקס איז געשטאַנען אויף אַ טאַבורעטקע אַן עמער וואַסער און דערנעבן — אַ שיסל מיט אַ קופּערנער קוואַרט, אויף אָפּצוגיסן די נעגל און זיך צו וואַשן צו שאו ידיכם. אונטער דער קיך איז געשטאַ־נען אַ בעט, אַרויסגעזען האָט מען נאָר דעם וואַליק פון פּאַדערשטן ווענטל, לענגאויס — דערנעבן איז געשטאַנען אַ הילצערנע שלאָף־באַנק, וואָס בייטאָכט האָט מען זי גענוצט אויף שלאָפן און אַ גאַנצן טאָג צו האַלטן די אַלטע שיך, וואָס לייטן האָבן געבראַכט צו פאַרריכטן. די

אַראָפּגענומענע וועש פון בוידעם, דאָס קיך־געשיר, די מעטאַלענע חפצים
ווי: די מעשענע לייכטער און דער מערזשעל מיטן שטויסל ביי דער בלינ־
דער וואַנט, וואָס האָט זיך געגרעניצט מיטן אַלקער פון דער שכנטע חנה
אסתר איז געשטאַנען אַ שאַנק אויף מלבושים. אויף דער שאַנק, הינטער
דעם גזשימש זענען געלעגן ספרים, אַ גאַנג חומשים און מחזורים, אייג־
ציקע גמראס פון אַן אַלטן בערדיטשעווער ש״ס, שמות פון אַן עין יעקב,
פון אַ חובות הלבבות, פון אַ קיצור שולחן ערוך און פון משניות. ביי
דער שאַנק איז געשטאַנען אַ טישל מיט אַ פּאָר בענקלעך און גלייך דער־
נעבן, אין אַ ווינקל פון פענצטער איז געשטאַנען דאָס שוסטער־טישל מיט
אַן אויסגעהוילטן, הילצערן דריי־פוס בענקעלע פאַר געצלען צו זיצן ביי
דער אַרבעט.

אַ דאַרער גוף, אַ סקעלעט פון הויט און ביינער, אַרויסגעשטאַרצטע
אויגן פון געדיכט־באַוואקסענע ברעמען, לענגלעכע האָר איבער די קינ־
באַקן און אַ האַלב נאַקעטע גאמבע, אַן אויסגעבויגענע פּלייצע באַהאַנגען
מיט אַ טלית־קטן האָט פּרעזענטירט דאָס געשטאַלט פון געצל דעם שוס־
טער.

דערפאַר האָט געצל געהאַט גאָלדענע הענט, זיין לאַטקע אפילו אויף
גימזענע לעדער האָט מען נישט געקענט באַמערקן. ער האָט גענייט מיט
אַ נאָדל פאָדים און מיט אַ דראַטווע פאַרענדיקט מיט אַ שפּיץ פון אַ חזיר־
האָר. קיין פּרנסה איז אָבער אין שטוב נישט געווען. דאָס עלטערע מיידל
איז געווען אַ דינסט ביי גרוניע די קצבטע, דערפאַר האָט זי אַמאָל אַהיימ־
געבראַכט אַ שטיקל לונג, אַ שטיקל לעבער, אַ גריישל מיט אַ מגיסה קיש־
קעס, וואָס גרוניע פלעגט איר צווואַרפן פון דעם איבערבלייבעכץ אין
יאַטקע. דאָס יינגערע מיידל האָט געהאָלפן איטע אבישעס — די בעקע־
רין פאַראשטשיניען און אויסקנעטן דאָס ברויט, פאַר פּסח האָט זי גע־
האָלפן שטיפלען מצות, כשרן קיכן און לופטערן מלבושים. זומער־צייט;
באַגינען גיין אין וואַלד אַריין קלייבן יאַגעדעס צו פאַרקויפן און נאָכמי־
טאָג ביי שרה העניען אַרויסשטייסן די פּוטער פון דער סמעטענע. דער
ישיבה־בחור האָט פאַרטאָג אָנגעגאָסן די הילצערנע קאַדישקעס מיט וואַ־
סער אין עטלעכע באַלעבאַטישע הייזער, אַריינגעמאַכט ציצית אין טלי־
תים און טלית קטנס, ביי משה מלכהס אָנגעשטאָפּט טיטין אין גילזן און

דערצו נאָך אַביסל צוגעהאַנדלט מיט אײַרישלעך און באַניעקערן, וואָס ער האָט פאַרקויפט אויף אויסצוצאָלן אַנדערע ישיבה־ייִנגלעך, נאָשערס בלע״ז.

עלקע געצלס ייִדענע האָט אויך צוגעהאָלפן צו דער פּרנסה; ווי גיך זי האָט פאַרטיק געמאַכט דאָס ביסל געקעכץ פאַרן הויזגעזינד, איז זי גע־גאַנגען וואַשן וועש ביי די שטאָטישע נגידותטעס, זײַן אַ וואַרטערן ביי קימפּעטאָרינס, אַ סאַרווערקע אויף שמחות, דערצו פאַרצירעווען זאַקן און פאַרלאַטן אַלטע זעק, נאָך סוכות אַרײַנלייגן קרויט און אוגערקעס און פּרעגלען אײַנגעמאַכטס פון אתרוגים. חנוכה צײַט אויספּרעגלען דאָס פּסח־דיקע שמאַלץ און שטאָפּן אינדיקעס, צו דעם אַ צוויי מאָל אין דער וואָך זיך אַרויסכאַפּן צו פוס אין די נאָענטע דערפער, מיטנעמען אַ פּעקעלע נאָדלען, אַ פּאַסמעלע באַנוול, אַ בינטל זאַטשאַשקעס אַביסל האָר שפּיל־קעס און דאָס אויסוועקסלען ביי די פּויערים אויף אַ זעקל קאַרטאָפּלעס, אַ פּאָר הייפּטלעך קרויט, אַ בינטל ציבעלעס, אַ קרענצל קנאָבל, אַ קריי־געלע האָניג און אַמאָל אויך אַ מענדל אייער.

פון אַלע פּרנסות צוזאַמענגענומען איז אָבער שווער געווען אויס־צולאָטן די וואָך קוים, ווער רעדט שוין פון קאָנען טראַכטן אפילו וועגן חתונה מאַכן אַ קינד. עלקע געצלס איז טאַקע אַרומגעגאַנגען זייער אַ פאַרדאגהטע, מיט רחמנות קוקן אויף אירע טעכטער און שטילערהייט זאָגן אַ תּפילה צום רבונו של עולם, אַז ער זאָל זיך מרחם זײַן און נישט דערלאָזן זיי זאָלן פאַרזיצן ביז אין גרויען צאָפּ אַריין. געצל איז געווען אַ גרויסער בעל בטחון. ער האָט געהאָפּט, אַז עס וועט קומען די צײַט ווען זײַנע טעכטער וועלן אויך אויפגעריכט ווערן מיט חתנים, מען דאַרף נאָר אַביסעלע סבלנות. וואָס איז? ווייניק מענטשן אויף דער וועלט וואַרטן אויף גאָט ברוך הואס הילף, איז ער דען אַ בן־יחיד און זײַנע טעכ־טער בת־יחידות? אויף אַלעמען קומט די ריי, מען דאַרף נאָר אַביסעלע צוואַרטן.

— געצל! — האָט איין מאָל עלקע זיך ביי אים געבעטן, — זיצן אַזוי מיט פאַרלייגטע הענט איז דאָך אויך נישט קיין תכלית. מען מוז עפּעס טאָן, מען שמועסט, אַז עס קומט אַ גאַסט אין שטעטל אַריין, אַ גרויסער גאַסט, דער סטאַלינער קומט, אפשר וואָלט גאָר כדאי געווען

געצל דו זאָלסט צו אים גיין און זיך האַלטן אַן עצה, מיט זיין הילף וועט אונדז השם יתברך גיכער העלפן, נאָ אָט האָסטו, איך האָב אָפּגעשפּאָרט אַ פּאָר גילדן, וועסטו האָבן אויף אַ פדיון פאַרן רבין.

געצל האָט נישט געענטפערט, נישט געוואָלט אַריינגיין מיט עלקען אין קיין ויכוח. צו וואָס זאָל ער איר פאַרשאַפן עגמת נפש. איר זאָגן, אַז ער גלויבט נישט אין קיין רבין, האָט ער נישט געוואָלט. זי וועט דאָך נאָך חלילה מיינען, אַז ער איז מער קיין פרומער ייד נישט, איז בעסער שווייגן, — בפרט נאָך, אַז ער אַליין ווייסט די ביטערע מערכה איז צו וואָס נאָך אַמאָל איבערקייען, אַ בהמה איז מעלה גרה, פאַר אַ מענטש איז קראַנקער ווען ער שווייגט.

פאַרוואָס געצל איז נישט קיין חסיד, האָט ער שוין נישט איינמאָל אויפגעקלערט דעם עולם אין נייעם בית המדרש. חסידות פלעגט געצל זאָגן, איז אים אַ נאָענט געפיל, איז אַמאָל גאָר נאָענט געווען צו זיין האַרץ, איין קליינינקייט חסידות! וואָס איז מישטיינס געזאָגט פון דעם היינט געוואָרן? אַמאָל, טאַקע גאָר אַמאָל ביים בראשית, צום אַנהויב, האָבן די גדולי הדור, דער בעל־שם־טוב און זיינע נאָכפאָלגער ווי דער רבי אלימלך, ר' מאיר פרעמישלאַנער און אַנדערע — געהאַט אין זייער כונה אַ גאָר גרויסע זאַך, נעמלעך: גלייכצושטעלן דעם בעל־מלאכה — וואָס לעבט פון זיין פּראַצע, אַז ער זאָל גלייך מיטן גביר, מיטן תקיף האָבן די זעלבע דעה אין קהל־לעבן, אַז נישט נאָר תקיפים זאָלן זיין די איינ־ציקע מושלים איבער קהל. איז דאָס טאַקע געווען אַ גרויסער ענין, אָרעם און רייך זאָלן זיין די איינציקע מושלים איבער קהל; אָרעם און רייך זאָלן כאָטש לדעה זיין גלייך. אָבער, אַז מען גיט אַ קוק, וואָס פון דעם איז געוואָרן, אַז אפילו אין די רבנישע הויפן — האָט מען נישט געקענט איינפירן די שיטה, נאָר אויך דאָרט ווערט דער רייכער, דער נגיד פּריי־ווילעגירט, זענען פון די ערשטע שלום־געבער, די זיצער אויבנאָן ביים רבינס טיש, און דער אָרעמאַן דאַרף שטיין פון ווייטנס, וואַרטן טעג און אָפּטמאָל אויך וואָכן ביז ער קאָן זיך צום רבין דערשלאָגן אויף שלום געבן, אויף דערציילן פון זיין מערכה, זיך מישב זיין וועגן אַ דבר תשובה, וועגן אַ משפחה ענין, טאַקע וועגן אַ שידוך חגון פאַר אַ קינד, איז אויב אין חסידות זענען חסידים פונאַנדערגעטיילט אויף די זעלבע אָרעמע און

רייכע, היינט וואָס האָבן זיי מתקן־געווען, דעריבער איז ער קיין חסיד נישט.

געצל האָט נאָך מער מסביר געווען דעם עולם, אַז צום בורא עולם באַדאַרף קיינער נישט קיין פאַרמיטלער, יעדער בר־נש איז בכוח זיך מתיחד צו זיין מיט גאָט ברוך הוא, נאַטירלעך דורך תפילה, דורך צדקה, דורך מעשים טובים, און אויב עמיצער האָט חלילה עפּעס אַ זינד איז דורך תשובה. דער רבונו של עולם אַליין נעמט דאָך נישט אָן קיין פאַר־מיטלער, ווי אין פּסוק שטייט: לא על ידי מלאך ולא על ידי שליח אלא הוא בכבודו ובעצמו. איז דעם מלך מלכי המלאכים שטייט יאָ אָן צו זיין פאַרבונדן מיט יעדן איינציקן פון זיינע באַשעפענישן און אַ מענטשן ניט, — בפרט נאָך אַ יידן, דעם בחיר היצורים און דעם בחיר פון אַלע אומות?

געצל האָט גיכער געזען אין חסידות און אין רבין אַ מסדר הארץ, ווי אַ מסדר השמים, גיכער זיך צו פאַרנעמען מיט יושר און צדק אויף דער וועלט, איידער זיך באַשעפטיקן מיטן סדר אין די הימלען און היות צו דער מדרגה, וואָס איז געווען די אייגנטלעכע כונה פון די מיסדי החסי־דות, טאָקע פון בעל שם טוב אַליין איז ער קיין חסיד נישט.

געצל האָט שטאַרק געגלויבט אין ציון, ביים זאָגן ובא לציון גואל, האָבן אים טרערן באַגלייט. ער האָט נאָך נישט פאַרשטאַנען וואָס עס מיינט דער ובא לציון גואל, איז דען די תפילה פאַר ביאת המשיח נישט כולל גאולה, נאָר מען באַדאַרף באַזונדער בעטן אַז עס זאָל קומען אַ גואל פאַר ציון.

געצלס קינדער,ביידע מיידלעך און דער בן־יחיד זענען אַוועק אויף הכשרה און נאָכהער עולה געווען קיין ארץ ישראל, זיך באַזעצט אין אַ קיבוץ און דאָרט בחברותא געאַרבעט און געבויט דאָס לאַנד, די היים פאַר פאָלק ישראל, מיט אַ צייט שפּעטער אַריבערגענומען טאַטע־מאַמע, זיי באַזאָרגט מיט אַ דירה צום וווינען, פאַר פרומע יידן צוגעגרייט אַ מקום תפילה און געצל מיט זיין ווייב עלקע האָבן נישט געהאַט קיין זאָרגן פאַר פּרנסה. די קינדער האָבן אין קיבוץ געפונען זייערע באַשער־טע און געבוירענע דורות, אייניקלעך פאַר טאַטע־מאַמע.

געצל האָט זיך אָנגעהויבן אַריינצוטראַכטן אין פּסוק „ובא לציון

גואל״ און האָט ערשט פאַרשטאַנען דעם אמתן באַדייט פון די ווערטער. עס האָבן קיין ארץ ישראל באַדאַרפט קומען חלוצים. די, וועלכע אַרבעטן צוזאַמען, בויען צוזאַמען, און אַלע האָבן די זעלבע דעה, ווו עס איז נישטאָ קיין אָרעמע באַזונדער און רייכע באַזונדער, נאָר אַלע זענען גלייך למאה ולדעה, נישט אומזיסט האָבן די ווערטער: ציון, גואל, חלוץ — די זעלבע פיר אותיות. עס איז פאַראַן אַ כונה דערביי. וואָלטן מיר פאַרשטאַנען די שפּראַך, וואָס אותיות דערציילן פלעגט געצל זאָגן, וואָלטן מיר זיך דערוווּסט, דעם אמתן פשט פון גואל ציון, וואָס קומט פון חלוץ. עס מיינט גלייכהייט, אַט דאָס טאַקע, וואָס חסידות האָט נישט געקאָנט דערגרייכן, כאָטש חסיד האָט אויך פיר אותיות, אָבער עס זענען נישט געווען קיין שותפים. די שותפים, — וואָס זענען דאָ ביי ציון געמלעך דער חלוץ, וואָס פאַרוואַנדלט זיך אַלס גואל.

געצל האָט זיך געפילט גליקלעך אויף דער אַלט־נייער ערד אין ארץ־ישראל, אַלע זיינע נייע ענויים, מאַטערנישן, אָרעמקייט און נויט, וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין אין דער אַלטער היים, האָט ער דערמאָנט מיט אהבה מיט גרויס ליבשאַפט, ווייל דער רבונו של עולם האָט אים מזכה געווען צו האָבן מקיים געווען דעם פסוק ובא לציון גואל, זיינע קינדער, די חלוצים זיי געהערן דאָך צו די גואלי ציון, — פלעגט געצל טענהן.

נישט נאָר מיט ווערטער פון תפילה צו די הימלען, נאָר אויך אַ מאָנער פון אחינו בני ישראל, איז געצל געוואָרן, שרייבנדיק צו קרובים און באַקאַנטע אין גלות און געפאָדערט זיי זאָלן מקיים זיין דעם ובא לציון גואל, איז שיקן די קינדער קיין ארץ ישראל, ווו זיי וועלן אַלס חלוצים אויסלייזן ציון פון פרעמדע הענט, פון פרעמדער הערשאַפט און פאַרוואַנדלען אין מלכות ישראל.

ר׳ געצל האָט געפונען תיקון זעענדיק ווי עס ווערט רעאַליזירט די תפילה פון ובא לציון גואל, דורך אַרבעט און שוייס דורך ערלעכער פראַצע באַפליגלט מיטן גרויסן אידעאַל פון תחית העם, פון דער ווידער־אויפלעבונג פון אַ פאָלק, וואָס איז זייט דורות און יאָרן פאַרשקלאַפט, גערודפט און געפלאָגט.

ר׳ געצלס טייטש פון ובא לציון גואל האָט מנצח געווען. עס איז געוואָרן דער נצחון פון חלוץ, דער גואל ציון, וואָס האָט דערפירט צו מדינת ישראל.

חבר איטשע

איטשע שפרייזער, האָט מען אים גערופן אין שטעטל, און דער נאָמען איז מיט אים מיטגעגאַנגען אויך אין דער גרויסער שטאָט אַריין. מאַנכע האָבן געמיינט, אַז שפרייזער איז איטשעס פאַמיליען־נאָמען, דער אמת פאַרוואָס מען האָט איטשען צוגעגעבן אַ צונאָמען: „שפרייזער" איז געווען, ווייל יידן אין שטעטל האָבן אויף אים געזאָגט, אַז ער פאַרנעמט זיך מיט שפרייזן איבער וועלטן, אַז ער האָט שוין איבערגעשפרייזט גאַנצע פיר וועלטן, און איז נאָך פון דער קאָזע־גרענעץ פון שטעטל נישט אַרויסגעגאַנגען, ווער ווייסט — האָבן יידן צווישן זיך גערעדט — וויפל נאָך וועלטן ער וועט עס אַריבערשפרייזן. אַממייסטן האָט פון איטשעס וועלטן חוזק געמאַכט און זיך סתם אַזוי איבער אים געלאָזט ווילגיין, האָט זיך ר' בונים דער פעלצן־מאַכער, ביי וועמען איטשע איז געווען אַ לערן־יינגל, עס הייסט, איטשע בעת ער איז אָנגעקומען צו ר' בונימען זיך לערנען פעלצנמאַכעריי, איז ער שוין געווען אַ חתן־בחור, איז שוין געשטאַנען אין שידוכים, נאָר בונים האָט אים געהאַלטן פאַר אַ יינגל, וואָרום ווי דען האָט ער אים באַדאַרפט רופן — ר' בונים — מיין לערן מענטש, מיין לערן־בחור, עפּעס האָבן זיך אַזעלכע ווערטער נישט געקלעפּט צום גומען, דאָס וואָרט לערן־יינגל איז שוין ביי אים געווען אַזוי לייכט אַרויסצורייידן, ווי למשל אַ מעסטל אַרבעס, געזאַלצענע באָבעס, אַ געפילט מילצל, אַ גלעזל ביר, אַ גלעזל סאָדע וואַסער, וכדומה.

בעת איטשע האָט געהאַלטן אין ווייקן אַ פאַלע פון אַן איבערגעניי־צעוועטן פעלץ אין אַ טאָפּ פון איבערגעקאָכטע דעמבענע קאָרע, פלעגט אים ר' בונים וויצלדיק אַ פרעג טאָן: „וואָס זאָגסטו איטשע! מיט אַזאַ פעלצל, וויפל וועלטן קאָן מען עס אַריבערשפרייזן?" איטשע האָט נישט געענטפערט, ראשית טאָר מען דאָך נישט אַנטקעגנריידן אַ בעל הבית, שנית, צו וואָס זאָל ער ענטפערן, ער וועט זיך עס גיין פאַרהערן מיט ר' בונימען, ער איז שטיין רייך, אים איז גוט אויפן האַרצן, ווייסט אַליין נישט וויפל געלט ער פאַרמאָגט, דאָס ווייב האָט נאָר איין אַרבעט צו

זיצן אין אַלקער אויפן בעט און אָפּהיטן דאָס פּאַפּירענע געלט, און די גאָלד שטיקלעך, וואָס זי האָט איינגענייט אין דער איינשיט פון דעם פע־דערנעם איבערבעט.

איטשע האָט במחשבה, און אין זיין דמיון אויסגעוועז אַ סך וועלטן, קודם איז אים טיף געווען איינגעבאַקן אין האַרצן די פרומע יידישע וועלט, די וועלט פון זיין טאַטן און זיידן, די תורה וועלט, די וועלט פון בית מדרש, ווו ער איז געזעסן יום ולילה און געלערנט, די וועלט, ווו ר׳ מרדכי דער מורה הוראה האָט אים אַריינגעפירט מיטנעמענדיק אים ביי־נאַכט אויף צו קלאָגן אויף גלות השכינה, אָפּצוריכטן חצות, די וועלט פון אמתדיקן רעליגיעזן עקסטאַז, פול מיט התלהבות, די וועלט פון תפילה, פון דאַווענען מיט כונה, פון זיך באַהעפטן מיט די הימלען, פון שוועבן אין דער לופטן מיט פאַרמאַכטע אויגן און צעצויגענע הענט, וואָס האָבן זיך געהויבן וואָס העכער און העכער, און אָט! אָט! שיעור נישט דערגרייכט צום ריכטיקן פלאַץ, ווו עס זיצט גאָט ברוך הוא אַליין, היינט אָט! די זעלבע וועלט פון תורה, פון צעזינגען זיך איבער אַ בלאַט גמרא, איבער אַ שווערער סוגיה, דאָס פאַרטראַכטן זיך איבער אַ האַרבן תוספות, דאָס איינגעמען אַ פלוגתא צווישן ר׳ אליעזר און ר׳ טרפון, דאָס זיצן אין לערנען אַזוי לאַנג און אַזוי שפּעט, אַז מען האָט אין הונ־גער פאַרגעסן און דעם שלאָף מנצח געווען, נישט געפילט קיין קעלט און דעם דורשט געלאָשן מיט מים חיים, מיט קוועלנדיק וואַסער, וואָס האָט זיך געגאָסן פון אומאויסשעפּלעכן תורה קוואַל, די וועלט פון דער אייבי־קער אַלטער קשיא, וואָס מען פרעגט און מען ענטפערט און אַלץ פאַר־בלייבט די אַלטע קשיא, די וועלט ווו מען ווערט צעוויגט פון אַ טאַנץ, פון אַ ריקודל, ווו מען צעגייט זיך צוזאַמען מיט די קלאַנגען פון אַ ניגון, די וועלט פון וטהר לבנו לעבדך באמת, מיט דעם צוזינג פון עם ישראל חי, נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל, ביז די כוחות באַנייען זיך ביי אַ הבה־נגילה, און ווידער געזאַנג, ווידער אַ טאַנץ, כסדר, אָן אויפהער, ביז מען טאַנצט אַריין אַ צעזונגענער אין אין סוף אַריין.

די וועלט, איז פון איטשען נישט אָפּגעטראָטן, ער האָט זי ליב גע־האָט, געטוליעט צום האַרצן, ווי מען טוליעט אַ ציטערדיק קינד, כאָטש דחקות און נויט, הונגער און קעלט זענען תמיד געווען די באַגלייטער,

כאָטש פון די אויגן האָבן זיך גאַנץ אָפט געקייקלט די טריבע טרערן, אָבער ווי געשמאַק, מיט דער וועלט האָט זיך איטשע נישט געשיידט, וויפיל וועלטן נאָך ער האָט נישט דורכגעשפּרייזט, איז אים די וועלט פון תורה און תפילה אומעטום, אומעטום נאָכגעגאַנגען. נישט איין מאָל האָט איטשע שפּאַצירנדיק איבער אַנדערע וועלטן, בעת ער האָט זיך געפונען אויף אומבאַקאַנטע וועגן, ערגעץ ווייט, ערגעץ טיף, ערגעץ טיף, ווו עס בלויען די שפּיצן בערג אין באַגינען פון אַ נאָך פון קיינעם נישט באַטראָטענע אויסגעטרוימטע וועלט, האָט נישט געוווסט ווו ווייטער צו גיין, אָדער איז פון עמיצן געשטערט געוואָרן אין גאַנג, צי פון אַ שונא, וואָס האָט אים געוואָלט אָנטאָן קייטן אויף די פיס און נישט לאָזן ווייטער גיין, צי אַ פינצטערער וואָלקן האָט פאַרדעקט דעם הימל פון זיין דמיון, — פלעגט זיך תמיד איטשע אומקערן צו דער באַזע, צו זיין באַזע, וואָס איז געווען זיין וועלט פון תורה, די אַלטע יידישע וועלט, וואָס איז געשמידט געוואָרן אין תורה און אין תפילה געזאַנג פון דורות און יאָרן!

ווען איטשע האָט אַריינגעשפּרייזט מיט זיינע איבערגעניצעוועטע אַלטע בגדים, קירצער מאַכנדיק די געהאַקטע קאַפּאָטע, אָפּשניידנדיק די פּאָלעס, אַז עס זאָל אַרויסקומען אַ רעקל, אָפּשניידנדיק די כאָלעוועס פון די שטיוול, אַז עס זאָלן ווערן האַלבע קאַמאַשן, אויסבייטנדיק דאָס טיכענע היטל, אונטער וועלכן די פאות האָבן תמיד געהאַט זייער באַהעלטעניש, — אויף אַ מאַטשעיווקע פון וואַנען עס האָט אין אַ ווינקל פון לאַנגן דאַשיק באַדאַרפט אויך אַרויסקומען אַ לאַק פון געקרייזלטע האָר — ווען ער האָט אַריינגעשפּרייזט אין דער וועלט פון השכלה, האָט אָנגעהויבן זיך צו פאַרנעמען מיט למודי חול, מיט בילדונג, האָט אַוועקגעלייגט דעם מלאכת מחשבת און אין האַנט אַריין גענומען אַן אַריטמעטיש ביכל, האָט זיך צוגעהערט צו די אומזיסטע לעקציעס וואָס לערער־משכילים האָבן געגעבן אויף ספּעציעלע אָוונט־קורסן, — איז ער שוין געווען אַ דערוואַקסענער בחור, דאָס פּנים איז שוין געווען באַוואַקסן מיט שוואַרצע האָר ווי סאַמעט פון מחשבה און דמיון איז דער שטערן ביי אים געווען פיין צעקנייטשט, ווי צעאַקערטע גאַרבן טיף בלויע אויגן, וואָס מער מען האָט אין זיי אַריינגעקוקט, אַלץ טיפער האָבן זיי זיך פאַרטראָגן, ביז אין

מוח אַריין, שמאָלע, צעצויגענע, לאַנגע הענט, מיט נאָך לענגערע דינע פינגער, אַ צאַרטן אויסזען האָט איטשע געהאַט, אַן איידעלער נפש — האָבן ווייבער אין שטעטל אויף אים אָנגעוויזן — דערביי געפרעגט מיט אַזעלכע הענטלעך גייט מען זיך לערנען אַ מלאכה, די פינגער ווען דאָך נישט קאָנען קיין נאָדל איינהאַלטן אין האַנט, מיט אַזעלכע פינגער איז גוט פיאַנאָ צו שפילן.

לערנענדיק זיך די מלאכה פון פעלצנמאַכעריי ביי ר׳ בונימען האָט שוין איטשע אָן אַ נאָדל געהאַט פאַרנייט דריי וועלטן, די וועלט מיט תורה און די וועלט פון השכלה האָט ער מצרף געווען צו דער וועלט פון מלאכה. פאַרדינענדיק די ערשטע פאָר גילדן אַלס פעלצנמאַכער, דערפילנדיק דעם טעם פון קאָנען זיך אַליין שפּייזן, און אויך קאָנען צושטייער געבן דער מאַמען, זי זאָל האָבן פון וואָס צונויפצושטיקעווען דעם שבת, האָבן זיך פאַר איטשען אָנגעהויבן צו אַנטפּלעקן נייע וועלטן, וועלטן צו וועלכע מען שטרעבט, וועלטן, וואָס דאָס צוקומען צו זיי איז פאַרבונדן מיט קאַמף, מיט פאַרגיסן בלוט, מיט מלחמה האַלטן, די וועלט פון סאָציאַליזם, אָט די וועלט, וואָס דאַרף עס אַריינפירן דער מענטשהייט אין היכל פון יושר און צדק, די וועלט אין וועלכער אָרעם און רייך דאַרפן זיין גלייך, די וועלט, אין וועלכער עס דאַרפן נישט זיין קיין הונגעריקע, קיין באָרוועסע און נאַקעטע, קיין דאַכלאָזע, קיין שקלאַפן און פאַרשקלאַפטע, די וועלט, וואָס דאַרף צווישן אַלעמען צעטיילן דעם מערווערט פון מענטשלעכער אַרבעט, דעם פראָפיט פון מענטשלעכן שווייס. די סאָציאַליסטישע וועלט, וואָס דאַרף עס פאַרווירקלעכן די נבואה פון יהושעיה הנביא, וואָס האָט מיט זיין וויזיע דערבליקט דעם באחרית הימים, ווען גערעכטיקייט וועט הערשן אויף דער וועלט, און אפילו אַ וואָלף וועט קאָנען לייבן צוזאַמען מיט אַ שעפּסעלע און עס נישט פאַרצוקן, ווייל דער וואָלף וועט באַקומען עסן צו דער זעט, און ווייסן, אַז אויך דאָס שעפּסעלע האָט די זעלבע רעכט צו געניסן פון דער וועלטס רייכטימער, וועמען דער בורא עולם אַליין האָט מיט אַזאַ ברייטער האַנט צוגעגרייט אין די בראשית טעג פון בריאת העולם.

איטשע האָט געשלונגען די תורה פון סאָציאַליזם, האָט גערלייענט די ווערק פון אַלע סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער, ווי עס באַדאַרף צו זיין,

מעיין געווען אין די שווערע סוגיהס פון דער סאָציאַליסטישער טעאָריע, זיך געגנוי באַקענט מיט אַלע שיטות, נאָכגעפאָלגט אַלע פּלוגתא׳ס, זיך גע־נוי פונאַנדערגעקליבן אין די אַלע פאָרמען פון דער סאָציאַלער גערעכטי־קייט, וואָס דאַרף הערשן אויף דער וועלט.

ווען אין שטעטל זענען געקומען רעדנער פון דער גרויסער שטאָט, האַלטן פאָרטראַגן אויף פאַרשיידענע טעמעס, ליטעראַרישע, פּאָליטישע, האָבן שוין געוווּסט פון איטשען, ער האָט נישט אויסגעמיטן קיין איין פאַרלעזונג, איז געגאַנגען הערן און זיך טאַקע מיט קאָפּ צוגעהערט צו די אַלע תורות, וואָס זענען פון די מאָדערנע רביים אַראָפּגעבראַכט געוואָרן אַזש פון דער גרויסער שטאָט, רביים, וואָס האָבן מיט אַ סך פּאַטאָס, מיט ענטוזיאַזם גערעדט וועגן דער נייער וועלט, וועגן אַ וועלט, וואָס איז גאָר אַנדערש ווי די היינטיקע, אַ וועלט פון אַ נייעם סדר, אַ וועלט מיט אַ נייער אָרדענונג, אַ אָרדענונג פון גלייכהייט, פון פרייהייט, אַן אָרדע־נונג פון מענטשלעכקייט פאַר דער מענטשהייט! נאָך די פלאַם־פייערדיקע רעדעס, אָדער נאָך די פאָרטראַגן פלעגט איטשע זיך האַלב שעמעוודיק צו־שאַרן אויף די שפּיץ פינגער, אַזוי גייענדיק מיט אַ זייט, צו די פּרעלע־גענטן, מיט זיי פאַרפירן אַ שמועס, שטעלן פראַגעס און אויף מאַנכע פון זיי אַליין געבן די תשובות. צום אָנהויב פון אַזאַ געשפּרעך איז דער רעדנער, דער גרויסשטאָטישער געווען אַביסל אין רעזערוו, זיך משמעות געטראַכט, די זעלבע צוטשעפּעניש ווי אין אַלע שטעט און שטעטלעך, ווו עס קומט אויס צו ריידן, אין קיין פּלאַץ פעלן נישט קיין נודניקעס, האָבן זיך די רעדנער געטראַכט, אָבער, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן צו הערן עפּעס פון איטשען, די פראַגעס וואָס ער האָט געשטעלט, דער אופן ווי ער האָט די שאלות פאָרמולירט, די באַהאַוונטקייט, וואָס ער האָט אַרויס־געוויזן ביים אַוועקשטעלן פּראָבלעמען, און זיין באַשיידענע האַלטונג, האָט גלייך אַרויסגערופן דרך ארץ צו אים פון יעדן גאַסט. זיי האָבן זיך שנעל איבערצייגט, אַז זיי האָבן צו טאָן מיט אַ ייד אַ למדן, מיט איינעם וואָס איז היימיש אין אַלע וועלטן, אין דער וועלט פון תורה, פון השכלה, פון סאָציאַליזם, אַנדערע האָבן זיך אויך איבערצייגט, אַז איטשע איז אויסגעבונדן אין דער וועלט פון ציוניזם, און, אַז ער האָט שוין באַוויזן

צו פאַרסטריגעווען ביידע וועלטן, נעמלעך די וועלט פון סאָציאַליזם און די וועלט פון ציוניזם און מאַכן פון זייביידן איין וועלט.

עס איז אַוועק אַ קורצע צייט און איטשע אַליין האָט אָנגעהויבן צו דרשענען פאַרן עולם אין שטעטל. עס זענען געקומען הערן איטשען קינד און קייט, ער האָט תמיד צוגעצויגן אַן עולם צו זיינע דרשות, אַלע אין שטעטל האָבן געוווסט, אַז איטשע איז אַ למדן, איז אויסגעקאָכט אין אַלע וועלטן, ווען איטשע האָט גערעדט וועגן דער טעאָריע פון סאָציאַליזם, וועגן דער נייער אָרדענונג, וואָס דאַרף איינגעפירט ווערן אויף דער וועלט, האָט ער גערעדט, וועגן דער יידישער וויזיע פון פרייהייט, האָט ציטירט די יידישע געזעצן וואָס פאַרבייטן קנעכטשאַפט, ער האָט קיינמאָל אין זיינע רעדעס נישט פאַרפעלט צו באַווייזן מיט פסוקים, מיט ציטאָטן פון אונדזערע הייליקע ספרים, די באַציאונג פון דער תורה צום געזעלשאַפטלעכן סדר, ער האָט שטענדיק געמאַכט אַ פאַרגלייך פון די וועלט־געזעצן און די געזעצן פון דער יידישער תורה, ווי זי איז פון אונדזערע לעגיסלאַטאָרן געגעבן געוואָרן פאַר אַ געזעלשאַפטלעכן, יושרדיקן סדר. די אַלע יידישע געזעצן האָט איטשע געזאָגט תמיד, זענען באַגלייט, מיט די שכינה־שטראַלן פון באַרג סיני, ווו די תורה איז געגעבן געוואָרן צו יידן. איטשע פלעגט אויך האַלטן רעדעס וועגן דעם משיח־געדאַנק ביי יידן, און תמיד צופירן צו ציוניזם.

דאָס שטעטל איז געווען שטאָלץ מיט איטשען, אַז עס איז געקומען דער טאָג, ווען איטשע האָט זיך באַדאַרפט מיטן שטעטל געזעגענען, ווייל ער האָט באַקומען אַ געזעלשאַפטלעכן פּאָסטן אין דער גרויסער שטאָט, — אין וואַרשע, ווו ער איז געוואָרן דער סעקרעטאַר פון פראַפעסיאָנעלן פאַריין פון די לעדער־אַרבעטער, — איז פשוט געווען אַ טרויער אין שטעטל, איינער דעם אַנדערן האָט מיט אומעטיקע בליקן אָנגעקוקט און אויף שטום־לשון געפרעגט: וואָס וועט איצטער זיין, וואָס וועלן מיר טאָן אָן איטשען, ווער וועט אונדז דען פאַרטייטשן אונדזער לעבן, ווער וועט אונדז פריילעך מאַכן אונדזער געמיט, ווער וועט אונדז אַריינברענגען האָפענונג, ווער וועט זיין אונדזער פאַרשטייער. אויך פרומע יידן, וואָס האָבן לכתחילה געמיינט, אַז איטשע איז געוואָרן אַן אפיקורס, אַז ער איז אַרויס לתרבות רעה, האָבן זיך שנעל געכאַפּט, אַז ביי

איטשען איז דאָס נישט קיין אפּיקורסות חלילה, אַז ער איז פון יידישקייט נישט אַוועקגעגאַנגען, אַז ער איז געבליבן אַ געטרייער און איבערגעגעבענער ייד, דערצו האָט ער נישט אויפגעהערט צו זיין אַ מאמין, מען האָט קיינמאָל פון זיין מויל חלילה נישט געהערט אַ זאַך, וואָס זאָל קאָנען באַצייכנט ווערן אַלס כופרות, ניין! מען קאָן נאָך היינט טרעפן איטשען מיט אַ קו־הישר אין האַנט, ער איז פון יידישקייט נישט אַוועקגעגאַנגען, גראָד פאַרקערט, ער רעדט מיט פּסוקים, און באַווייזט דעם אייביקן אמת פון אונדזערע נביאים, פון אונדזער תורה בכתב און תורה שבעל פה. די אַלע פרומע יידן האָבן זיך שווער געזעגנט מיט איטשען, אים געווינטשן גרויס הצלחה אין דער גרויסער שטאָט, און צוגעזאָגט בעטן גאָט פאַר אים, אַז ווו ער וועט זיך נאָר ווענדן זאָל גאָט ברוך הוא וואַכן איבער אים.

איטשע האָט צוגעזאָגט קהל פון זיין שטעטל, אַז ער וועט קומען פון צייט צו צייט, אַז אויף אַ יום־טוב וועט ער קומען צו דער מאַמען, אַז ער רייסט נישט איבער מיטן שטעטל, אַלס באַווייז האָט ער אָנגעגעבן דער מאַמען, מיט דער יינגערער שוועסטער, וואָס בלייבן וווינען אין שטעטל, זיין בלוט און פלייש, און צו וועמען ער וועט זיך באַמיען וואָס אָפטער צו קומען זען.

אפילו ר׳ בונים האָט באַקומען דרך־ארץ צו איטשען, האָט שוין מער פון אים נישט אָפּגעהוזקט, נאָר זיך באַצויגן צו אים ווי צו אַ גלייכן, האָט אפילו נישט איין מאָל געפרעגט איטשען צי ער קאָן אים מיט עפּעס נישט בייהילפיק זיין, נישקשה עס וועט קומען אַ צייט, ווען איטשע וועט אים קאָנען אָפּדינען! אין שטעטל האָט מען אפילו געזאָגט, אַז ר׳ בונים זאָל האָבן געשיקט אַ שדכן צו דער מוטער פון איטשע און פאָרגעשלאָגן אַ שידוך מיט זיין טאָכטער. ווייבער האָבן צווישן זיך גערעדט, אַז איטשע האָט שוין פון לאַנג געוואָרפן אַן אויגל אויף רחלען, ר׳ בונימס מיזינקע, און אַז רחלע זאָל אויך נישט האָבן געווען גלייכגילטיק צו איטשען, זי פלעגט קומען אויף אַלע פאַרטראָגן איטשעס און ממש שלינגען יעדעס וואָרט, מען האָט אָפטמאָל זי באַמערקט זיצנדיק אין זאַל פון הכנסת אורחים, ווו איטשע פלעגט געוויינלעך ריידן — מיט אַן אָפן מויל, פון דעם האָט געוווסט ר׳ בונים און ער האָט שטאַרק געוואָלט איטשען פאַר אַן

אײדעם. מען האָט אויך דערצײלט, אַז ר׳ בונים זאָל האָבן צוגעזאָגט צו געבן איטשען אײביקע קעסט.

חבר איטשע האָט זיך זײער שנעל אַקלימאַטיזירט אין גרויסשטאָטישן לעבן. דרײ פערטל פון מעת לעת האָט ער אָװעקגעגעבן פאַר דער אַרבעט אין פאַרײן, בײטאָג אַרומגעלאָפן איבער די װאַרשעװער גאַסן, אויסגעגליכן אויפן פלאַץ סכסוכים צװישן אַרבעטער און די בעלי־בתים, אין די אָװנטן געװען פאַרנומען מיט זיצונגען, פאַרזאַמלונגען, און קאָנפערענצן, אויך אין די מיטאָג־שעהן און װעטשערע צײט איז איטשע געװען פאַרנומען, איז מערסטנס געזעסן אין רעסטאָראַן און בעת דעם צובײס גלײכצײטיק אַרײנגעכאַפּט אַ שמועס װעגן לױפנדיקע ענינים, װעגן פּאַרטײ־לעבן, װעגן קולטור־פּראַגן, װעגן דער יידישער לאַגע בכלל, קוים באַװיזן איבערצוקוקן די צײטונגען און װידער געלאָפן צו דער אַרבעט.

איטשע האָט שפּעט בײנאַכט על משכבו, בעת ער איז שױן געלעגן אויף זײן געלעגער, אַ מידער, אַן אויסגעמאַטערטער פון אַ לאַנגן טאָג אַרומלױפעניש, און נאָך אַ לאַנגן אָװנט פון זיצונגען און פאַרזאַמלונגען, — נאָך געלערנט װעגן די ענינים פון דער לעדער־אינדוסטריע און װעגן אַנדערע זאַכן. ער האָט געשלונגען יעדע ידיעה, יעדע אינפאָרמאַציע בנוגע פאַך־זאַכן פון דער לעדער־אינדוסטריע, ער האָט געװאָלט אַלץ װיסן, בכדי אין פאַרהאַנדלונגען און געשפּרעכן מיט באַלעבאַטים, װי אויך בעת די זיצונגען מיט די פאַך־קאָמיסיעס פון אַלע סעקציעס פון לעדער־פאַראײן זאָל ער נישט רעדן סתם אין דער װעלט אַרײן, נאָר ער זאָל זײן באַהאַװנט, אויסגעעבונדן אין אַלע פאַך־פּראָבלעמען.

איטשע האָט דערפאַרן, אַז די שיך־אינדוסטריע אין פּױלן איז גאָר שװאַך אַנטװיקלט, אַז דער פאַרברויך פון שיך איז אין פּױלן פיל קלענער אין פאַרגלײך מיט אַנדערע לענדער, לויט דער סטאַטיסטיק, װאָס איטשע האָט שטודירט בנוגע דעם פאַרברויך פון דער צאָל שיך אויף אַן אײנװױנער אין פּױלן און אין אַנדערע לענדער האָט ער זיך דערװוּסט, אַז בעת אין אַנדערע אײראָפּעאישע לענדער קומט אויס צו צװײ פּאָר שיך אויף אַ מענטשן יערלעך, איז אין פּױלן דער פאַרברויך פון שיך װײניקער װי אײן פּאָר אויף אַ מענטשן יערלעך. דערצו איז די פּראָדוקציע פון שיך אויף אַ זײער פּרימיטיװן אופן, נאָר צען פּראָצענט, בערך צװײ מיליאָן

פאַר שיך ווערן פּראָדוצירט מעכאַניש און די איבעריקע ניינציק פּראָצענט שיך ווערן אויסגעאַרבעט אין קליינע האַנטווערקעריייען. איטשע האָט אויך דערפאַרן, אַז דער רוב פון די שוסטער־אַרבעטער זענען פּאָליאַקן, זייער צאָל דערגרייכט אַרום ניינציק פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל באַשעפטיקטע אין פאַך. יידישע אַרבעטער זענען באַשעפטיקט ביי לייכטע זומער־שיך, ביי סאַנדאַלן, געגריוולטע מעשטעס וכדומה. דאָס גאַנצע שוסטער־פאַך ליגט אין די הענט פון גויים, וואָס וויגען אין די קליינע שטעט און שטעטלעך, די אַזוי גערופענע קליינע כאַלופּניקעס — וואָס באַשעפטיקט צו עטלעכע אַרבעטער. צוליב דעם מצב אין פאַך, איז בשום אופן נישט מעגלעך צו באַשטימען איינהייטלעכע פּרייזן אויפן שיך־מאַרק. אַ געבטיקער אַרבעטער ווערט מאָרגן אַ כאַלופּניק און קעגן זיינע אינטערעסן, קעגן זיין ווילן און איבערצייגונג ווערט ער אַ לוין־דריקערישער פאַקטאָר.

חבר איטשע האָט געזוכט עצות און תחבולות צו געפינען אַ געמיינזאַמע שפּראַך צווישן די אַרבעטער און כאַלופּניקעס און צוזאַמען קעמפן דעם עקאָנאָמישן קאַמף פאַר בעסערע לוינען, קעגן די סוחרים!

חבר איטשע האָט אין פאַריין געהאַט פאַרשידענע סעקציעס, וואָס אַלע צוזאַמען האָבן געבילדעט דעם פאַריין פון לעדער־אַרבעטער און קרובישע פאַכן. אַזוי למשל האָט ער געהאַט די סעקציע פון שטעפּער־אַרבעטער, גאַרבער־אַרבעטער, סעקציע רימערס, באָסאַקעס, געגריוולטע שוסטער, בערשטער־אַרבעטער. יעדע סעקציע פון פאַריין האָט געהאַט אירע פּראָבלעמען, ספּעציפישע פאַך־ענינים, וואָס האָבן געהאַלטן געשפּאַנט איטשעס אינטערעס. אַזוי למשל, האָבן רימערס געליטן פון אַ גרויסער אַרבעטסלאָזיקייט, ווייל די רעגירונגס־טענדענצן זענען געווען צו מאָטאָריזירן דעם ראָד־פאַרקער. האָט אָנגעהויבן וויניקער צו ווערן די צאָל פערד און וועגענער, האָט מען באַדאַרפט וויניקער כאָמוטעס פאַר פערד, איז ממילא געוואָרן ווייניקער אַרבעט אין פאַך. גויאישע אַרבעטער אין רימער־פאַך האָבן באַקומען שטעלעס אין דער אַרמיי, וואָס האָט גענוצט זייער פיל רימאַרסקע זאַכן פאַר די פערד פון דער קאַוואַלעריע־אַפּטיילונג, יידן דאַקעגן, האָבן אין דער אַרמיי קיין אַרבעט נישט געקענט באַקומען. שווער איז געווען דאָס פּראָבלעם אין בערשטער־פאַך, כאָטש דאָס

פאַך פון בערשטעריי האָט זיך קאָנצענטרירט מערסטנס אין אייניקע קלע־נערע שטעט פון פוילן, אין מעזריטש, קנישין און אַנדערע שטעטלעך, האָט אָבער געהערט צו איטשעס יוריסדיקציע אַלס דער סעקרעטאַר פון דער צענטראַלע פון לעדער־פאַריין זיך צו פאַרנעמען מיט די אַלע ענינים פון די אָפּטיילונגען. ביים בערשטער־פאַך זענען בלויז אין מעזריטש גע־ווען באַשעפטיקט קרוב צו צוויי טויזנט מענטשן. במשך פון יאָרצענדלי־קער איז בערשטעריי געווען אַ יידישע מלאכה, אַנטיסעמיטישע טענדענצן פון דער פוילישער ממשלה האָבן געזוכט אַלץ צו טאָן, בכדי דאָס פאַך אַרויסצונעמען פון יידישע הענט. היות די בערשטער־פּראָדוקציע איז גע־ווען אַן עקספּאָרט־אַרטיקל, מען האָט געאַרבעט פאַרן אויסלענדישן מאַרק, האָט די רעגירונג באַשוועדט דעם עקספּאָרט, אַלע טאָג אַרויסגעגעבן אַנ־דערע געזעצן און רעגולאַציעס, וואָס האָבן כמעט ווי אָפּגעשטעלט דאָס עקספּאָרטירן די פּאַרטיקע חזיר־האָר, און דער פאַקט האָט פאַראורזאַכט אַ גרויסע אַרבעטסלאָזיקייט אין פאַך. אַ גרויסער טייל פון די בערשטער־אַרבעטער זענען מיט זייערע משפחות אויסגעשטעלט געוואָרן אויף הונ־גער און נויט.

חבר איטשע האָט נישט גערוט, האָט געזוכט עצות ווי אַזוי צו ליג־דערן די נויטן פון די אַרבעטער, איז פיל מאָל געפאָרן קיין מעזריטש, האָט דאָרט אָרגאַניזירט אַ פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוו, בכדי פילייכט אויף דעם וועג צו קאָנען באַשעפטיקן אַרבעטער וועלכע האָבן פאַרלוירן זייערע אַרבעטס־שטעלעס. איטשע האָט אָרגאַניזירט אַ קבוצה פון בערשטער־אַר־בעטער, וואָס האָט געזאָלט פאָרן קיין ארץ־ישראל, און דאָרט שאַפן אַ פּראָ־דוקציע פון חזיר־האָר, עס איז זאָגאָר פון פאַריין געשיקט געוואָרן אַ דעלעגאַט קיין ארץ־ישראל, וועלכער האָט פאַרהאַנדלט מיט די אויטאָרי־טעטן פון דער יידישער אַגענטור צו קריגן סערטיפיקאַטן פאַר אַ צאָל בערשטער־אַרבעטער. איטשע האָט אויסגעאַרבעט אַ געגויען פּלאַן פאַר אָרגאַניזירן אַ בערשטער־קאָאָפּעראַטיוו אין ארץ־ישראל: איטשע האָט געטענהט: היות די בערשטער־פּראָדוקציע איז אַן עקספּאָרט־אַרטיקל, פריער, איידער היטלער איז געקומען צו דער מאַכט איז דער וועלט־מאַרק געווען אין לייפּציק, נאָך דעם ווי היטלער האָט איבערגענומען די ממשלה, האָט זיך דער וועלט־מאַרק איבערגעטראָגן קיין לאָנדאָן, ווייל דער האַנדל

מיט חזיר־האָר, די גרעסטע צאָל עקספּאָרטירער, פאַבריקאַנטן אין פּוילן זענען געווען יידן. היינט, היות ארץ־ישראל איז דאָך אונטער דעם ענג־לישן מאַנדאַט, דאַרף דאָך ענגלאַנד זיין פאַראינטערעסירט אין העלפן שאַפן אַזאַ אינדוסטריע אין אירן אַ מאַנדאַט־לאַנד. איי! ווי נעמט מען רווישטאָף? אין ארץ־ישראל איז דאָך קיין חזיר־האָר נישטאָ, האָט אויף דעם חבר איטשע אויך געהאַט אַן עצה: מען וועט קויפן רווישטאָף אין רו־מעניע, דאָס אויסאַרבעטן אין ארץ־ישראל און עקספּאָרטירן קיין ענג־לאַנד. אין ארץ־ישראל האָט מען זאַנדירט דעם באָדן פאַר אַזאַ אינדוס־טריע, דער „מרכז הקואופרציה" האָט זיך פאַרנומען מיטן אָרגאַניזירן די בערשטער־אינדוסטריע אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות אין ארץ־ישראל און אַזוי אַרום העלפן יידישע ארבעטער־משפחות בלייבן ביי זייער פאַך און זיך איינאָרדענען אין ארץ־ישראל!

גאַרבער־אַרבעטער ווידער זענען געשטאַנען פאַר אַ פּראָבלעם, וואָס די גאַרבער־אינדוסטריע, דאָס איבעראַרבעטן די פעל אויף לעדער האָט זיך אָנגעהויבן צו מעכאַניזירן. דער יידישער אַרבעטער האָט דאָס פאַך געקענט לויט דעם פּרימיטיוון אופן, דאָס אַמאָליקע סיסטעם פון נעמען פעל ווייקן אין שאַרפע זויערשטאָף, ביז די האָר קריכן אַרויס. און נאָכ־הער אַרויסנעמען די פעל פון די קאַדישקעס, אָפּרייניקן די האָר און אויפ־הענגען די לעדער צום טריקענען, דאָס פאַך האָט אָבער אָנגענומען גאַנץ אַנדערע אַרבעטס־סיסטעמען, מען האָט באַנוצט מאַשינען פאַר גאַרבעריי־אַרבעט, און דער פּרימיטיווער אופן איז פאַרביטן געוואָרן מיט אַ מעכאַ־ניזירטן סיסטעם. דאָס פאַך איז אַלזאָ געשטאַנען פאַר אַ דילעמע: אָדער דערמעגלעכן די מיטגלידער זיך צו פאַרפולקאָמען אין פאַך און זיך אויס־לערנען דעם סיסטעם פון מעכאַניזירטער אַרבעט, אָדער אָפּטרעטן דאָס פּלאַץ פאַר נישט־יידישע קוואַליפיצירטע אַרבעטער.

אַזוי זענען געווען אין יעדער סעקציע פאַרשידענע פּראָבלעמען צו לייזן, און חבר איטשע האָט אַלץ געזוכט תחבולות און עצות, ווי אַזוי די אַלע פּראָבלעמען צו לייזן. חבר איטשע האָט נישט געקענט ביי זיין בעסטן ווילן די פּראָבלעמען לייזן, ווייל עס האָט דערביי געשטעקט אַן אַנטיסע־מיטישע טענדענץ פון דער פּוילישער ממשלה, וועלכע האָט פון איר זייט אַלץ געזוכט אַריינצופירן פאַרשידענע גזירות, וואָס זאָלן דעם יידישן אַר־בעטער אַלץ הענגער מאַכן זיין לעבן.

אויף חבר איטשעס גורל איז אויסגעפאַלן צו פאַרנעמען זיך מיט די־
פראָבלעמען און נויטן פון יידישע לעדער־אַרבעטער אין פוילן, אַ טייל
פון די אָרגאַניזירטע לוין־אַרבעטער, אין אַ צייט פון אַ בין־השמשות איז
דער וועלט־געשיכטע בכלל און אין דער געשיכטע פון יידישן לעבן אין
פוילן בפרט. ליכט און פינצטערניש, פרייהייט און באַרבאַריזם האָבן אין
פוילן, ווי אויף דער וועלט בכלל צווישן זיך געפירט אַ העפטיקן געראַנגל.
מיט זיינע אויגן האָט ער געזען, ווי עס ווערט געטראָטן מיט די פיס, ווי
עס ווערט אונטערדריקט יעדער פרייער געדאַנק. חבר איטשע האָט געזען,
ווי רעאַקציאָנערע כוחות, ווי די וועלט פון פאַשיזם, פון דיקטאַטור, פון
זעלבסט־הערשעריי דערלאָזט נישט קומען צו מאַכט דעם סדר פון יושר,
פון צדק. חבר איטשע האָט געזען, ווי עס איז פּראָפּאַגירט געוואָרן דער
נאָמען פון סאָציאַליזם פון איין זייט פון אַ רויטער דיקטאַטור, און פון
דער צווייטער זייט פון אַ געל פאַשיסטישער זעלבסט־הערשאַפט.

חבר איטשע איז נישט אַנטמוטיקט געוואָרן אין זיין שווערער אַר־
בעט פאַר לינדערן די נויטן פון יידישע אַרבעטער. מיט דער גרעסטער
אַקטיוויטעט, מיט אַלע זיינע כוחות האָט ער זיך באַמיט צו זאַמלען יידי־
שע אַרבעטער און ווייטער פירן דעם קאַמף פאַר אַ בעסערן היינט און אַ
ליכטיקערן מאָרגן, פאַר יידישער פרייהייט בכלל אין דער וועלט וווּ אויף
סאָציאַליסטישע יסודות זאָל פאַרווירקלעכט ווערן צ י ו נ י ז ם !

ר׳ זלמן

דאָס וואָרט פון ר׳ יוחנן, אַז תלמידי חכמים זענען די בויער פון דער וועלט, ווייל אַלע יאָרן זייערע פּאַרנעמען זיי זיך מיט פּלאַנירן איר שיינ־קייט, — האָט פאַרפאָלגט ר׳ זלמנען. דאָס גאַנצע לעבן זיינס האָט ער נאָר געטראַכט און געווען פאַרטאָן אין כלערליי מחשבות, ווי אַזוי די וועלט באַדאַרף אויסזען.

אַז ר׳ זלמן איז געווען אַ תלמיד חכם, אַ ייד אַ למדן, אַ בקי, אַ חריף, אַ קענער פון אַלע שבע חכמות, אַן אויסטייטשער פון אַלע טבעיות, האָט קיינער נישט געצווייפלט. נישט געווען קיינער אין שטעטל, וואָס זאָל זיך פאַרמעסטן אין אַ וויכוח מיט אים. אָבער דאָך האָבן ווייניק גענומען ערנסט זיינע פּלענער. די סיבה איז געווען אַ גאָר פּשוטע: ר׳ זלמן איז טאַקע געווען אַ בעל־מדע, אַ קענער, אָבער נישט קיין בעל־יכולת, נישט קיין נגיד, האָט נישט פאַרמאָגט קיין הייזער, קיין שלעסער, אַפילו נישט קיין מטלטלין. ער איז געווען אַ ייד אַן אָרימאַן, אַן אביון אין זיבן פּאָלעס, וואָס האָט קוים מיט צרות, דורך אַרבעט און עגמת נפש, מיט שווייס פאַרדינט אויפן שטיקל ברויט. ווייסן, ווייסט ער טאַ־קע, האָבן יידן געזאָגט, אָבער קענען — קען ער נישט, און פון ווייסן ביז קענען איז דאָך אַ גאָר ווייטער מהלך.

ר׳ זלמן האָט פאַרמאָגט אַ סך מדות, וואָס אַ תלמיד חכם דאַרף באַזיצן, למשל: בבואו ובצאתו איז ער געווען איידל, מיט פיינער באַנע־מונג. ביז גאָר פרום, אַן עניו, אַ זריז. קיינעם חלילה נישט דערצערנט, קיינעמס נישט אָנגערירט, אַ מסתפק במועט, האָט פאַרמאָגט אַ געוואַל־דיקן זכרון, דערצו איז עולם הזה פאַר אים געווען אַ לחלוטין פרעמדע וועלט און פאַר דער דאָזיקער פרעמדער וועלט האָט ער געהאַט פאַרשיי־דענע פּלענער.

ר׳ זלמנס קענטעניש האָבן געהאַט אַ שם, וואָס מען זאָל אים נישט פרעגן האָט ער געוווסט צו ענטפערן. ער פלעגט געלאַסן, נישט געאיילט, פּאַמעלעך, מיט אַ סך געדולד אויסהערן די שאלה, אַ ווײַלע זיך פאַר־

טראַכט און געגעבן אַ תשובה. אין שווערע פראַגן, האָט ער זיך אַביסינקע
פאַרמוחט, פאַרקנייטשט דעם שטערן, אַריינגענומען צווישן זיינע ציי־
נער אַ שפּיץ פון זיין געלער באָרד, צוויי פינגער אָוועקגעלייגט אויף די
ברעמען, דעם קאָפּ אונטערגעהאַלטן מיטן עלנבויגן, אַ נישטער געטאָן
אין זכרון און געפונען אַ פאַרענטפער.

זעלטן ווען האָט פּאַסירט, אַז ר׳ זלמן זאָל נישט וויסן צו פאַרענט־
פערן אַ שאלה אויפן אָרט, און טאָמער האָט יאָ פּאַסירט, אַז ער האָט באַ־
דאַרפט מעיין זיין, נאָכקוקן אין אַ ספר, זיין אַ מבין דבר מתוך דבר. —
האָט ער געבעטן מען זאָל אים געבן אַ טאָג־צוויי צייט אַ טראַכט צו טאָן
בכדי אויסצוגעפינען די ריכטיקע תשובה.

אין בית המדרש האָט מען ר׳ זלמענען באַוואָרפן מיט שאלות. איי־
נער האָט געפרעגט פשוט, צו פאַרטייטשן אַ שטיקל גמרא, צו געבן צו
פאַרשטיין אַ שווערע סוגיה. אַ צווייטער האָט אים אָנגעוויזן אויף אַ
פלוגתא צווישן רש״י און תוספות, אַ דריטער האָט געוואָלט זיין אַ סתם
מקשן און האָט געפרעגט. אַ סך אַנדערע, בית־מדרש־זיצער, באַנק־קוועט־
שער, וואָס האָבן אַביסל זיך געוואָלט אָפּרוען פון די שווערע גמרא סענ־
קעס און אַביסל דורכלופטערן דעם מוח מיט למודי חול, האָבן ר׳ זל־
מנען פאַרשאָטן מיט שאלות פון וואָכנדיקע ענינים, מכוון זייענדיק דער־
ביי טאַקע אויסצוגעפינען צי ער ווייסט אַלץ. אָט, למשל, האָט מען אים
געשטעלט אַזעלכע שאלות: ווי אַזוי ווייסט מען דעם עלטער פון אַ בוים?
פאַרוואָס גייט דער רויך פון באַן־לאָקאָמאָטיוו אין דער פאַרקערטער ריכ־
טונג? פאַרוואָס ווערט מילך זויער? פאַרוואָס זעט מען פריער דעם בליץ
און ערשט נאָכהער הערט מען דעם דונער? ווו צעגייט שנעלער דער שניי
אין שטאָט צי אין דאָרף? וויפיל קאָלירן האָט דער רעגנבויגן? פאַרוואָס
ווערן האָר גרוי? פאַרוואָס מאַכט זאַלץ דורשטיק? צי זענען די געהירן
ביי אַ פרוי קלענער ווי ביי אַ מאַן? יעדע שאלה האָט ר׳ זלמן דורכגע־
טראַכט איידער ער האָט געענטפערט און ביים ענטפער מסביר געווען.
מיין קינד פלעגט ר׳ זלמן זיך ווענדן צום מקשן, פאַרשטיי נאָר מיטן
שכל, לייג אַביסל צו דעם קאָפּ, אַזוי עס זאָל דיר בלייבן אין זכרון, זאָלסט
פאַרשפּאָרן נאָך אַמאָל פרעגן. דער רויך פון לאָקאָמאָטיוו גייט אין דער
זעלבער ריכטונג ווי דער באַן, נאָר אַ סך לאַנגזאַמער, פּאַמעלעכער ווי

דער באַן, דעריבער זעט עס דיר אויס, ווי דער רויך זאָל גיין אין אַ פּאַר־קערטער ריכטונג. אַזוי ווי דער דרוק פון דער לופט רעסיסטירט דעם פּראָגרעס פון לאָקאָמאָטיוו, אַזוי ווערט אויך פון זעלבן לופט־דרוק רע־סיסטירט דער פּראָגרעס פון רויך. אַזוי ווי דער רויך איז לייכט, האָט דער לופט־דרוק מער ממשלה איבער אים ווי איבער דעם לאָקאָמאָטיוו, וואָס איז אַ סך שווערער, דערפאַר ווערט פאַרלאַנגזאַמט דער לויף־טעמפּאָ פון רויך און עס ווייזט זיך אויס פאַרן אויג, אַז די ריכטונג איז אַ פּאַר־קערטע. דאָס איז אַן ענין, וואָס מיר ווערן אָפּגענאַרט פון אונדזערע אויגן. דאָס זעלבע פּאַסירט ווען מיר פאָרן אויף אַן עקספּרעס באַן און אויף אַ צווייטער ליניע אין דער זעלבער ריכטונג גייט אַ שלעפּ־ציג, זעט פאַר אונדזער אויג אויס, אַז דער שלעפּ־צוג גייט אין אַ פאַרקערטער ריכ־טונג. נו! האָסטו מיין קינד פאַרשטאַנען? אנו! זאָג עס איבער מיט דיינע אייגענע ווערטער, לאָמיר זען צי דו האָסט תופס געווען די תשובה, פלעגט ר׳ זלמן איבערפרעגן און ערשט זייענדיק זיכער, אַז די תשובה איז פאַרשטאַנען געוואָרן, ווי עס באַדאַרף צו זיין, האָט ער אָנגעהויבן ענט־פערן אויף אַ צווייטער פראַגע. די געהירן ביי אַ פרוי זענען פון זעלבן גרויס ווי ביי אַ מאַנסביל, נאַטירלעך אין דער פּראָפּאָרץ פון דער מאָס פון קערפּער, דאָס מיינט חלילה נישט צו זאָגן, אַז ביי אַ פרוי פון נידע־ריקערן ווּוקס זענען די געהירן קלענער ווי ביי אַ מאַן פון העכערן ווּוקס, אַז דער שכל איז ווייניקער צוליב דעם, חס וחלילה. שכל איז בכלל אַ גאָט זאַך, וואָס ווערט פון די הימלען געשאָנקען, אַזוי ווי מען באַדאַרף צו אַלץ האָבן מזל, אַזוי איז אויך נויטיק מזל צו האָבן שכל. מה דאַך אַ ספר־תורה שבהיכל איז אָפּהענגיק פון מזל כל שכן אַ מענטש. אַזוי פלעגט ר׳ זלמן מסביר זיין ביים פאַרענטפערן שאלות.

ביי די וואכנדיקע ענינים, זאַכן פון למודי חול האָט זיך ר׳ זלמן קיין סך נישט אָנגעשטרענגט. מיט אַ לייכטן לשון, מיט איינפאַכע ווער־טער, אַזוי פראָסט און פשוט מיט מנוחת הנפש געענטפערט. אָבער, אַז עס איז צוגעקומען צו די גמרא שאלות, צו די פלוגתא׳ס צווישן רש״י און תוספות, צו אַ חילוקי דעות בין הפוסקים, ווו מען האָט זיך באַדאַרפט אונטערגאַרטלען און מיט מוח זיך דערגרונטעווען צו די מחשבות פון די תנאים אָדער אמוראים, צו הילף נעמען אַלע מפרשים סיי די ראשונים

און סיי די אחרונים, אַ בליץ טאָן מיט אַ פּלפּול, דורכלעכערן אַ געדאַנק, מיט חריפות אויסצובויערן אַ מחשבה, מיט חכמה צעזעגן אַ גמרא סענק, דאַן פלעגט ר׳ זלמן באַקומען אַן אַנדער מראה, אַ לחלוטין אַנדער אויס־זען, זיינע שטערן־קנייטשן האָבן זיך גאָר אַנדערש געקנייטשט, ווי זיי וואָלטן דורכגעלויכטן דעם מוח, די פּאַרצויגענע ברעמען, ווי זיי וואָלטן אָפּגעהיט זכרון, די אויגן ווינקלען האָבן געפינקלט מיט ליכט פון תורה, פון מויל האָט געשטראָמט דאָס לשון פון דער תורה, די פינגער האָבן געציילט ראיות, די האָר האָבן זיך געשפּאָלטן פון שאַרפזין, פון חריפות ביז אַלע קשיות זענען קלאָר פאַרענטפערט געוואָרן.

ר׳ זלמן איז אויך געווען אַ גרויסער בעל־חשבון. זיין קענטעניש האָט דערגרייכט אפילו צו דער מדרגה פון העכערער מאַטעמאַטיק. חשבון, תישבורת, געאָמעטריע, האָט ער געלערנט פון אַ מלאכת מחשבת, פון דער מסכת בבא בתרא, פון ערבין און פון זבחים. אויף אויסנווייניק האָט ער געוווסט וויפל היילן עס האָט געהאַלטן דער מזבח, ווי אַזוי ער איז געווען געבויט, ווי אַרומער דער כוהן גדול איז אַריינגעגאַנגען און דורך וואַנען ער איז אַרויסגעגאַנגען, און דעם גאַנצן חשבון וואָס איז בעת דער עבודה געמאַכט געוואָרן איינצושפּאָרן דעם כוהן גדול וועג. ר׳ זלמן האָט געוווסט ווי אַזוי אין אַ „טריאוגאלניק” אַריינצושטעלן אַ קוואַדראַט. ער האָט געקענט געבן צו פאַרשטיין די קאָנסטרוקציע, — דעם גאַנצן בנין פון אַ ווינטמיל, וויאַטראַק בלע״ז פון אַ וואַסער־מיל. דער כוח פון ווינט און וואַסער האָט ער מסביר געווען, אַנהייבנדיק פון בראשית פון די ימי מבול. דערביי האָט ער אויסגערעכנט אַלע גינסטיקע און שעדלעכע כו־חות פון ווינט און וואַסער, וואָס ברענגען דער מענטשהייט. אַזוי ווי ווינט באַוועגט זעגל־שיפן, וויאַטראַקן, און ברענגט נוצן, אַזוי קען דער זעלבער ווינט חרוב מאַכן, צעשטערן און ברענגען שאָדן. דאָס גלייכן וואַסער; אַזוי ווי עס לעשט דעם דורשט פון מענטשן, טרינקט אָן די פעלדער און גערטנער און העלפט אַרויסברענגען די שענסטע רויזן, אַזוי קען אויך וואַסער פאַרפלייצן דעם גאַנצן כדור הארץ, ווי עס האָט פּאַסירט אין די טעג פון מבול. ריידנדיק אַזוי וועגן וואַסער האָט ר׳ זלמן נישט פאַרפעלט בדיבור־אחד צו דערציילן וויפיל פּראָצענט וואַסער עס אַנטהאַלטן פאַר־

שיידענע פּראָדוקטן מיט וועלכע מענטשן דערנערן זיך, ווי, למשל: פליייש, אייער און אַנדערע מזונות.

ר׳ זלמנס פּלענער וועגן אויסזען און בוי פון דער וועלט האָבן זיך אָנגעהויבן פון ווינט און וואַסער. ער האָט אָפּגעפרעגט און נישט מסכים געווען מיט דער מאָדערנער אַרכיטעקטור. ער האָט געהאַט אייגענע פּלע־נער. אַט, למשל, פלעגט ער פרעגן צו וואָס בויט מען שטעט מיט אָפענע גאַסן, וואָס קרייצן זיך דורך און דורך דעם באַקומט דער ווינט אַ שליטה, פון פראַנק און פריי געוועלטיקן. מענטשן זאָלן אין אַ ווינטיקן טאָג גייענ־דיק אויפן גאַס אומגעשליידערט ווערן; בעסער בויען פאַרמאַכטע גאַסן, נישט לויט אַ קוואַדראַט. נאָר באַלכסונדיק, וואָס פאַרשטעלט דעם ווינט און גיט אים נישט קיין דריסת הרגל. דאָס זעלבע באַדאַרף מען נישט בויען קיין הייזער נאָענט פון וואַסער אין די שטעט, ווייל נאָך פּורים, ערב פסח צייט, ווען די זון שיינט העכער, און צעשמעלצט דעם פאַרפרוי־רענעם שניי אַ סך שנעלער ווי אין דאָרף, דאָס וואַסער הייבט אָן אַרויס־צוקריכן פון די ברעגן, איז דאָך תמיד דאָ אַ שטיקעלע סכנה פון אַ פאַר־פלייצונג, היינט צו וואָס בויען ביים וואַסער, בעסער בויען אָפּגערוקט פון וואַסער־ברעג. איז דען פאַראַן אַזאַ דוחק אין ערד, אַז מען זאָל גראַד דאַרפן פאַרקריכן ביז צום וואַסער?

די פּלענער פלעגט ר׳ זלמן פאַרלייגן אין בית המדרש, זיצנדיק ביים טיש אונטערן אויוון, ביי אַן אָפענער גמרא: יידן פלעגן צושאָקלען מיט די קעפּ. ביי איינעם האָט דאָס באַדייט הסכמה, טאָקע אמתע ווערטער, הלמאי האָט מען פאַרצייטנס טאָקע אָט אַזוי ווי ר׳ זלמן זאָגט, געבויט די שטעט, מסתמא צוליב די זעלבע גערעכטע סיבות. אַ צווייטער האָט גע־שאָקלט מיטן קאָפּ און געטראַכט: יאָ! עס וואָלט טאָקע געווען אַ יושר אָנצונעמען ר׳ זלמנס פּלענער, אָבער היות יושר איז בגימטריה מעות; איז פירט זיך אויף דער וועלט, אַז ווער עס האָט מעות דער בויט, און יושר ליגט אין בית המדרש אונטערן אויוון. אָבער קיינער האָט חלילה נישט גענומען זיך די העזה אָפּצופרעגן ר׳ זלמנען. דאָרט ווו עס רעדט אמת און יושר, איז דאָך נישט שייך קיין ויכוח.

נאָכן אַרומרעדן אַלע פּלענער, שוין נאָך מנחה און מעריב איז ר׳ זלמן אַהיימגעגאַנגען, נאָך אַמאָל איבערגעטראַכט זיינע פּלענער, זיך גע־

שטעלט ביי אַן אָפּענעם ראָג גאַס און געזוכט אַ ווינקל פאַר אַ כייעתא לדבריו — פאַר אַ באַווייז צו זיינע ווערטער.

אַהיימקומענדיק, נאָך איידער ר׳ זלמן האָט באַוויזן אָפּצועסן דאָס ביסל געקעכץ פון דער וועטשערע, האָט שויז אויף אים געוואַרט אַן אָר־בעט. ער האָט באַדאַרפט צוהעלפן זיין ווייב אויסצוקאָכן די בייגל, וואָס האָבן צום באַגינען געדאַרפט זיין אין די גע׳יעלבן צום פאַרקויפן. ר׳ זלמן האָט אויסגעטאָן דאָס באַלאַטל, אָנגעטאָן אַ קירצן שפּענצער מיט וואַטאָוואָנע אַרבל און אַ פליעצע פון בארכען, די ציצית פון טלית קטן אַריינגעלייגט אין די קעשענעס, די באָרד אונטערן שפּענצער, אָנגעצונדן די לאַמטערנע, אַרויסגעגאַנגען פון שטוב אין שטאַל אַריין און אָנגעהויבן צו טראָגן שטשאָפּעס האָלץ אויף צום פּינאַנדע׳נגליען דעם באַק־אויוון.

טראָגנדיק דאָס האָלץ אויף די עלנבויגנס איז ר׳ זלמן נישט געווען חלילה פריי פון קיין מחשבות, אַט האָט ער אין זינען געהאַט נאָכצוקוקן די רינגען אויף די שטשאָפּעס, בכדי צו וויסן ווי אַלט עס זענען געווען די ביימער, בעת מען האָט זיי אויסגעהאַקט אין וואַלד, אויך שפּעטער ווען ער איז געשטאַנען מיט דער לאָפּעטע אין האַנט און באַדאַרפט אַכטונג געבן אַרויסצונעמען די בייגל, ווי גיך זיי באַקומען דעם ערשטן גלאַנץ פון צעהיצטן אויוון, האָט ר׳ זלמן עוסק געווען במחשבה, וועגן דאָס ליכט פון פייער, אָדער גאָר וועגן רויך, דערמאָנענדיק זיך דאָס קאַפּיטל קטורת. ער האָט זיך אַזוי פאַרמוטשט ביז דאָס פייער האָט אויפגעגעסן די בייגל.

גנענדל ר׳ זלמנס האָט אים טאַקע מכבד געווען מיט ברכות, וואָס זענען אין דער שמונה־עשרה נישט בנמצא, אָבער ר׳ זלמן האָט זיך גע־טרייסט מיט דעם, וואָס פון דער פּאַסירונג איז ער עפּעס דערגאַנגען, — ער האָט גאָר זיך דערוווּסט אַ נייע זאַך, נעמלעך: דעם אונטערשייד פון אַ סנה ביז אַ בייגל: אַ דאָרן ברענט און ווערט נישט פאַרברענט. ווי אין פסוק שטייט געשריבן: „הסנה בוער ואינו אוכל“. אָבער אַ בייגל, אַז ער ברענט — עסט אים דאָס פייער אויך. משמעות, אַז אפילו פייער ווייסט דורך זיינע פייער־צונגען צו אונטערשיידן דעם געשמאַק פון אַ דאָרן ביז אַ בייגל.

אַן אַנדערש מאָל פלעגט פּאַסירן, אַז ר׳ זלמן האָט אַרויסגענומען פון הויוון טויטע בייגל, ווייס ווי קאַלך, האַלב רוי און אַן אַ קאָליר: די

קרעמער אין שטאָט האָבן די בייגל צוריקגעשיקט און אין בית המדרש ביים ערשטן מנין אויף אים גאַנץ גוט זיך אָנגעבייזערט, פאַר באַקן בייגל וואָס מען קען נישט פאַרקויפן, וואָס איז לגמרי נישט עובר לסוחר. ר׳ זלמן האָט זיך חלילה נישט צוריקגעבייזערט, ווי פאַסט עס גאָר פאַר אים? בייזערן זיך, אין כעס זיין געהערט נישט צו די מדות פון אַ תלמיד־חכם. בלחש, שטיל, אָן רוגזה חלילה, ענטפערט: „אַז די וועלט וועט אויסזען אַנדערש, וועלן מיינע בייגל אויך באַקומען אַן אַנדער קאָליר. אַלץ איז אָפּהענגיק פון אויסזען פון דער וועלט״...

חבר מנחם

אויף מנחמען האָט מען דערציילט אין שטעטל, אַז צוויי מאָל אין זיין לעבן האָט ער געליטן צוליב פּאָליטישע חטאים; דאָס ערשטע מאָל, ווען ער האָט געלערנט אין ישיבה, און איז געווען פון די בעסטע תלמידים אין כתה אלף ביי ר׳ שאולן. זיין פּאָליטישער חטא איז דאַן באַשטאַנען, וואָס ער האָט בגנבה, שטילערהייט, אַז קיינער זאָל נישט זען און נישט באַמערקן געהערט צום ציוניסטישן פאַריין „בני ציון״. און דאָס צווייטע מאָל, ווען די שטעטלדיקע פּאָליציי האָט נישט געקענט פאַרטראָגן דאָס רויטע שלייפעלע, וואָס מנחם האָט זיך אָנגעטאָן לכבוד דעם ערשטן מאַי, און האָט אים איינגעשלאָסן אין דער שטעטלדיקער קאָזע, טורמע בלע״ז.

מנחם אַליין פלעגט זאָגן, אַז ער האָט געהאַט אַ סך מער ערגערניש און עגמת נפש, ווען ר׳ שאול האָט אים אויסגעשלאָסן פון ישיבה, ווי בעת די פּאָליציי האָט אים איינגעשלאָסן אין קאָזע, כאָטש אין קאָזע האָט ער געקריגן קלעפּ, מען האָט אים שיעור נישט דערמּמיתט, געגאָסן טראָפּנס אַמאָניאַק אין די נאָזלעכער, געבראָכן פינגער, נישט געגעבן צו עסן, געמוזט ליגן אויף אַ שטיינערנער, נאַסער פּאָדלאָגע אָן אַ קישן און אָן אַ צודעק, אָבער דאָס אַלץ האָט אים אַזוי נישט געאַרט, און נישט פאַרדראָסן, ווי דאָס אַרויסוואַרפן אים פון דער ישיבה.

זיין אַ מורד במלכות, קעמפן קעגן דער אומיושרדיקער אָרדענונג, האַלטן פלאַם־פייערדיקע רעדעס קעגן די עקספּלואַטירער, קעגן די זעלבסט־הערשער, פאַר פרייהייט, פאַר ברידערלעכקייט, פאַר סאָציאַלער גערעכ־טיקייט, פאַר אַן אַכט־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג, פאַר פאַרשפּרייטן קול־טור און בילדונג צווישן די אַרבעטער מאַסן, — איז פאַר מנחמען געווען אַ גרויסער כבוד, אָבער דאָס ווערן אויסגעשלאָסן פון דער ישיבה, דאָס גערופן ווערן פון אַלע אַנדערע ישיבה בחורים מיטן נאָמען יורד, דעם „כבוד״ האָט ער נישט אָקצעפּטירט, טיף ביי אים אין האַרצן איז אויפן גאַנצן לעבן זיינעם פאַרבליבן אַ פאַרביטערונג. וואָרום, וואָס האָט ער דען געטאָן, פלעגט מנחם מיט אַן אויפגערעגטן טאָן דערציילן, ער האָט

געהערט צו אַ ציוניסטישן פאַריין, נו, איז וואָס? טאָר מען נישט? ווי לאַנג איז דען דער שיעור צו האַלטן פאַרמאַכט די אויגן, בעתן זאָגן די תפילה: „ותחזנה עינינו בשובך לציון" צייט צו עפענען די אויגן, אַ קוק טאָן אויף ציון און עפּעס טאָן ממשותדיקע אַרבעט פאַר שיבת ציון! האָט מען אים דערפאַר אויסגעשלאָסן פון ישיבה, ער האָט זיך דאָך דאַן גע־שעמט די אויגן צו עפענען פאַר מענטשן, דעם טאַטן אין בית מדרש האָבן יידן פאַרגעוואָרפן, בזה הלשון: נו, ר' לייב נחת פון זינדל האָ! דער מאַמען אויפן פיש־מאַרק, פרייטיק כעלות הבוקר האָבן ווייבער מיטן פינגער אַריינגעטייטלט אין די אויגן אַריין, אַ שיינעם קדיש האָ־דעוועסטע, האָ!

געהאָדעוועט האָט זיך מנחם אין אַ שטוב פון תורה און עבודה. דער טאַטע ר' לייב אַן אַלטער גערער חסיד, אַ ייד אַ למדן, אַ מופלג איז יום ולילה געזעסן און געלערנט, די מאַמע פעסיל האָט געמאַכט פּאַפּירענע בייטעלעך, און אַביסל צוגעהאָלפן צו דער פרנסה האָט איר ברודער יוסף־אהרן, וואָס האָט געהאַט אין שטעטל אַ גאָלד־געשעפט און געווען באַרימט אַלס דער בעסטער זייגערמאַכער. יוסף־אהרן האָט קיין קינדער נישט געהאַט, קיין פרנסה האָט אים גאָט צו דאַנקען נישט געפעלט, פלעגט ער צווואַרפן דער שוועסטער אַלעמאָל עטלעכע גילדן, געטאָן האָט ער עס בסתר, זיין יידענע זאָל נישט באַמערקן. אין ישיבה האָט יוסף־אהרן געלערנט אַ כאָר פון ישיבה־בחורים זינגען, אַז יוסף־אהרן האָט איינגעלערנט מיטן כאָר זינגען אַ מודים אנחנו לך, אָדער אַ וטהר לבנו, איז געווען וואָס צו הערן, אויך מנחם האָט געהערט צום כאָר, האָט פאַרמאָגט אַ לירישן טענאָרל, און, אַז ער האָט אַרויסגעזונגען אַ סאָלאָ, און דער גאַנצער כאָר האָט באַגלייט, אַלץ אונטער דער קאַמאַנ־דע פון יוסף־אהרנען איז דער עולם זיך צעגאַנגען פון מתיקות.

יונגערהייט נאָך, האָט מנחם אין די לאַנגע ווינטער נעכט געהאָלפן דער מאַמען ביים מאַכן די פאַפּירענע בייטעלעך, פלעגט אַהיימברענגען גאַנצע פּעק מיט אַלטע גאַזעטן, זיי אויסגלייכן, צו האַלטן די גאַזעטן, בעת די מאַמע האָט מיט אַ שער צוגעשניטן די פאַרשיידענע גרויסן פון די בייטלעך, ער האָט פאַרשמירט די ברעגעס מיט קליי און אָוועקגע־

לייגט טריקענען אויפן פּיעקעליק פון ציגעלנעם אויוון, וואָס איז געשטאַנען אין דער לינקער זייט פון דער טיר.

דינסטיק און דאָנערשטיק זענען אין שטעטל געווען מאַרק־טעג. גויים פון גאַנצן געגנט פלעגן קומען אין שטעטל פאַרקויפן זייערע פּראָדוקטן און איינקויפן די נויטיקע זאַכן אַהיים. מיט אַ טאָג פריער פלעגט עס מנחם אַרומטראָגן איבער די שטעטלדיקע קראָמען די בייטעלעך, זיי זאָלן אין מאַרק־טאָג האָבן אין וואָס אַריינצושיטן, אָדער אַריינצולייגן די פאַרשיידענע זאַכן, וואָס ווערן פאַרקויפט. עס זענען געווען מאַנכע קרעמער, אָדער קרעמערקעס, וועלכע פלעגן מגחמען מיט עפּעס מהנה זיין, בעת ער פלעגט ברענגען די פּאַפּירענע זעקעלעך. אַזוי למשל איז נישט געווען קיין פאַל, אַז אברהם ציקערקע, וועלכער האָט טאַקע געהאַט אַ קרעמל פון ציקערלעך, אַז ער זאָל נישט געבן מנחמען אַ פּאָר איריסלעך, אָדער אַ פּאָר קאַראַמעלקעס בתורת מתנה, און אויף אַ צולאָג אים געבן נאָך אַ קניפּ אין בעקל, אָט אַזוי, מחמת ליבשאַפט. זילפּע ביילעס האָט אים געגעבן אַ ווײַדעלע פון אַ הערינג, איינגעטונקען אין לאַק, און אַרויפגעלייגט אויף אַ שטיקל פריש ראָזעווע ברויט, געבאַקן אויף דעם היימישן שטייגער מיט בלעטער אונטערגעלייגט. ליבע די באַקאַליישטשיכע האָט שוין געוווסט, אַז מנחם האָט ליב אַ צוקער מאַנדל, פלעגט זי אים אין די קעשענעס אַריינלייגן עטלעכע מאַנדלעך, ער זאָל כלומרשט נישט זען.

יידישקייט, תורה האָט מנחם געלערנטביים טאַטן, אין די חדרים, אין די תלמוד תורות, אין די ישיבות, וועלטלעכקייט האָט מנחם זיך אויסגעלערנט פון דער מאַמעס עבודה, עס הייסט, ער האָט אויסגעשטודירט אויף אַלע זייטן די גאַזעטן, פון וועלכע די מאַמע האָט געמאַכט די בייטעלעך. דעם גויאישן אלף־בית האָט זיך מנחם אויסגעלערנט ביי יוסף לאָקש, אַזוי האָט מען גערופן דעם לערער, וועלכער האָט געהאַט „פּראווא־אוטשיטעלסטווא״, דאָס הייסט רעכט צו זיין אַ לערער. נו, מער האָט מנחם נישט באַדאַרפט ווי קאָנען נאָר דעם אלף־בית פון גויאישן לשון, דאָס איבעריקע האָט ער שוין אַליין געוווסט ווי צו לערנען. אַלץ, וואָס עס איז געווען געשריבן אין די גאַזעטן האָט מנחם געקענט אויף אויסנווייניק, די אָפּטיילונג פאָר פּאָליטיק האָט ער שטודירט, מיטן גראָבן

פינגער געטייטשט, פאַרטייטשט, אויסגעטייטשט, ביז אים איז קלאָר געוואָרן דער גאַנצער גאַנג פון די פּאָליטישע באַציאונגען צווישן די פאַרשיידענע מושלים אויף דער וועלט, די פאַמיליען־פאַרהעלטענישן, די מחותנישקייט צווישן די פאַרשיידענע קייסאָרים און דעסגלייכן. די אָפּטיילונג פאַר ליטעראַטור, די סטיכאַטוואָרעניעס, די שטיקער פּאָעזיע, האָט מנחם אויסגעחזרט אויף אויסנווייניק און עס איז שוין ביי אים געבליבן אין קעפּל, דאָס זעלבע וועגן טעאַטער, וועגן קונסט, וועגן מוזיק, אפילו שאָך־שפּילן האָט זיך מנחם אויסגעלערנט פון די גאַזעטן. קיין סך האָרעווען האָט מנחם נישט באַדאַרפט, איין מאָל איבערגעלאָפן מיט די אויגן איבער אַ צייטונג און עס איז אַריין אין מוח, און שוין פאַרבליבן אין זכרון.

פאַר די צייטן פון צאַר ניקאָליי, בעת ער איז געזעסן אין זאַטל פון מלכות, האָט מנחם זיך געלערנט פון די רוסישע צייטונגען, נאָכהער, אַז קייסער ווילהעלם האָט איינגענומען זיין שטעטל, האָט מנחם געלערנט פון דייטשישע גאַזעטן, און, אַז קייסער ווילהעלם האָט פאַרשפּילט, און זיין שטעטל איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דעם מלכות פּוילן, האָט מנחם געלערנט פון די פּוילישע צייטונגען. ביי אַלע דריי ממשלות האָט מנחמס מאַמע געמאַכט די זעלביקע בייטעלעך, עס האָט זיך נאָר געביטן די שפּראַך פון די צייטונגען, דאָס רוי־מאַטעריאַל פאַר די בייטעלעך זענען פאַרבליבן די צייטונגען. מנחם האָט אַזוי אין דעם איבערגאַנג פון איין מלכות צום צווייטן, אין דעם וועקסל פון לשונות, זיך דערווייל אויסגעלערנט עטלעכע שפּראַכן, וואָס איז אים צונוץ געקומען דאָס גאַנצע לעבן.

מנחם פלעגט אין די שפּעטערע יאָרן, בעת ער איז שוין געווען אַ פאָלנער מענטש, אַן אָנגעזעענער אַרבעטער־טוער — דערציילן מיט שטאָלץ וועגן זיין לערנען אין די „מאַמעס אוניווערסיטעטן", וועגן די „זעקעלעך" מיט וויסן, וואָס ער האָט אָנגעזאַפּט אין דער מאַמעס „פאַבריק" פון בייטעלעך. מנחם האָט געלייענט אויך אַ סך ביכער, אין די דערמאַנטע שפּראַכן, אין צוגאָב צו יידיש און לשון קודש, לשונות וואָס ער האָט נישט באַדאַרפט לערנען ביי קיין לערער, סיי יידיש און סיי העברעאיש זענען געווען שגור בפיו, שפּראַכן וואָס האָבן זיך גערעדט אַליין,

אַן אָנשטרענגונג, אפילו העברעאיש האָט מנחם אַן שוועריקייטן גערעדט און געשריבן.

יינגלווייז, ווען מנחם איז געווען זשעדנע ברויט צו דער זעט, האָט ער געחלומט אַ חלום, אַז ווען ער וועט עלטער ווערן, וועט ער ווערן אַ בעקער פון ברויט און אַנדערע געבעקסן, בכדי צו האָבן ברויט צו דער זעט. מנחם האָט זיין חלום פאַרווירקלעכט. נאָך דעם, ווי ר' שאול האָט אים פון ישיבה משלח געווען, איז מנחם אַוועק צום קליינעם שמואלן דעם בעקער און זיך אָנגעדונגען פאַר אַ געזעל. די ערשטע צייט געטראָגן וואַסער אויף צו פאַראַשטשינען דאָס ברויט, געשפּאָלטן שטשאפּעס אויף צו צעברעכן דעם אויוון, אַוועקגעפירט קאָרן אין וויאַטראַק אַריין צו צעמאָלן אויף ראַזוואָקע, פאַרנייען די צעלעכערטע אַלטע זעק, פירן האָלץ פון וואַלד אין שטעטל אַריין, טראָגן אַ זאַק זאַלץ אויף די פּלייצעס פון יצחק אהרנען דעם זאַלץ־ און הערינג־סוחר. אַוועקטראָגן אַ זעקל קלייען צו ברוך־יאָסלען דעם מילכיקן פאַר זיינע בהמות, און נאָך אַנ־דערע אַרבעטן, וואָס דער קליינער שמואל דער בעקער האָט אים געהייסן טאָן!

מנחם זייענדיק אַ לערן־געזעל ביי שמואלן דעם בעקער — האָט באַקומען עסן און דערצו אַלע פרייטיק אַביסל קליין געלט, אַן אַ חשבון אויף קליינע אויסגאַבן. דאָס האָט שוין שמואל דער בעקער געמאַכט אַן אויסנאַם פאַר מנחמען, ווייל ער האָט זיך גערעכנט מיט דער משפּחה, פאַרט אַ קינד פון שיינעם יחוס, הערש מענדלס אַן אייניקל, דור דורות לומדים, דערצו שיינע באַלעבאַטישע יידן, בעלי פרנסה, מער נישט ווי ר' לייבן האָט נישט אָפּגעגליקט, עפּעס איז אים מיט פרנסה נישט אַוועק־געגאַנגען ווי עס באַדאַרף צו זיין. מען זאָגט, אַז ער איז גאָר אַ חלוש, טאָר קיין שווערע אַרבעטן נישט טאָן, דאָקטוירים האָבן אים שוין לאַנג אָפּגעזאָגט דאָס לעבן. נו, איז פעסל די פרנסה־געבערין, מאַטערט זיך, און שאַ שטיל, קיינער ווייסט נישט, אין שטוב איז פאַרפּוצט דער דלות, מען זאָל נישט דערקענען, מען זאָל נישט וויסן, חלילה ביי קיינעם קיין רחמנות נישט צו דערוועקן.

מנחם איז געווען מרוצה מיט זיין אַרבעט, האָט אויף קיין זאַך נישט געלייגט קיין אַכט, ער האָט נאָר געוואָלט וואָס שנעלער זיך אויסלערנען

די מלאכה, און אָוועקפאָרן פון שטעטל, פאָרן אין דער גרויסער שטאָט אַריין, און נישט זיין מער קיין מיוחסדיק קינד, וואָס נישט אַלץ פּאַסט צו טאָן. ליידן הונגער מיט יחוס, געפרוירן ווערן פון קעלט, אָבער מיט יחוס, לייגן אַ לאַטע אויף אַ לאַטע, אָבער יחוס זאָל זיין דערביי. מנחם האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז זיין טאַטע איז נישט אַזוי שטאַרק צופרידן, וואָס זיין בן־יחיד לערנט זיך בעקעריי אַרבעט ביי שמואלן דעם בעקער, האָט קיינמאָל טאָקע גאָרנישט געזאָגט, וואָרום ווי פּאַסט עס דען צו ריידן...

ווען מנחם האָט זיך געלערנט דאָס בעקער־פאַך, איז די בראַנזשע געשטאַנען פאַר גאָר ערנסטע און אַנטשיידנדיקע פּראָבלעמען. די רעגי־רער פון לאַנד האָבן אַלע מאָל אויסגעטראַכט אַנדערע פּלענער צו אַנט־יידישן די דערנערונגס־אינדוסטריע, פון וועלכער דאָס בעקער פאַך איז געווען אַ צווייג. די אַרבעטס־לאַגע אין בעקער־פאַך איז געווען אָפּהענגיק פון אַ סך פאַקטאָרן, אין דער ערשטער ריי איז בעקעריי געווען פאַרבונדן מיט דער לאַנדווירטשאַפט. דער פּרייז למשל פאַר אַ קילאָגראַם קאָרן, וואָס דער פּויער האָט באַקומען האָט געקאָסט אַרום 12 גראָשן, אַ קילאָ ברויט דאַקעגן האָט שוין געקאָסט דרייסיק און אפילו פערציק גראָשן. אָט די פאַרהעלטנישמעסיק גרויסע „שער"־דיפערענץ צווישן דעם קילאָ קאָרן און אויסגעבאַקענעם קילאָ ברויט, איז געווען אַ רעזולטאַט פון די רווחים פון די אַרבעטס־געבער, וואָס ווערן געמאַכט אויפן חשבון פון קאָנסו־מענט. כאָטש פּוילן איז געווען אַן אַגראַר לאַנד, האָט זי זיך אָבער אין הינזיכט פון דעם ברויט־קאָנסום געפונען אויפן לעצטן פּלאַץ. אין פּוילן האָט דער פאַרברויך פון ברויט פּער קאָפּ באַטראָפן אַרום צוויי הונדערט קילאָגראַם יערלעך, בעת אין אַנדער לענדער פון אייראָפּע האָט דער ברויט־פאַרברויך באַטראָפן קאַרגע דריי הונדערט און פופציק קילאָ יער־לעך, אַרום אַ קילאָגראַם ברויט אויף אַ מענטשן אַ טאָג. כאָטש די רווחים פון די בעקער־אייגנטימער זענען ווי דערמאָנט געווען גאַנץ גרויסע, האָבן אָבער יידן שווער אין דעם פאַך זיך געמאַטערט. דאָס איז געווען אַלס רע־זולטאַט פון די אַנטיסעמיטישע טענדענצן, וואָס מען האָט געוואָלט פאַר יעדן פּרייז דאָס פאַך אַנטיידישן. די מאַכט־אָרגאַנען האָבן כלומרשט צו־ליב סאַניטאַרע טעמים געשלאָסן קליינע יידישע בעקערייען, אונטערן

אויסרייד, אַז זיי אַנטשפּרעכן נישט די פאָרשריפטן פון די היגיענישע באַדינגונגען. אין רעזולטאַט פון דעם האָבן הונדערטער יידישע בעקער־אַרבעטער פאַרלוירן זייערע אַרבעטס־פּלעצער. די אַרויסגעשטויסענע בעקער־אַרבעטער האָבן געמוזט זוכן פּרנסה אין גאַסן־האַנדל.

מנחם האָט געגוי געוווסט וועגן די אַלע פּראָבלעמען אין בעקער־פאַך. ער האָט נאָכגעפאָלגט די טעטיקייט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען און צוגעזען דעם שווערן געראַנגל, וואָס דער יידישער צווייג אין דער דערנערונגס־אינדוסטריע מאַכט דורך. בעת מנחם איז געקומען קיין וואַרשע האָט ער קיין אַרבעט ביים פאַך צום אָנהויב נישט געקענט באַקומען. אין פאַריין איז געווען אַ גרויסע ריי פון אַרבעטסלאָזע, וועלכע האָבן קוים באַקומען אַ טאָג אַרבעט אַ וואָך. מנחם איז געוואָרן אַ מיטגליד אין פאַריין, ער האָט אָבער געטיילט דעם גורל פון הונדערטער אַנדערע אַרבעטסלאָזע מיטגלידער, האָט אין די אָוונטן פאַרקויפט וואַרעמע בייגל, האַלב־צוגעפרוירענע מאַנדאַרינקעס, הייסע וורשטלעך און פון דעם קוים דערנערט זיין גוף.

מנחם, וועלכער האָט אין דער גרויסער שטאָט פליסיק זיך אינטערעסירט מיט אַלע פּאַסירונגען און געשעענישן, צוקוקנדיק זיך, ווי אַן אַלט יידיש פאַך הייבט זיך אָן אַרויסגליטשן פון יידישע הענט, האָט צוגעשטעלט צום פאַריין אַ פּלאַן פון אָנהייבן פירן אַ קאָנסטרוקטיווע טעטיקייט, צווישן יידישע בעקער־אַרבעטער, בכדי צו ראַטעווען הונדערטער משפחות פון הונגער און נויט, און נישט דערלאָזן, אַז דאָס בעקער־פאַך זאָל אַנטיידישט ווערן. מנחם האָט געטראַכט וועגן יידן בכלל, סיי וועגן אַרבעטער און סיי וועגן די בעלי־בתים, אין אַ צייט פון סכנה, האָט מנחם געטענהט איז נישטאָ קיין קלאַסן־דיפערענצירונג, די אַנטיסעמיטישע געפאַר לויערט אויפן יידישן אַרבעטער ווי אויף דעם יידישן בעל־הבית. זיי ווילן טרעפן יידן, אַנטיידישן דאָס פאַך, דאָס אַרויסנעמען פון יידישע הענט, צונעמען דעם ביסן ברויט פון מויל, סיי פון דעם אַרבעטער און סיי פון דעם בעל־הבית. דערפאַר דאַרף די קעגנאַקציע, זיין אַ געמיינזאַמע, אַ בשותפותדיקע.

מנחם האָט געוווּנען אָנהענגער פאַר זיין געדאַנק, אין די קרייזן פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט האָט מען שוין פון לאַנג באַטראַכט

פלענער פון אַנטוויקלען אַ טעטיקייט פון ווירטשאַפטלעכער און סאָציאַ־לער זעלבסטהילף פאַר אַרבעטער, אונטערצושטעלן אַ פּלייצע די פּאַכן, ווו יידן זענען באַשעפטיקט, וואָס ווערן באַדראָט אַנטיידישט צו ווערן. די אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטערשאַפט האָט אָנגעהויבן זיך אַרומגאַרטלען מיט מוט און קוראַזש, זיך גרייטן צו אַ נייעם קאַמף, נישט נאָר פירן דעם קלאַסן־קאַמף מיט די אַרבעטסגעבער, נאָר אויך זען צו פאַרהיטן, אַז יידישע מלאכה זאָל מיט גוואַלד נישט אַרויסגעריסן ווערן פון יידישע הענט.

די יידישע אַרבעטערשאַפט האָט אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן אונטער־נעמונגען פון אַרבעטער אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות, אויף יסודות פון אַרבעטס־קאָאָפּעראַציע. עס זענען געמאַכט געוואָרן קאָאָפּעראַטיוועס פון בעקער־אַרבעטער, פון פלייש־אַרבעטער, פון לעדער־אַרבעטער, פון בער־שטער, פון טראַנספּאָרט און אַנדערע אַרבעטער. דער צוועק פון די קאָאָפּע־ראַטיווע אונטערנעמונגען איז געווען, צו פאַרהיטן דאָס לעבן פון די יידי־שע מאַסן אין פאַר־מלחמהדיקן פוילן פון אַ פולשטענדיקן ווירטשאַפט־לעכן צוזאַמענברוך.

מנחם האָט זיך מיט לייב און לעבן, מיט אַ סך ברען און פלייס אַריינגעוואָרפן אין דער טעטיקייט. טאָג און נאַכט געזעסן מיט אַרבעטער, באַטראַכט פּלענער פון אָרגאַניזירן בשותפותדיקע אַרבעטס־וואַרשטאַטן, געפאָרשט דעם אַפּזאַץ־מאַרק, די פּרייזן פון רוי־מאַטעריאַל, פון אַרבעטס־מאַשינען, די נויטיקע סומע אויף באַטריבס־קאַפּיטאַל וכדומה.

מנחמען איז געלונגען צו וועקן צווישן יידישע אַרבעטער אַ גרויסע פאַראינטערעסירונג פאַר קאָאָפּעראַציע. ער האָט זיי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דורך קאָאָפּעראַציע, דורך געמיינזאַמער אַרבעט אויף בשותפותדיקע יסודות, חוץ דעם, וואָס מען מיידט אויס עקספּלואַטאַציע, אַז דער מער ווערט פון דער אַרבעט בלייבט דאָס געמיינזאַמע פון אַלע מיטגלידער, — איז אויך דורך דעם וועג פאַראַן אַן אויסזיכט זיך צו קאָנען אויף אַ גע־וויסער צייט אַנטקעגנצושטעלן די פאַרזוכן פון די מושלים אַרויסצו־שטויסן יידן פון זייערע אַרבעטס־פּרנסות.

אין די היטלער־טעג, ווען נאָר די נאַצי־יונקערס האָבן זיך באַוויזן אויף פּוילישער ערד איז מנחם אַנטלאָפן פון וואַרשע, פון וועג אָבער זיך

אומגעקערט צוריק, געוואָלט זיין מיט אַלעמען צוזאַמען, מיט זיינע יידן, מיט יידן פון אַרבעט און נויט, מיט וועמען ער האָט נישט קיין לייכטע צייטן מיטגעמאַכט.

זייט־ביי־זייט מיט אָרעמקייט און נויט האָט מנחם געטיילט דעם גורל פון די יידישע מאַסן אין פוילן, וועמען פלאַמען רויך פון מיידאַ־נעקס קוימענס האָבן געטראָגן אין די הויכקייטן צו די הימלען און יידישע נשמות געטובלט אין בלוט פון גבורה, אין בלוט פון מוט, טראָגנדיק דעם אָנזאָג, אַז דער נעכטן וועט פאַרשווינדן מיטן פיינט און די זון פון מאָרגן וועט ברענגען די אויסגעבענקטע שעה פון פרייהייט און פון גליק!

משה קאַוולער

געשטאַמט האָט משה פון אַ קליין שטעטעלע לעבן דער פּריסישער גרעניץ. גערופן האָט מען אים קאָוולער, ווייל ער האָט געאַרבעט אַלס טרעגער אויפן קאָוולער וואָקזאַל אין וואַרשע. מען האָט אים אויך גערופן משה אויער, ווייל אין אַ געשלעג מיט אַנדערע האָט מען אים ייִנגלווייז געהאַט אָפּגעביסן אַ שטיק פון זיין רעכטן אויער. אין אַ קריגערייַ מיט חברה טרעגער, פלעגן זיי אים אויך רופן מיט אַ צונאָמעניש „משה אוי־רינגל", בכדי מרמז צו זיין, אַז אים פעלט אַ שטיק אויער.

אַ טרעגער איז משה געוואָרן נישט ווייל ער האָט געהאַט אַ ספּעציעלע נייגונג צום פאַך, נאָר ווייל ער איז צו 9 יאָר געוואָרן אַ קיילעכדיקער יתום. אָפּגעשטאָרבן טאַטע־מאַמע און ער איז געבליבן אויף גאַס באַ־ראַט. אָפּגעזאָגט דעם ערשטן קדיש און גלייך געשטעלט געוואָרן פאַר דער האַרבער שאלה: מה נאכל? היימישע מענטשן, בעל רחמנות בטבע, די קאָכלעפל פון שטעטל, האָבן אים געגעבן אַן עצה צו עסן טעג און ממשיך זיין דאָס לערנען אין חדר. אַ פּאָר שטיוול און אַ שטיקל מלבוש וועט מען אים שוין ווי עס איז מאַכן. אַ נאַכטלעגער וועט ער האָבן אין דער ווייבערישער שול און דערפאַר וועט ער באַדאַרפן ווינטער אַלע טאָג איינהייצן דעם אויוון און זומער צייט נאָר אויסקערן און אָפּווישן דעם שטויב פון אָרון קודש, זען אַכטונג געבן, אַז אין האַנט־פּאָס זאָל זיין וואַסער אויף נטילת־ידים און דער וויש־האַנטוך זאָל זיין טרוקן.

די ערשטע צייט האָבן די גוטהאַרציקע באַלעבאָסטעס פון שטעטל געהאַט גרויס מיטלייד מיטן יתום. מען האָט אים פאַרזאָרגט מיט טעג און געזאָרגט, אַז ער זאָל האָבן צו עסן צו דער זעט. קיילע זילפּעס, די בשמים־פאַרקויפערין האָט אָנגעזאָגט איר דינסטמיידל עלקען אַז זי זאָל אַכטונג געבן אויפן יתום, ער זאָל חלילה, נישט אַוועקגיין קיין הונגערי־קער פון טיש. באַשע־רחל לאהס, די גריץ־הענדלערין, האָט אָנגעזאָגט איר שוויגער — די אלמנה נאָך אברהם־לייב דער קאָוואַל, אַז זי זאָל זען אָפּפרישן אויפן דריי־פוס אַ נעכטיקן פלעצל מיט ציבעלעס פאַרן יתום

ווען און אים מיטגעבן צוויי שטיקלעך ראַזעווע ברויט מיט פּאַווידלע און אַ ווײַדעלע פון אַ הערינג. חנהלע די שדכנטע, יואל טאַנדעטערס ווײַב האָט גענומען אַ הערינג, אים געפּאַלמעסט אויף צווייען, אַ האַלבן באַשאָטן מיט אַביסעל קרימטשאַטקער מעל, אײַנגעוויקלט אין אַ שטיקל פּאַפּיר און אַזוי אָפּגעווענזלט אויף הייסע קוילן, באַשמירט אַ הייפּטל ברויט מיטן ריח פון פוטער און געגעבן צו פאַרטרינקען אַ טעפּל ציקאָריע, דערצו נאָך מיטגעגעבן אין חדר אַריין אַ פּאָר בראַקאַווע יעגעלקעס אויף איבערצוקייען די שלייפן ביים לערנען. מלכה יעקב עורשרס, דעם פעל־הענדלער, האָט שוין געגעבן אַ לעפל געקעכץ סיי צום אָנבייסן און סיי צו דער וועטשערע. דאָס געקעכץ פון אָנבייסן איז געווען אַביסל האָבער־גריץ, אַמאָל מיט אַ שטיקעלע קנײדל אײַנגעקאָכט אין אייל פון לײַן־זוימען; בײַנאַכט צו וועטשערע אין ווינטער־צײַט איז דאָס געווען אַ טעלער רויטער באָרשטש פון צוויק־בוראַקעס, פאַרווייסט מיט אַ סימן פון אַן איי, דערצו גאַנצע קאַרטאָפל אָפּגעקאָכט האַלב־האַרט באַדעקט מיט ציבעלע ריישעכץ. איז יעקב עושר געווען אין דער היים האָט צום מאָלצייט אויך געהערט אַ כזית פלייש פון אַ שעפּסן זייטל. שבת האָט משה געגעסן בײַ מנחמען דעם תבואה־סוחר. פרײַטיק בייטאָג האָט משה באַדאַרפט אַוועקטראָגן דעם טשאָלנט צו חיה דער בעקערין, שפּעטער נעמען דאָס פּעקעלע וועש וואָס שרה לאה האָט צוגעגרייט פאַר איר געמאָל און אַוועקגיין מיט מנחמען אין מרחץ, צוריקברענגען דאָס אויסטועכץ, אָפּפּוצן מיט שוואָקס די שבתדיקע האַלבע מעשטעס, מיט גומי אין דער זייט און דערלאַנגען זיי צו מנחמס פיס, אונטערטראָגן אַ העלצל שרה־לאהן צו ליכט־בענטשן און נאָכהער אַוועקגיין מיט מנחמען אין בית־המדרש צו קבלת שבת.

פרײַטיק האָט משה אָנגעביסן בײַ דער רביצין, דעם סלאַוואַטי־טשערס ווײַב. דערפאַר האָט ער אַ גאַנצן נאָכמיטאָג אײַנגעקאַסירט די חובות פאַר שכר ביטול זמן, וואָס די באַלעבאַטים האָבן געצאָלט רבי־געלט בלע״ז. אַזוי ווי די רביצין האָט נאָך צוגעהאַנדלט מיט טאָרף צום ברענען, האָט משה אויך צוגעהאָלפן ביים פונאַנדערפירן אין אַ טאַטשקע אויף דריי רעדלעך דעם טאָרף. דערפאַר האָט ער באַקומען פרײַטיק אַן אָנבייסן און נישט באַדאַרפט צאָלן פאַרן לערנען.

רחמנות ביי מענטשן איז אַ פאַרבייגייענדיקע זאַך, נאָר דער באַגריף פון מיטלייד איז אַן אייביקער. משה איז געוואָרן אוים יחוס יחיד. עס זענען צוגעקומען נאָך יתומים, מיט וועמען אָרעם קהל האָט זיך באַדאַרפט באַשעפטיקן. עס האָבן שוין אויסגעפעלט הייזער וווּ צו קריגן אַ טאָג עסן, מאַנכע באַלעבאָסטעס האָבן שוין געדאַרפט האַלטן צו צוויי יתומים. אין שטעטל איז מען אַרומגעגאַנגען צעטראָגן. הודעס מאיר יונהס, די עלטסטע פון די גבאיטעס האָט אָפּגעהאַלטן אַן אַסיפה ביי באַשע וועלוולס אין כלים־סטראַגאַן, ווו מען האָט באַשלאָסן משהן אַוועקצוגעבן צו בערל דעם שטעפּער פאַר אַ לערן־ייִנגל. נישקשה — האָט זי געזאָגט, — דאַווענען קאָן ער, עברי זאָגט ער ווי אַ וואַסער, ער קאָן אויך מעביר זיין די סדרה, לערנען אַ פּרשה חומש מיט רש״י, זאָגן אַ יום תהילים, איז קיין גראָבער יונג איז ער שוין נישט, טאָ זאָל ער ווערן אַ בעל־מלאכה, אַליין פאַרדינען פאַר זיך און זיין אַ מענטש מיט מענטשן גלייך.

בערל שטעפּער, אַנשטאָט אים צו לערנען די מלאכה פון קאַמאַשנמאַכעריי, האָט ער אים גאָר אויסגעלערנט צו זיין אַ טרעגער; ער האָט אים אַ גאַנצן טאָג אַרומגעשיקט מיט פּעקלעך סחורה פון איין אָרט צום צווייטן. דאָ האָט ער באַדאַרפט אָפּטראָגן פאַרטיקע כאַלעוועס, פון דער גאַרבעריי ברענגען לעדער און דאָס אַוועקטראָגן שפּעטער צום וואַלקאַווניק אויף אויסביינען. דאָס איינציקע וואָס בערל האָט משהן יאָ אויסגעלערנט איז צו מאַכן קליי.

משה האָט זיך אַרומגעזען, אַז עס איז נישט קיין תכלית. טעג און וואָכן לויפן, די מלאכה קאָן ער נישט, הונגער איז אַן אָפטער גאַסט אין מאָגן, די שיך צעריסן, דאָס מלבוש אויסגעריבן, דער קאָפּ באַוואַקסן, אַן אַ שטיקל העמד אויפן לייב, האָט ער אין אַ שיינעם פרימאָרגן באַשלאָסן אַוועקצוגיין פון שטעטל אין דער גרויסער שטאָט אַריין. ער איז אַוועק קיין וואַרשע, אַביסל געגאַנגען צופוס, אַביסל אַכטונג געגעבן, אַז דער באַן־קאָנדוקטאָר זאָל אים נישט באַמערקן און אַזוי אָנגעקומען אין דער גרויסער שטאָט אַריין — אויפן קאָוולער וואַקזאַל, ווו ער האָט פאַרדינט אויפן ערשטן פונט ברויט, העלפנדיק די פּאַסאַזשירן אַרויסצוטראָגן די טשעמאָדאַנעס פון די וואַגאָנעס.

באַלד האָבן חברה טרעגער געמאַכט אַ טומל, סטייטש, אַזאַ יונגער

שנעק און גייט אָוועקנעמען זייער ברויט, אים גוט אָנגעדרייט די אויערן, אַ שטיקל אויער אפילו אָפּגעביסן און אַזוי אַרום פּטור געוואָרן פון אַ קאָנקורענט. משה האָט זיך נישט פאַרלוירן, נישט פאַרגאָסן אפילו קיין טרער פון יסורים נאָך די געכאַפּטע קלעפּ. ער האָט רואיק און געלאָסן, מיט אַ ציטערדיקער שטים דערציילט אייניקע טרעגער פון אחינו בני ישראל זיין ביטערע מערכה, זיין מצב, אַז ער וויל חלילה פון קיינעם דאָס ברויט נישט אַוועקנעמען, אַז נישט דאָס איז זיין כוונה. גראָד פאַרקערט: ער איז גרייט זיי צו העלפן פאַר זיי צו אַרבעטן און מיט שווייס ביי זיי פאַרדינען אויפן שטיקל ברויט.

משהס ווערטער האָבן געלאָזן אַ רושם. חברה האָבן דערפילט, אַז עס רעדט אַרויס פון אים די אָרעמקייט און עלנטקייט. אייניקע האָבן זיך דערמאָנט אין זייער אייגענער מערכה און גלייך איז באַשלאָסן געוואָרן אַריינצונעמען משהן אין שותפות און אפילו אים באַזאָרגן מיט אַ נומער, ער זאָל קאָנען אַרבעטן אומגעשטערט פון קיינעם.

משה! האָט זיך אימיצער פון די חברה טרעגער אָפּגערופן — נישט מיר האָבן דיך געשלאָגן, דאָס האָבן די ערלים געטאָן. אַזוי לאַנג ווי רחמנות איז נישט בלויז ווי אַ גאָט־זאָך, נאָר אויך אַ מענטשלעכער ענין, זענען טרעגער אויך מענטשן. מיר נעמען דיר אַריין אין אונדזער חברה. זיי רואיק און נישט באַזאָרגט, פּרנסה וועסטו מאַכן! דו זעסט, אָט דער קאָוולער וואָקזאָל איז אַ ברויט מיט אַ מעסער. יעדער באַן וואָס קומט אָן ברענגט ריווח, יעדער באַן וואָס גייט אַוועק לאָזט איבער אַ פאַרדינסטל. דו משה, ביסט יונג, טאָ הער זיך צו וואָס עלטערע זאָגן דיר: אַרבעט מיט שכל, וועסטו האָבן כוחות צום לעבן. שפּאָר כוחות און קאַרג נישט קיין צייט. ביי גאָט איז דאָ צייט גענוג. לויף נישט נאָך קיין פּאַסאַזשירן, זיי וועלן דיך אַליין רופן און דאַן וועלן זיי דיר געבן אַ גילדן מער. זאָל זיין אין אַ מזלדיקער שעה. אויב דיר, משה, איז באַשערט צו לעבן פון טרעגערישן ברויט, טאָ זיי צופרידן וואָס דו ביסט אַריינגעפאַלן צווישן אונדז. מיר וועלן אויך דיר אַכטונג געבן, מיר וועלן נישט לאָזן קיינעם אויפהייבן אויף דיר אַ האַנט, קיין האָר פון קאָפּ וועט דיר נישט פעלן. וועסט זען, ווער מיר טרעגער זענען!

משה איז אויסגעוואַקסן אַ הויכער, אַ פעסטער, מיט אַ שטאַרקן גוף,

מיט ברייטע פּלייצעס, אַ שטאָלצע פיגור. די אויגן זענען אָבער נישט געווען לויט דעם גבֿורה פון זיין קערפּער. נישט לויט זיינע אומבויגזאַמע מוסקולן, נישט צוגעמאָסטן צו זיין רויטן קאַרק. עפּעס ווייכע, צאַרטע, טיפֿע, בענקנדיקע אויגן, פאַרחלומט אין די מרחקים זוכנדע, הימל קאַליר בלויע אויגן. אַ גאַנצן טאָג געאַרבעט אויפן וואָקזאַל און אין די אָוונטן געבלאָנדזשעט איבער די שולכלעך פון מוראַנאָווער ראַיאָן. דאָ געווען אַ צענטער צום מנין און דאָרט איינער, אַן איבעריקער, אַרומגעגאַנגען איבער וואַרשעווער גאַסן אַליין, אָן אַ סביבה, באַגלייט פון אַן אָפּגעריסענעם ניגון פון שבתדיקע זמירות, וואָס האָט זיך פאַרוואַלגערט אין זיין זכרון פון מנחמס טיש, געשוועבט צווישן הימל און ערד און ווי געזוכט אַ תיקון פאַר זיין טיף בענקנדיקער נשמה.

חברה טרעגער האָבן זיך צו משהן באַצויגן מיט אָפּשיי, עפּעס האָבן זיי אין אים דערפילט אַ טרוימערישע נשמה, אַ זוכנדיקן גייסט, אַז טרעגעריי איז ביי אים אַ מיטל און נישט קיין צוועק. דערצו האָבן זיי באַמערקט, ווי אין די שטילע שעהן אויפן וואָקזאַל, בעת קיין אַרבעט איז נישטאָ, זיצט משה פאַרטיפט און קוקט אַריין אין אַ בראָשור, אין אַ מעשה־ביכל. רעדט ווייניק און נישט פאַר אַלע געשפּרעכן פון דער חברה האָט ער אַן אויער, ווי עס וואָלט אים נישט אינטערעסירט להלוטין די טרעגערישע עסקים. טאָמער האָט משה געהערט עפּעס אַ שלעכט וואָרט, אַ קללה רחמנא לצלן, וואָס געהערט דאָך לעולם צום פאַך, ווי דען קאָן מען ביי דער אַרבעט אויסקומען, ביי אַ שווערער משא מיט אַ קרעכץ און ביי אַ סכסוך מיט אַ קללה, ווי דען אַנדערש? משה האָט אָבער פאַרדרייט מיט דער נאָז, מיט דעם אויסגעדריקט אומצופרידנקייט, האָט חלילה קיינעם נישט אויסגערעדט, אָבער חברה האָבן באַמערקט, קיין פינגער אין מויל און קיין נאָגל אין מוח האָט מען קיינעם פון זיי נישט באַדאַרפט אַריינלייגן. זיי האָבן נאָך ווי פאַרשטאַנען, זיך געקענט אויף יעדן גרימאַס, אויף יעדן קנייטשעלע מיטן שטערן, אויף יעדן זשמורען מיט די אויגן, האָבן זיי דרך־ארץ באַקומען פאַר משהן, אָנגעהויבן די הברשאַפט מיט רחמנות, איז אָבער שפּעטער אַריבערגעגאַנגען צו רעספּעקט, צו באַציאונג. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אין שווערע סכסוכים, קריגערייען, ווי עס פּאַסירט צווישן טרעגער, האָט מען זיך פאַר־

לאזט אויף משהן. ער איז געוואָרן דער בורר, און וואָס משה האָט גע־זאָגט איז געווען טאַקע ווי תורת משה.

אַ סך מאָל האָט משה געהאַט אַ געלעגנהייט אַוועקצוגייען פון טרע־גערײ און באַקומען אַן אַנדער באַשעפטיקונג. פאַרשידנס האָט מען אים פאָרגעלייגט: ווערן אַן אַנגעשטעלטער אין אַ גרויס הורט־געשעפט, אין אַן עקספּעדיציע־הויז, אָבער משה האָט נישט געוואָלט, וואָס איז, אויך אַ טרעגער צו זיין איז נישט קיין חרפה, אַבי נאָר מען לעבט פון אייגענער פּראַצע, מען דאַרף נאָר זען עפּעס טאָן אויף צו דערהייבן דעם מענטש, וואָס באַשעפטיקט זיך מיט טרעגערײ, אים אַנטאָן אַ לבוש פון חשיבות, די באַציאונג זאָל גאָר זיין אַן אַנדערע, קיינער זאָל אויף דעם מין טרע־גער נישט קוקן פון אויבן אַראָפּ. וואָס איז — האָט זיך משה אַנגעהויבן גריבלען, — מיט וואָס איז אַ טרעגער נישט אויף דער זעלבער מדרגה מיט אַ לוין־אַרבעטער, באשר בכן, אַ טרעגער אַרבעט נישט פאַר קיין באַלע־באָס, און קיינער נעמט נישט צו דעם ריווח פון מער ווערט פון זיין שווייס. נו, אַז אַ טרעגער אַרבעט דירעקט פאַר מענטשן און באַקומט דירעקט זיין פאַרדינסט, עקספּלואַטירט נישט קיינעם, פאַרדינגט זיין כוח, זיין פיזישע קראַפט דירעקט צו די וועלכע נויטיקן זיך אין דער אַרבעט זיינער, איז ער דערפאַר קיין אַרבעטער נישט, דאַרפן דערפאַר שוין זיינע אַרבעטס־באַדינגונגען נישט ווערן נאָרמאַליזירט, האָט שוין טאַקע זיין אַרבעט נישט קיין פּרייז נאָר יעדער זאָל געבן וויפיל ער וויל, ניין! עס קאָן אַזוי נישט זיין, עפּעס דאַרף געטאָן ווערן. און משה האָט זיך גענומען און אָרגאַני־זירט אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַריין פון טרעגער. ער איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס פאַרזיצער און די גאַנצע צייט, די גאַנצע ענערגיע, פאַרווענדעט לטובת די טרעגער־אַרבעטער. האָט נאָמינירט פּרייזן פאַר אַראָפּטראָגן אַ זאַק מעל, אַ באַל שניט־סחורה,אַ קאַסטן פאַפּיראָסן און אַנדערע סחורות. די עקאָנאָמישע טעטיקייטן פון פאַריין, דעם קאַמף פאַר בעסערע באַדינ־גונגען האָט משה פאַרבונדן מיטן פּאָליטישן קאַמף, וואָס יידיש פאָלק פירט דורך דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע פאַר יידישער זעלבסט־שטענדיקייט, צו דערגרייכן פרייהייט און מלוכהשאַפט אין ארץ־ישראל. משה האָט אַריינגעפירט די בלוי־ווייסע קרן קימת פּושקע אין לאָקאַל פון פאַריין, געזען אַז חברים טרעגער זאָלן פון זייערע פאַרדינסטן ביישטייערן

פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד, האָט פאַרשפּרייט שקלים צווישן די מיטגלידער. דעם ערשטן מאַי מאַרשירט מיט דער פאָן פון פאַריין צוזאַמען מיט די פענער פון דער ציוניסטישער אַרבעטערשאַפט. משה האָט געזען אַז יידי־שע טרעגער פון וואַרשע און אַנדערע שטעט זאָלן פאָרן קיין ארץ־ישראל און דאָרט ווערן פאָרט־אַרבעטער, גיין אויף כיבוש עבודה. ער האָט איינ־געאָרדנט קולטור־אָוונטן אין פאַריין און אַראָפּגעבראַכט די בעסטע רעד־נער, ציוניסטישע מנהיגים, וועלכע האָבן פאַרטייטשט דעם קאַמף וואָס ציוניזם פירט פאַר ציוניסטישער באַפרייאונג. משה אַליין האָט אויסגע־טייטשט די חברים וואָס פאַר אַ נאַציאָנאַלע ראָל טרעגער קאָנען שפּילן אין אויפבוי פון ארץ ישראל, אויפגעקלערט וואָס עס מיינט אַ טראַנספּאָרט אַרבעטער אין אַ מלוכה און ווי עס זעט אויס אַ טראַנספּאָרט־אַרבעטער אין יידישן גלות־לעבן.

משה קאָוולער איז געוואָרן אַ שם דבר אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס אין וואַרשע. ער האָט אָרגאַניזירט דעם קאָלעקטיוון כוח פון די יידי־שע טרעגער־אַרבעטער. אַלע האָבן אים ליב באַקומען. צו אַלעמען איז ער געווען ווי אַ פאָטער, פאַר אַלעמען געזאָרגט, געדענקט אַפילו אויסצו־גלייכן אינערלעכע פאַמיליע־סכסוכים און נישט איין שלום־בית אויפגע־ריכטעט.

צו משהס זאָרג האָט אויך געהערט צו אָרגאַניזירן די יידישע זעלבסטשוץ, וואָס זאָל זיך אנטקעגנשטעלן די פאַרשיידענע פאָגראָמ־טשיקעס, שיצן דעם יידישן כבוד, פאַרטיידיקן יידישע לעבנס פון רוצ־חישע נעגל.

דער טרעגער משה קאָוולער איז געוואָרן דער טרעגער פון יידישן כבוד, דער פאָנען־טרעגער פון יידיש־נאַציאָנאַלן באַפרייאונגס־קאַמף, וואָס ציוניזם האָט געפירט אין פאַר־מלחמהדיקן וואַרשע.

מיט דער געלער לאַטע אויפן אָרעם איז משה קאָוולער אומגעקומען צווישן זעקס מיליאָן קדושים, איינער פון די אויף אייביק צום געדענקען.

חבר משה

אין דער היים, אין אַ שטעטל נישט ווייט פון לובלין, איז משה געווען באַקאַנט אַלס דער שרייבער. ער האָט געשריבן „פּראָשעניעס"־אַדרעסן אין די ווייטסטע לענדער, בריוו פון כלהס צו חתנים און פון חתנים צו כלהס, צו פאַרשטיינערטע הערצער פון שוועסטער, אָדער ברידער מעבר לים, וכדומה. יידן האָבן אים טאַקע גערופן: ר' משה דער שרייבער. ווי משה האָט זיך עס אַזוי גוט אויסגעלערנט שרייבן יידיש און גויאיש, דערצו נאָך אַזאַ שיינע האַנטשריפט, אַז מען האָט עס אפילו געקענט געבן דעם פּריץ צו לייענען איז נישט אַלעמען געווען באַקאַנט. די מאַמע למשל האָט געזאָגט, אַז עס איז ביי משהן אַ ירושה זאַך; אַזוי ווי איר מאַן עליו השלום ר' מענדל זושיעס, עס הייסט — משהס טאַטע — איז געווען אַ סופר, וועלכער האָט געשריבן ספר תורהס פון וועלכע דער רבי אַליין ז"ל האָט געלייענט; נו, האָט משה געירשנט דעם טאַטנס שרייבן. משה — האָט זיך די מאַמע־חיה פּעסילס די אלמנה, באַרימט — קאָן אפילו שרייבן „קסיבעט" אותיות, דאָס זעלבע ווי דער פאַטער זיינער — ער זאָל דאָרט האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן — מער נישט, ער שרייבט בריוו, „פּראָשעניעס"; היינטיקע צייטן, שרייבט אַ שרייבער בריוו, ביטעס צו „נאַטשאַלסטווע", און וואָס מען דאַרף.. נישקשה, מיין משה טוט נישט אָן קיין חרפּות קיינעם — פלעגט די מאַמע צוגעבן — ווי זי וואָלט זיך געוואָלט פאַרענטפערן פאַרוואָס איר בן־יחיד איז נישט קיין סופר, נאָר אַ שרייבער — שרייבט ער נישט קיין ספר־תורהס, אָבער מפרנס די אלמנה איז ער? זאָל ער נאָר זיין געזונט! פלעגט זי זאָגן, און דערביי אויפהייבן די הענט צום הימל.

אַ זשוואַווע ייִנגל געווען משה, באַוועגלעך, פלינק, איז געלאָפן ווי פייל פון בויגן פון איין אָרט צום צווייטן, ווי אָדלערס וואָלטן אים אויף זייערע פליגלען געטראָגן. אָט האָט איר אים געזען אין בית־מדרש גאַנץ פרי ביים ערשטן מנין, ווי ער שטייט נישט ווייט פון עמוד פאַרטיפט אין דאַווענען, און אָט זעט איר אים שוין אין די יאַטקעס לעבן שול־הויף

מיט אַ בלייפעדער אין האַנט פאַרשרייבן דאָס פאַרקויפטע פלייש, און אַט זעט איר אים לויפן פון שעכט־הויז אַ פאַרשוויצטן, ווו ער האָט אַריינגעשריבן די פלייש חלוקה, וואָס די קצבים האָבן געשאָכטן אויף שותפות.

אַז משה איז געקומען אַהיים — צו דער מאַמען — איבערבייסן, איז שוין געווען טיף אין האַלבן טאָג. די מאַמע — חיה פעסילס — פלעגט איר בן־יחיד אויפנעמען מיט אַ טיפן קרעכץ: אַזוי שפעט און דו האָסט נאָך קיין לעפל וואַרעמס נישט געהאַט אין מויל, דאָס ביסל ציקאָריע האָט זיך שוין עטלעכע מאָל איבערגעקאָכט אויפן דרייפוס, זאָל דיר נאָר דער פאָטער אין הימל געבן כוחות! איי! פלעגט חיה־פעסילס זיך צעקרעכצן אויפן קול און זאָגן דערביי: ווען דער טאַטע וואָלט געלעבט, וואָלסטו דאָך משהלע נישט באַדאַרפט אַזוי האָרעווען, וואָלסט דאָך געקענט זיצן אין בית־מדרש און לערנען, אַמאָל צוהעלפן דעם טאַטן ביים שרייבן עטלעכע מזוזות, איבערזען תפילין, אָדער אויסגלייכן די פאַרמעטן פאַר די ספרים צום שרייבן. היינט דאַרפסטו מיין קינד, אַליין טראָגן דעם עול פון חיונה, און ערשט נאָך אַלע גליקן, קוים, קוים האָבן אויף אַ שטיקל ברויט מיט ציקאָריע. דער טאַטע, — פלעגט זי ווייטער ממשיך זיין אירע רייד — איז אויך נישט געווען קיין גוואַלדאַוונער פאַרדינער, אָבער עס איז דאָך געווען ברויט אין שטוב צו דער זעט, און פאַר אַ געליגענעם גילדן האָט מען דאָך אויך געקויפט אַ שטיקל פלייש אויף שבת, אָבער היינט — מיר האָבן דאָך שוין פון ווי לאַנג דעם טעם פון פלייש פאַרגעסן. דיינע ברויטגעבער — די קצבים — וואָלטן זיי פאַרשטאַנען אַמאָל צוצוואַרפן אַ דרויבע, אַ מגיסע קישקעס, אַ גריישל, אַ שטיקל לונג, אַ קעלבערן פיסל, אָדער אַ קעפל, כאָטש אַ שטיקל הייטער פון אַ גסה צום אָפּבראָטן.

משה האָט זיך צוגעהערט צו דער מאַמעס ווערטער, האָט אָבער קיינמאָל נישט פאַרפירט קיין שמועס, טיף אין האַרצן האָט ער געבלוטיקט אויף דער שרעקלעכער נויט און אָרעמקייט, וואָס ער מיט דער מאַמען לעבן דורך. האָט אויף שנעל דערוואָרעמט די געדערים מיטן ביסל ציקאָריע, פאַרשטאָפּט די קישקעס מיטן שטיקל שוואַרצן ברויט, און ווייטער געלאָפן. אַז משה איז שוין געווען ווייט אַריבער דאָס סטריגע בריקל, האָט זיך חיה־פעסילס דערמאָנט און נאָכגעלאָפן משהן אויף אים אַר־

בערצוגעבן, אַז די יתומה נאָך פסח־יוקלס, וואָס דינט ביי רחל לאה באַ־שעס, איז געווען און האָט געזאָגט, אַז משה זאָל אָנשרייבן אַ צווייטן בריוו צו איר חתן, ווייל אויפן ערשטן בריוו האָט ער נישט געענטפערט שוין אַ מעשה פון דריי חדשים, און כל־זמן עס וועט נישט קומען קיין ענטפער, וועט זי נישט באַצאָלן פאַרן שרייבן, און, אַז עס איז אויך גע־ווען דער לאַנגער אייזיק דער בעל־עגלה, וואָס האָט געבעטן, אַז משה זאָל אָנשרייבן אַ „פּראָשעניע" צום בורמיסטש, ער זאָל אָפּלייגן דעם טערמין פון זיין אַרבעט פאַרן מאַגיסטראַט, ווייל דער פערד זאָלזעוועט.

משה האָט פון ווייטנס אויסגעהערט, וואָס די מאַמע האָט צו אים נאָכגעשריגן און מיט דער האַנט געוויזן אַ צייכן, אַז ער וועט אַלץ דער־ליידיקן, און איז ווייטער געלאָפן.

נאָכן פריזיוו, אַז משה איז אָוועקגעגאַנגען דינען דער רעפּובליק אין דער הויפּטשטאָט, — אין וואַרשע, איז חיה־פעסילס אויך אָוועקגע־פאָרן קיין וואַרשע, און האָט דאָרט באַקומען אַרבעט ביי דעם אייניקל פון אירס אַן עלטער פעטער אַלס קעכין. קיין גרויסע קינסטלערין אין קאָכן איז חיה־פעסילס טאַקע נישט געווען, ווו מ׳שטיינס געזאָגט האָט זי עס זיך געקענט אויסלערנען קאָכן, ביי איר מאַמען, — מער ווי שטשאוו באָרשטש אין זומער און קרויט אין ווינטער האָט מען נישט געקאָכט, ווידער ביי איר מאַן עליו השלום האָט זי אויך קיין מארציפּאַנעס נישט געקאָכט, מער נישט, זי פלעגט אָפטמאָל מיטהעלפן קעכינס צו־גרייטן דאָס מאָלצייט אויף אַ חתונה, אָדער אויף אַן אַנדער שמחה, און מיט דעם באַגאַזש פון קולינאַרער קונסט האָט חיה־פעסילס אָנגענומען די שטעלע, און אין משך פון אַ גאָר קורצער צייט האָט דאָס גאַנצע הויז־געזינד ממש געלעקט די פינגער פון אירע געקעכצן.

זונטיק, אַז משה איז געווען פריי פון דער קאַזאַרמע, פלעגט ער זיך קומען זען מיט דער מאַמען און פאַר איין וועגס שוין אויך איבערכאַפּן אַ גוט ביסל געקעכץ, פון דער „מאַמעס קיך".

נאָכן באַפרייען זיך פון מיליטער, איז שוין משה געבליבן אין וואַר־שע, איז געוואָרן דער סעקרעטאַר פון פּראָפעסיאָנעלן פאַריין פון יידישע טראַנספּאָרט־אַרבעטער אין וואַרשע. אַלס סעקרעטאַר פון פאַריין האָבן אים די מיטגלידער גערופן: „חבר משה". אין משך פון גאָר אַ קורצער

צייט איז חבר משה שטאַרק באַליבט געוואָרן ביי די מיטגלידער פון פאַריין, נישט נאָר ביי די טרעגער־אַרבעטער, ווו ער איז געווען סעקרעטאַר, נאָר אויך ביי אַרבעטער פון אַנדערע פאַכן, אָרגאַניזירט אין אַנדערע פאַריינען. עס איז ממש נישט געווען קיין איין טרעגער, דראָזשקאַזש, אָדער פורמאַן, וועלכער זאָל חבר משהן נישט רעספּעקטירן און אין אים זען זיין פריינט, וועלכער האָט מיט איבערגעגעבנער און מיט שווערער עקשנותדיקער אַרבעט, טאָג־טעגלעך באַוואַכט די אינטערעסן פון די אַרבעטער.

אַ גאַנצן טאָג איז חבר משה אַרומגעלאָפן פון איין רעגירונגס־אַמט צו אַ צווייטן, אָפּצושרייען פאַרשיידענע גזירות, פאַדערן שוץ, רעכט אויף אַרבעט און מענטשלעכע עקזיסטענץ פאַר די מיטגלידער. ביינאַכט זיך פאַרנומען מיט פאַרזאַמלונגען, באַראַטונגען, קאָנפערענצן מיט די אַרבעטסגעבער, ביי וועמען ער האָט שטענדיק און אומאויפהערלעך געפאָדערט דערטרעגלעכע אַרבעטס־באַדינגונגען און גרעסערן לוין. פלעגט משהן געלונגען צו דערגרייכן אַ הוספה פאַר אַן אַרבעטער, האָט זיין פנים געשטראַלט פון שמחה, — איז ער דאַן געוואָרן אַ לעבעדיקער און מיט פרייד פלעגט ער לויפן אָנזאָגן די גוטע בשורה די אַרבעטער, די צענטראַלע ביוראָ פון סינדיקאַטן־ראַט, — די חברים סעקרעטאַרן פון אַנדערע סינדיקאַטן, אַז די אַקציע איז געווונען געוואָרן.

געוואַלדיק צופרידן פון זיג, אָבער קיינמאָל נישט באַפרידיקט. ביי חבר משהן זענען די באַדערפעניש פון די אַרבעטער געלאָפן מיט אַ מער שנעלערן טעמפּאָ, ווי עס זענען געקומען די באַפרידיקונגען. נאָך נישט באַוויזן זיך אָפּצורוען פון איין שטרייק, און שוין צוגעגרייט פלענער און די נויטיקע סטראַטעגיע פאַר דער נאָענטסטער אַקציע.

אַזוי ווי די אַרבעטער האָבן משהן ליב געהאַט, ממש פאַרגעטערט, אַזוי האָבן אים אויך די אַרבעטסגעבער שטאַרק רעספּעקטירט, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער פלעגט זיי כסדר דערגיין די יאָרן. זיי האָבן אין משהן געזען אַן ערלעכן, אַן איבערגעגעבענעם אַרבעטער־פאַרשטייער, וועלכער מיינט אויפריכטיק צו פאַרטיידיקן אַ גערעכטע זאַך.

חבר משהס טרוים איז געווען צו קאָנען עולה זיין קיין ארץ ישראל און דאָרט געפינען זיין היים און זיין אַרבעטס־פּלאַץ. ער איז קיינמאָל אין

ארץ ישראל נישט געווען, אָבער ער האָט אויף אויסנווייניק געקענט אויסגעבונדן יעדן פונקט, יעדן שטיין, וואָס איז געלעגן אויף ארץ ישראלס ערד. די ידיעות האָט משה געלערנט פון זיין פאָטער עליו השלום, וועלכער האָט אַלס סופר געקענט די תורה אויף אויסנווייניק, זיין בן־יחיד האָט ער געלערנט ווי צו טראָגן אין מוח און אין האַרצן לויט די כתבי התורה די מאַפּע פון ארץ ישראל. משה האָט געשלונגען יעדע ידיעה פון די צייטונגען, וועגן דער אויפבוי־אַרבעט, וואָס חלוצים טוען אין ארץ ישראל, יעדע זייערע דערגרייכונג, יעדער נייער פונקט, איז פאַר אים געווען ממש אַ לעבנס־באַלזאַם, וואָס האָט אים געגעבן כוח און מוט אָנצוגיין מיט זיין שווערער, אָפטמאָל ממש פאַרצווייפלטער טעטיקייט.

אין זייגע פריוואַטע חשבון־הנפש־געשפּרעכן מיט חברים און גוטע פריינד, אומקערנדיק זיך נאָך האַלבער נאַכט פון פאַרזאַמלונגען און זיצונגען, אָן אויסגעמאַטערטער און דערשעפּטער, — פלעגט ער זיך באַקלאָגן — הלמאי ער איז פאַרמשפּט צו זיין אַ סינדיקאַטן־טוער אין גלות, פאַרוואָס קאָן ער נישט זוכה זיין צו פאָרן קיין ארץ ישראל, ווו ער וואָלט חוץ זיין היים אויך מיט חשק, מיט ליבשאַפט געקאָנט טאָן אַ נוצלעכע אַרבעט.

ער פלעגט טענהן: „וואָס פאַר אַ זין, און וואָס פאַר אַ ממשות האָבן זיין מי און מאַטערניש דאָ אין וואַרשע, אין פוילן? עס ווערן אַזויפיל כוחות, אַזויפיל ענערגיע פאַרוועגדעט, און וואָס זענען די פּערספּעקטיוון פון יידישן אַרבעטער, — בכלל פון יידן ביי אַזאַ דורכגעפּרעסענעם אַנטיסעמיטישן רעזשים? איז דאָך די גאַנצע אַרבעט געגליכן, ווי מען זאָל לאָטן אַ זאַק". דערביי האָט ער איבערגעגעבן אינפאָרמאַציע פון דער אַרבעט, וואָס אים איז עס אַלץ אויסגעקומען אין משך פון איין טאָג צו דערליידיקן. משה פלעגט אָנהייבן אויסצורעכענען כראָנאָלאָגיש, לויט די שעהן פון טאָג, און מיט אַ שטילער שטים פון אַן אויסגעמאַטערטן גוף, און געפּרעסטן גייסט דערציילן: אויפן ווינער וואקזאל איז גאַנץ פרי אויסגעבראָכן אַ געשלעג צווישן די יידישע און פוילישע אַרבעטער. זיי האָבן ווייזט אויס באַקומען אַ באַפעל צו באַזייטיקן די יידישע אַרבעטער פון דעם פלאַץ. די מיטגלידער פון אונדזער פאַריין זענען שטאַרק צעשלאָגן געוואָרן. אין צוגאָב צו דעם האָט די לייטונג פון וואקזאל נאָך

צוגענומען פון אונדזערע חברים די אַרבעטס־נומערן. קאָן מען דען נישט קראַפּירן — האָט משה קאָמענטירט די געשעעניש — יידישע אַרבעטער, וואָס שטייען שוין אויפן וואקזאל צענדליקער יאָרן און אַרבעטן שווער, מיט שווייס און בלוט, צו פאַרדינען אויף דעם אָרעמען ברויט, צו קענען דערנערן זיך מיט דער משפחה, ווערן מיטאַמאָל צוליב אַ פּראָוואָקאַציע פון אַנטיסעמיטישע קאָליגאַנעס פאַרמשפט אויף דאָס אָרעמע שטיקל ברויט צו פאַרלירן.

און וואָס איז היינט מיינט איר געווען אין שטאָטישן שעכטהויז, — פלעגט ווייטער חבר משה אַ פאַרסאָפּעטער דערציילן — דאָרט ווידער האָבן די מיטגלידער פון „אזאָן" נישט דערלאָזנדיק אונדזערע יידישע מיטגלידער פון דער סעקציע פליישער פורמאַנעס, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט דעם פונאַנדערפירן דאָס פלייש פון שעכטהויז צו די יאַטקעס — צו לאָדן דאָס פלייש אין די פורגאָנעס אַריין. פוןביידע צדדים זענען דאָ פאַרווונדעטע, די גיכע הילף האָט זיי אָוועקגענומען אין שפּיטאָל. האָ! האָ! אונדזערע מיטגלידער לאָזן זיך נישט שפּייען אין דער קאַשע... זיי ווייסן ווי צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד, כאָטש זיי ריזיקירן אין אַזעלכע פאַלן מיט קאָנסעקווענצן פון פאַרלירן זייער ברויט, און דאָס ביסל לעבן אויף דער זינדיקער ערד. זיי ווייסן אויך ווי אַזוי צו ענטפערן מיט אַ פּאַטש (דערביי האָט חבר משה שטאָלצירט מיט דעם מוט און געוואַגטקייט פון די יידישע אַרבעטער) נו, האָט דער דירעקטאָר פון שעכטהויז, עמלק, צוגענומען די אַרבעטס־נומערן פון אַלע אונדזערע מיטגלידער. דער ענין איז נאָך נישט געשלאָסן. „היינט", שוין נישט באַוויזן צו דערליידיקן, „מאָרגן פרי" הייבט זיך אָן דער טאָג מיט דעם ענין, עס איז זייער אַ שווער קאַפּיטל, ווער ווייסט ווי אַזוי מען גיט זיך אָן עצה? — מיינט איר דאָך חברים — פלעגט משה אויף אַ מינוט כאַפּן דעם אָטעם, און ווייטער ממשיך זיין — אַז מיט דעם איז געענדיקט? האָ! ווייט נישט, הערט ווייטער! עטלעכע צענדליק מיטגלידער פון אונדזער סעקציע — חסדלעך (יידישע דעקלאַסירטע אַרבעטער, וועלכע פלעגן אַרומפירן איבער די וואַרשעווער גאַסן וועגעלעך מיט פּרוכט צום פאַרקויפן; זיי פלעגט מען רופן „חסדלעך", ווייל יעדע מינוט, וואָס זיי זענען געווען אויף דער פריי און נישט אין תפיסה, איז פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ חסד), געפּי־

נען זיך אין די פּאָליציי באַצירקן. מען האָט זיי פאַרנומען מיט דעם ביסל סחורה מ'שטיינס געזאָגט. מען דאַרף זיי אַרויסנעמען פון געפענגעניש. זייערע ווייבער און קינדער זענען געווען אין לאָקאַל פון פאַריין. אויך מיט דער סעקציע גלעזער־אַרבעטער איז נישט פריילעך. די אַנטיסעמי־טישע וועכטער פון די הויפן לאָזן זיי נישט אַריינגיין אין וווינונגען אַר־בעטן. ווידעראַמאָל אַ באַפעל פון דער „אַזאַן"־לייטונג. געווען אַ דעלע־גאַציע אין פאַריין, מען מוז עפּעס אָנהייבן טאָן. פון פלאַץ בראַני ווידער — האָט היינט די פּאָליציי אַראָפּגעיאָגט אַלע אָפּפאַל־זאַמלער און שמאַ־טע־הענדלער. פּאָליציי זאָגט, אַז זיי האָבן באַקומען אַ פאַראָרדענונג פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, אַז דער שטאָט־פּרעזידענט אַליין האָט די גזירה אַרויסגעגעבן. עס דאַרף מכלומרשט הייסן, אַז צוליב היגיענישע באַדינ־גונגען זאָלן זיי נישט דערלויבן, אַז די אַרבעטער ביים סאָרטירן אַלטע שמאַטעס זאָלן שטיין אויפן פלאַץ בראַני. און וועגן דער נייער גזירה פון רעגירונגס־קאָמיסאַריאַט ווייסט איר שוין? דאָס איז דאָך גאָר אַ קאַטאַס־טראָפע — האָט משה אָן אָן אָטעם ממש מיט האַרץ און נשמה גערעדט — די גזירה וועט דאָך אָנרירן הונדערטער יידישע אַרבעטער פאַמיליעס. איין קלייניקייט! מיט איין פעדער שטריך פון אַן אַנטיסעמיט, — ווערט אויס וועגעלע מיט אייזערנע רעדער, מען מוז האָבן גומענע רעדער, באשר, בכן עס זאָל מכלומרשט פטרן דעם אַספאַלט. נו, ווי האָט עס עפּעס אַ יידישער טרעגער געלט אויף גומענע רעדער? זיי קאָנען דאָך קיין דירה־געלט נישט באַצאָלן פון זייערע אָרעמע פאַרדינסטן, איך דאַרף דאָך כסדר אינטערווענירן ביי די ווירטן, אַז מען זאָל זיי פון פינצטערע קעלער־שטיבלעך נישט אַרויסוואַרפן. וואָס וועט זיין דער תכלית, פלעגט משה פאַרלייגן איין האַנט אויף דער צווייטער און מיט תמימות פרעגן: ווי לאַנג דען נאָך איז מעגלעך אָנצוגיין מיט אַן אַרבעט אונטער אַזעלכע באַדינגונגען?

חבר משה, איז נישט געווען פון די שרעקעוודיקע. שטענדיק ווי נאָר עס האָט געדראָט עפּעס אַ געפאַר פון אַן איבערפאַל פון אַנטיסעמיטישע כוליגאַנעס, — איז ער געווען פון די ערשטע זיך צו שטעלן אין שפּיץ פון אַ פאַרטיידיקונגס־אַקציע, — זיך קעגנצושטעלן די איבערפאַלער און זיי צו פאַרטרייבן פון דער יידישער געגנט. נישט שלאָגן, איז געווען דער

באפעל פון חבר משהן, בלויז צוריקשלאגן, ווייזן זיי, אז יידיש לעבן איז נישט הפקר. מיר קאנען ליידער פון קיינעם נישט דערוואַרטן קיין שוץ, פלעגט משה אויסרופן; מוזן מיר זיך אליין פאַרטיידיקן!

מוט און שטאָלץ איז געווען אין בלוט ביי חבר משה, ער האָט קיינמאָל נישט געוווּסט פון קיין פחד, ער האָט אָבער תמיד אַרויסגעפילט די געפאַר פון יידישן לעבן, וואָס ווערט טאָג־טעגלעך באַדראָט פון פוילישע אַנטיסעמיטן און כוליגאַנעס, וועלכע ווערן געהעצט צו פאַרגיסן יידיש בלוט.

אַלס אַרבעטער־טוער, און אַלס ייד איז חבר משה געווען באַקאַנט אַלס מוטיקער מענטש, וואָס האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום זאַך, בעת עס האָט זיך געהאַנדלט אין באַשיצן אַרבעטער־אינטערעסן, אָדער פאַרטיידיקן דעם כבוד פון יידישן נאָמען. פון קינדערווייז אָן, נאָך אַלס ייִנגל אין חדר, אין קליינעם שטעטל, בעת שקצים האָבן סתם אַזוי זיך, צוליב פריילעכקייט ערב פסח געוואָלט אַ הוליע טאָן מיט שלאָגן יידן, מיט אויסהאַקן יידישע שויבן, מיט שרייען צו יידן דעם צונאָמען „ביילים" מיט אויסטראַכטן בלוט־בלבולים וכדומה, האָט זיך משהלע נישט געשראָקן און געלאָפן זיך אַנטקעגנשטעלן די כוליגאַנעס. אל תירא יעקב — האָב נישט קיין מורא יידיש פאָלק, איז געוואָרן אַ מאָטאָ ביי משהן. אַז דער טאַטע זיינער עליו השלום פלעגט אין די שבת־צו־נאַכטן, נאָך הבדלה, נאָך המבדיל בין קודש לחול אויך אַ זינג טאָן דעם אל תירא עבדי יעקב, האָט משה דערפילט זיכערקייט און שוץ, אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווי גיך נאָר ער איז צו זיין שכל געקומען, און אָנגעהויבן פאַרשטיין דעם אונטערשיד צווישן הונגער און ווילזיין, דעם חילוק צווישן פרייהייט און פאַרשקלאַפונג, און בעיקר אויף אייגענער הויט דערפילן דעם אונטערשיד צווישן הונגער און זאַטקייט — האָט משה פון פסוק אל תירא עבדי יעקב אַרויסגענומען דאָס וואָרט „עבדי" און האָט זיך באַנוגנט מיט די דריי ווערטער פון „אל תירא יעקב", וואָס האָט אויף זיין אייגענעם טייטש געמיינט: האָב נישט קיין פחד פאָלק ישראל, ווייס ווי אַזוי צו פאַרטיידיקן און צו שיצן דעם כבוד פון יידישן נאָמען, וואָס איז דער כבוד און שטאָלץ פאַר יעדן יידישן יחיד. קנעכטשאַפט, דאָס וואָרט עבד — קנעכט האָט חבר משה נישט פאַרטראָגן. עפּעס פאַרט זיך נישט

פלעגט ער טענהן דאָס וואָרט אתה בחרתנו מיטן וואָרט קנעכט, פאַרן אַמט פון קנעכט ווערט מען נישט אויסגעוויילט, צו קנעכטשאַפט ווערט מען פאַרמשפּט, און דער בורא עולם אַליין האָט תמיד געוואָלט זען זיין פאָלק ישראל פריי, פון פרייען און נישט געצוווּנגענעם ווילן זאָלן יידן דינען דעם רבונו של עולם און נישט ווי קנעכט.

כאָטש משה האָט שטאַרק נישט מדקדק געווען אין פרומקייט, איז ער אָבער קיינמאָל פון יידישער טראַדיציע, פון יידישע דינים און מנהגים נישט אַוועקגעגאַנגען. שבת און יום־טוב זיך אַריינכאַפּן אין אַ שול, אין אַ בית־מדרש, אַפּטמאָל אויך אין אַ חסידים־שטיבל, דאָ כאַפּן אַ קדושה, דאָרט אַ מודים אנחנו לך, אין דער צייט פון שלוש סעודות דערכאַפּן דאָס האַרץ מיט אַ לעק פון שטיקל געזאַלצענעם הערינג און דערקוויקן דאָס געמיט מיט אַ ניגון.

ימים נוראים איז חבר משה געגאַנגען דאַווענען אויפן גענשער בית־עלמין, וווּ עס האָט זיך פאַרזאַמלט די אַזוי גערופענע יידישע „אונטער־וועלט" אין אַזעלכע גאָטספאַרכטיקע טעג — פלעגט משה זאָגן — איז כדאי צו זיין צוזאַמען מיט די בעלי־תשובות, און טאָמער חלילה פאַר־סירט עפּעס, אַז כוליגאַנעס זאָלן פאַרזוכן אָנצורירן יידן בעת זיי גייען אין שול, אָדער פון שול, זאָל ער זיין צוזאַמען, מיט די אַלע, וואָס האָבן געוווּסט, וואָס עס באַדייט אונטערצושטעלן אַ פּלייצע, בכדי צו פאַר־טיידיקן יידן און יידישן כבוד.

אין די רומפולע טעג פון אומפאַרגעסלעכן, העראָאישן יידישן ווי־דערשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, איז חבר משה געווען מיטבאַטייליקט. דער זעלבער מוט און יידישער שטאָלץ, וואָס האָט באַגלייט חבר משהן אַלע יאָרן פון זיין לעבן אין דעם אַזוי שווערן געראַנגל פאַר יידישער עקזיסטענץ — האָט באַגלייט משהן אַלס מיטבאַטייליקטן אין גרויזאַ־מען קאַמף פאַר אַן ערנהאַפטן, שטאָלצן און הייליקן טויט!

ר׳ ליזער

אויף ר׳ לייזערן האָט מען אין שטעטל געזאָגט, אַז ער איז שטאַרק ווי אַ ריז, און שוואַך ווי אַ זויגלינג. עס ווענדט זיך נאָר ווו ער געפינט זיך, גבורה, שטאַרקייט, כוח פילט ר׳ לייזער ווען ער איז אין שעכט־הויז, אָדער גאָר אין שטאַל צווישן די בהמות, אָדער אפילו אין יאַטקע ביים האַקן און שניידן דאָס פלייש. שוואַך ווי אַ קינד האָט ער זיך דער־פילט אין בית־מדרש אָדער אין סקערניעווויצער שטיבל, ווו ער האָט גע־דאַוונט ימים נוראים און ימים טובים.

מאָדנע עקסטרעמען האָבן פאָרמירט דאָס געשטאַלט פון ר׳ לייזערן: ער איז געווען אַ כעסן, אַ שטרענגער מענטש, בייז, אָנגעכמורעט, אָנגע־בלאָזן, מיט פאַרביסענע ליפן, תמיד געהאַלטן די וואָנצעס, אָדער אַן עק באָרד צווישן די ציינער, וואָס האָט באַדאַרפט אויסדריקן: בייזקייט, איינגעשפאַרטקייט, עקשנות. ווידער אַמאָל איז געווען אָפּהענגיק ווו ר׳ לייזער האָט זיך געפינען אין שעכטהויז, יאַטקע, אָדער שטאַל, צי אין בית־מדרש, דאָס זעלבע האַלטן אַ שטיקל פון זיין באָרד צווישן די ציי־נער האָט גאָר אין בית־מדרש צי אין שטיבל באַדייט, מחשבה, פאַר־טראַכטקייט, זיין אָנגעכמורעט פנים האָט גאָר אויסגעדריקט פחד, שרעק, ציטערניש, נאָכגיביקייט.

ר׳ לייזער אַליין פלעגט זיך פאַרטייטשן און זאָגן, אַז אין בית־מדרש, ווו ער פילט זיך זיכער, וואָרום ווו נאָך מער ווי אין בית־מדרש — בין כותלי התורה — קאָן זיך דען אַ ייד פילן זיכערער, — איז דאָרט כלפי די השגחה של מעלה, איז ער ווי אַ זויגלינג, אָבער אין שעכט־הויז, אָדער אין שטאַל צווישן פיר פיסיקע בהמות, מוז מען זיך פילן שטאַרק, זיך אָנגאָרן מיט גבורה, וויסן, אַז מען געהער צו דער קאַטע־גאָריע פון מדבר צווישן דעם אויבערשטנס באַשעפעניש, וואָס איז די העכסטע קאַטעגאָריע, אויב נישט, אויב מען האָט נישט גענוג גבורה אין זיך אויפצוהייבן העכער פון דעם שטומען בעל־חי, קאָן מען נאָך חלילה וחס אַרונטערפאַלן אונטער חיהשער השפעה, און דאָן וואָס משטיינס

געזאָגט קאָן שוין ווערן פון אַ מענטש, סיידן אים נעמען און בינדן און פירן צו דער שחיטה, היינט ווו וועט מען דען געפינען אַ שוחט וואָס זאָל וועלן אַזאַ מין באַשעפעניש שעכטן אויף כשר, דערצו נאָך וועלן מאַכן אַ ברכה. לכן דאַרף אַ מענטש, דערצו אַ ייד וואָס איז צוליב פּרנסה צוזאַמען פאַרבונדן מיט בהמות זיך שטאַרק אונטערגאַרטלען מיט אַ סך כוח און גבורה, און בעטן תמיד דעם בורא עולם, אַז ער זאָל אים העלפן געוועלטיקן איבער די בהמות און חלילה נישט נכנע ווערן, נישט אַרונטערפאַלן צו דער בהמישער ממשלה!

ר' לייזער, אָדער ווי מען פלעגט אים רופן אין די וואָכנדיקע טעג: לייזשקע קצב, איז געווען אַ גרויסער קענער און ווייסער אין לעבן פון בהמות, אויסגעבונדן אין אַלע קעמערלעך פון חיהשן לעבן, דער גאַנצער געבוי פון אַ בהמה איז אים געווען אויף אויסנווייניק באַוווסט. ער האָט אויך געקענט דערציילן ווו עס געפינט זיך דער לונג און לעבער, און ווו דאָס האַרץ, ווו די מניסה קישקעס, און ווו דער מאָגן, יעדעס ביינדעלע האָט ער געקענט, ער האָט אויך געקענט זאָגן — אָנקוקנדיק אַ בהמה לעבעדיקערהייד — וויפל עס וועט וועגן דער מאַרך, אויף אַזוי ווייט איז געגאַנגען די בקיאות פון לייזשקע קצב אין בהמהשן לעבן.

ר' לייזער איז אויך געווען אַ ייד אַ למדן, הלכות שחיטה האָט ער געקענט על בוריה, איז געווען אויסגעקאָכט אין אַלע דינים און הלכות, אַלע טריפות האָט ער געקאָנט אויף אויסנווייניק ממש, נישט דער שוחט און אויך נישט דער מורה הוראה האָט ר' לייזערן געקענט אָט סתם אַזוי אָוועקמאַכן מיט דער האַנט אין הלכות שחיטה. ער האָט אַליין געקענט בודק זיין אַ חלף, אַ פיר טאָן דעם מעסער פון אַלע זייטן און זען צי עס איז חלילה נישטאָ קיין פּגימהלע אין דער שאַרפקייט. ער האָט אויך געקענט אָנבלאָזן אַ לונג און זען צי עס איז נישט פאַראַן קיין סרחה. אין דינים פון שחיטה איז ר' לייזער געווען אַ גרויסער מחמיר. נאָך מער מחמיר ווי דער דיין אַליין. ער האָט שטאַרק מקפּיד געווען און זיך אָפּגעהיט, אַז ער זאָל חלילה נישט נכשל ווערן מיטן עובר זיין אויף געבן אימיצן צו עסן טריפות, ער האָט זיך קיינמאָל נישט גענומען צום האַרצן, אויב אַ בהמה איז אים טריפה געוואָרן ביי דער שחיטה, איי דער היזק, וואָרום טריפה פלייש פאַרקויפט מען דאָך פאַר ביליקער, דאָס האָט אים

נישט געאַרט. ער האָט חלילה נישט אַראָפּגענומען פון שחיטה געלט, וואָס אַנדערע קצבים פלעגן געוויינלעך טאָן, ווען אַ בהמה איז טריפה געוואָרן בעת דעם שעכטן. ר׳ לייזער אַליין פלעגט זאָגן, אַז ער איז נאָך חס ושלום נישט אָרעמער געוואָרן פון זיין אַ מחמיר ביי שחיטה, צו גאָט דערלייגט מען נישט, און שמירת הדין גייט צוזאַמען מיט שמירת הכסף.

ר׳ לייזער האָט געוווסט צי בהמות קאָנען ריידן צווישן זיך, ער פלעגט פאַרטייטשן די פאַרשיידענע קולות פון בהמות און חיות, וועלכעס קול עס דריקט אויס פרייד און וועלכעס קול עס דריקט אויס אָרמעט, צער און איינזאַמקייט. ער האָט אויך זיך געקענט איף די פאַרשיידענע חולאתן פון די פירפיסיקע באַשעפענישן. אין מיטן נאַכט, מען זאָל אים אויפוועקן פון שלאָף און אַ פרעג טאָן ר׳ לייזער, וויפל יאָר לעבט אַ קאַץ און וויפיל אַ הונט און וויפיל אַ קו און וויפיל אַ פערד, וועט ער אויף אַלע פראַגן ענטפערן און דערביי נאָך אַליין צוגעבן: ווילסט דאָך מסתמא וויסן ווער פון די חיות עס לעבט אַמלענגסטן? נו, טאָ זיי וויסן, אַז אַ שילדקרויט לעבט דריי הונדערט און פופציק יאָר, וואָס איז דער לענגסטער לעבנס־עלטער ביי חיות. דערביי אַ זאָג טאָן מיט אַ תמימות, עס איז דאָך נישט צום פאַרשטיין און נישט צום באַגרייפן די השגחה העליונה, ווער איז דען בכוח, ווער איז דען גאָר מסוגל זיך אַ הייב צו טאָן צו די הימלען צו און משיג זיין, פאַרוואָס אַ לייב, דער קייניג פון די חיות לעבט נישט מער ווי פערציק יאָר, די זעלבע יאָרן וואָס אַ קעמל, און אַ קראָקאָדיל־שלאַנג לעבט ביז דריי הונדערט יאָר, און אַ שילדקרויט נאָך מער, גיי זיי אַ בריה און וויים. וואָס דאַרפסטו דען האָבן מער, אַז אַ קראָ, אַ פּשוטע וואראָנע, לעבט ביז הונדערט יאָר, דאָס זעלבע אַן אָדלער, און אונדזער בר־נש, אָט טאָקע דער בעל מדבר, דאָס העכסטע פון גאָטס יצירה, וויפיל זענען מיר עס בכוח אַריינצולעבן, אַז צו זיבעציק — זאָגט אונדז שוין דער בעל הפרק — דאַרף מען זיך פילן זאַט אין יאָרן, און אויף צוצוציען צו אַכציק דאַרף מען שוין זיין גאָר אַ גרויסער גיבור, — טאָ גיי און וויים — פלעגט ער כסדר איבערחזרן, פערציק יאָר אַ לייב און דריי הונדערט מיט פופציק יאָר אַ שילדקרויט, און אַ מענטש וויפיל, אַ מענטש, גיי און וויים, גיי און פאַרשטיי, אַ מענטש קריגט גבורה צו אַכציק און אַ לייב ענדיקט מיט דער גבורה צו פערציק, אָבער

אַ ווֹאָרעם, אַ שלאַנג, אַ קראָקאָדיל דערגרייכט דריי הונדערט יאָר און אַ שילדקרויט אפילו מיט אַ פופציקער מער. גיי און ווייס! גיי און פאַרשטיי! זיי משיג די חשבונות וואָס די השגחה פירט מיט מענטשן און חיות, אפילו מיט ווערים!

אַ גאַנצע וואָך האָט ר׳ לייזער זיך געפונען צווישן גוים, שבת ביי נאַכט נאָך הבדלה, און נאָך דער שחיטה, פלעגט ער אַרויספאָרן אויף די דערפער אויף איינצוקויפן בהמות צו דער שחיטה, איז געקומען אין שטעטל אַריין דאָנערשטיק נאָך האַלבן טאָג, בכדי אין אָוונט צו זיין אין שעכטהויז און שעכטן גסות און דקות לכבוד שבת. פרייטיק פרי איז ער ווידער אַרויסגעפאָרן אין די שכנותדיקע דערפער, און איז אַהיימגעקומען פאַר ליכט צינדן. ר׳ לייזער האָט זיך נישט געמישט אין יאַטקע ביים פאַרקויפן דאָס פלייש, די אַרבעט האָט געטאָן זיין פלונית באַשע, יששכרס טאָכטער, וואָס האָט אַליין געקענט צעהאַקן און אויסטרייבערן אַ זייטל פלייש, קונציק אַרויסנעמען די צונג פון קאָפּ, אַז עס זאָל נישט פעלן קיין לויט, אַז באַשע האָט אויסגעביינערט אַ זייטל פלייש האָט מען עס געקענט נוצן פאַר דער גאָלדענער יויך אויף די שענסטע חתונות. ר׳ לייזער האָט זיך נאָר פאַרנומען מיטן איינקויפן די לעבעדיקע בהמות, מיטן פאַרקויפן די פעל, די קישקעס, מיטן איינקויפן פאַשע פאַר די בהמות, ווי היי און שטרוי, קלייען און אַלץ, וואָס בהמות האָבן באַדאַרפט צום עסן.

ר׳ לייזער האָט געהאַט זיין שטוב אויסערן שטעטל, אַ שטיקל גאָרטן אַרום דער שטוב און אַ לאָנקע ווו עס האָט געוואַקסן היי, און ווו די בהמות, קי, אָקסן, קעלבלעך, שעפּסן און צאַבייגער האָבן זיך געפּאַשעט. מערסטנטייל איז אַלזאָ ר׳ לייזער געווען אָדער אויפן דאָרף צווישן גוים, אָדער אין שטאָט צווישן די בהמות. ער האָט ליב געהאַט זיך צו פאַרנעמען מיט די פיר־פיסיקע באַשעפענישן, זיי געבן עסן, אויסשפרייטן מיט שטרוי אין שטאַל פאַר זייער געלעגער, טראָגן אַ שעפּסל, אָדער אַ יונג קעלבל אויפן האַלדז צי די קאָריטע ביים ברונעם אויף אַ טרונק געבן, ער האָט געקענט שעהן לאַנג שטיין אין שטאַל, אָדער אויף דער לאָנקע און זיך איינקוקן ווי גאָטס באַשעפענישן לעבן אויף דער וועלט מיט אַזאַ רואיקייט, אָן דאגות, אָן עגמת נפש. ר׳ לייזערן האָט זיך אויסגעוויזן,

אַז ער פאַרשטייט דאָס לשון פון די בהמות, אַז ער ווייסט דעם באַדייט פון מעקען פון אַ שעפּסל, פון אַ קעלבל און אַפילו פון אַ גסה. אַפילו ווען זיין גניאַדער פערד האָט זיך צעהירזשעט, אָוועקשטעלנדיק זיך אויף די צוויי הינטערשטע פיס און די פאָדערשטע אויפהייבן אין דער לופטן — האָט ר׳ לייזער געוווּסט צו וואָס דאָס פערד איז מכוון, און אַז ער איז צו־געגאַנגען נענטער צום פערד, אים אַ גלעט געטאָן ביי דער מאָרדע און דערצו נאָך אַריינגעלייגט אַ שטיקל צוקער אין מויל, אָדער אַ גרידע פון פאַרהאַרטעוועטן זאַלץ, האָט דאָס פערד אַרונטערגעלאָזט די פאָדערשטע פיס, זיך אַוועקגעשטעלט אויף אַלע פיר פיס און אַביסל פאַררוקט די מאָרדע, אַז די ציינער זאָלן זיך אַרויסזען און מיט הכנעה געלעקט ר׳ לייזערס האַנט. בכלל זענען די בהמות און די שטוב־חיות ווי דאָס פערד, דער הונט, די קאַץ, און אויך די עופות געווען שטאַרק צוגעבונדן צו ר׳ לייזערן. זיי האָבן דערשפּירט זיינע טריט פון ווייטנס, דער ערשטער איז אַרויסגעלאָפן אים אַנטקעגן דער הונט, די קאַץ האָט געמעגט זיין ווי פאַרנומען מיטן וואַשן דעם קאָפּ מיט דער פאָדערשטער לאַפּקע, האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און מיט פאַמעלעכע טריט געגאַנגען ר׳ לייזערן אַנטקעגן. די קעלבלעך און שעפּסלעך פלעגן זיך צעמעקען. דאָס פערד האָט אַרויסגענומען דעם קאָפּ פון דער טאָרבע און אַ הירזשע געטאָן. ר׳ לייזער האָט געזאָגט, אַז דאָס מיינט פרייד, שמחה. קומענדיק פון גאַס, אָדער מיט פערד־און־וואָגן פון דאָרף, אַפילו פון שעכט־הויז דעם ערשטן וויזיט האָט ר׳ לייזער אָפּגעשטאַטעט אין שטאַל ביי די בהמות, זיך אַרומ־געקוקט צי זיי פעלט קיין זאַך נישט, צי דאָס עסן אין די הילצערנע קאַסטנס איז גוט צעמישט, צי עס איז פאַראַן גענוג קלייען אין דער פאַ־שע, פאַר די בהמות, גענוג האָבער אין עסן פון פערד, גענוג קערנער אין עסן פאַר די עופות וכדומה. ערשט ווי ער האָט זיך אָפּגעספּראַוועט מיט די בהמות און שטוביקע חיות איז ערשט ר׳ לייזער אַריין אין הויז אַ קוש געטאָן די מזוזה און זיך פאַרנומען מיטן הויזגעזינד.

צווישן יידן איז ר׳ לייזערן אויסגעקומען צו זיין נאָר שבתים און ימים טובים, און אין דער צייט ווען ער איז געווען אין שעכט־הויז, ווו עס האָבן זיך געפונען נאָך קצבים און די שוחטים און משגיחים.

א גאנצע וואך אין די ארבעטס־בגדים, אין א פארחלבט כאלאטל, פון הונטן א לייבל אויף א לייבל, ברייטע שטיוול, אינעווייניק אויסגע־שפרייט מיט שטרוי, ברייטע כאלעוועס, ווו מען האט געקענט באהאלטן א פלעשל אקוויט. די שווערע ארבעטס־בגדים האבן באהאנגען ר׳ לייזערן פון קאפ ביז די פיס, אזוי אז מען האט קוים געזען זיין צורה.

פרייטיק פאר נאכט אבער, פאר ליכט־צינדן איז ר׳ לייזער ארויס פון די בגדי־חול און זיך אנגעטאן אין די מלבושים פון שבת. עפעס גאר אן אנדער אויסזען האט ר׳ לייזער באקומען אין זיינע שבתדיקע קליי־דער. מען האט געזען גאר אן אנדער מענטש, אויף די פיס אנשטאט ברייטע שטיוול מיט גרויסע כאלעוועס, האלבע שטיוולעטן מיט גומי אין די זייטן, ווייסע זאקן, אן אטלאסענע קאפאטע, מיט די קעשענעס פון אונטן, א פאר טוכענע שווארצע הויזן, א ברייטער טלית־קטן אויף א ווייס העמד, די בארד צעקאמט, א סאמעטענע יארמולקע אויפן קאפ נאך צוגעדעקט מיט א סאמעטן היטל. גאר אן אנדער מענטש, שבת־מלכותדיק האט אויס־געזען ר׳ לייזער, א באהאפטענער מיט דער שכינה פון שבת, נשמה־יתירהדיק האט ר׳ לייזער געפילט, ווי לתפארת ולתהילה.

שבת אין דער פרי, כעלות הבוקר איז ר׳ לייזער אוועק אין אלטן בית־מדרש, און דארט געלערנט זיין דף גמרא, מערסטנס חולן מיטן יורה דעה און פרי מגדים, שפעטער געגאנגען אין סקערניעוויצער שטיבל און געדאוונט, איז אין שטיבל אויך געווען בעל קורא. נאכן טשאלנט זיך אביסל צוגעשפארט אויף דער סאפקע, נאר בכדי צו דערפילן דעם טעם פון שינה בשבת תענוג, און נאכהער ווידער אוועק אין בית־מדרש, ווו ער האט געלערנט מיט א חברה יידן משניות. ר׳ לייזער האט ליב געהאט אויסצוקלייבן די פרקים אין משניות, וואס גיבן איבער וועגן לעבן פון חיות און בהמות, און פון דעם ארויסברענגען תמיד א מוסר השכל פארן בחיר היצירה, — פארן מענטש.

ר׳ לייזער פלעגט זיך צוזינגען פארטייטשנדיק דעם מדרש פאר זיי־נע צוהערער, מיט א הויך קליינגענדער שטימע פלעגט ער זאגן פסוק ביי פסוק און געבן צו פארשטיין, וואס דער בעל המדרש האט מכוון געווען מיטן דערציילן די מעשה.

ר׳ לייזער האט ליב געהאט צו לערנען דעם מדרש פון בראשית

רבה, וועגן לייב און דער שטארך: „אַ לייב האָט נעמלעך פאַרצוקט אַ שעפּעלע און עס האָט זיך אים געשטעלט אַביין אין האַלדז. האָט דער לייב אויסגערופן: „ווער עס וועט קומען און דעם ביין פון האַלדז אַרויס־נעמען וועט גוט באַלוינט ווערן.״ איז געקומען אַ שטארך און מיטן לאַנגן שנאָבל אַרויסגענומען דעם ביין פון לייבס האַלדז. דער שטארך האָט נאָכהער געפאָדערט זיין לוין פאַר דער אַרבעט, האָט אים דער לייב אויס־געלאַכט און אַזוי צו זאָגן געזאָגט: „דו פאָדערסט נאָך באַלוינונג, דו שטארך איינער. דו דאַרפסט זיך פילן גליקלעך, וואָס איך האָב דיך אַ לעבעדיקן אַרויסגעלאָזט פון מיין מויל. דו וועסט איצט קאָנען זיך באַ־רימען און זאָגן, אַז ביזט ביים לייב אין מויל געווען און מיט גאַנצע ביי־נער אַרויסגעקראָכן.״

„דער נמשל איז — האָט ר׳ לייזער מיט אַ ציטעריקער שטימע גע־לערנט — יידן דאַרפן זיך פילן צופרידן, וואָס דער שונא, אונדזערע איי־ביקע שונאים אין גלות, לאָזן אונדז כאָטש לעבן.״

מיט גרויס התמדה פלעגט אויך ר׳ לייזער מיט זיין חברה משניות לערנען דעם זוהר אויף דער סדרה שמות, וואָס דערציילט וועגן דער שלאַנג וואָס בייסט. איי, — פלעגט זיך ר׳ לייזער צעזינגען — זענען ר׳ אליעזר און ר׳ יחזקיהו געגאַנגען אין וועג, האָבן זיי פון וויטנס גע־זען אַ שלאַנג. האָט ר׳ יחזקיהו געוואָלט די שלאַנג הרגענען, אָבער ר׳ אליעזר האָט אים נישט געלאָזט, זאָגנדיק צו ר׳ יחזקיהו: „לאָז זי צורו, טויט איר נישט!״

סטייטש, — האָט ר׳ יחזקיהו געטענהט, — זי איז דאָך אַ שלעכט באַשעפעניש, זי בייסט דאָך און טויט מענטשן.

האָט אים ר׳ אליעזר געענטפערט: — אַ שלאַנג בייסט נישט, סיידן זי באַקומט אַ באַפעל פון אויבן.

דער נמשל איז קלאָר, פלעגט מיט אַ צעצויגן קול ר׳ לייזער פאַר־טייטשן: „קיין שום זאַך געשעט נישט אויף דער זינדיקער ערד אָן דער השגחה אין הימל, אַפילו די פאַרשאָלטענע שלאַנג קאָן דעם מענטשן ניט בייסן מיט איר גיפט, איידער זי באַקומט פאַר דעם די הסכמה פון דער השגחה העליונה!

בעיקר האָט ר׳ לייזער שטאַרק אויסגעמוסרט יידן, וואָס האָבן אין

זיך געטראָגן אַביסל גאווה. ער האָט נישט פאַרטראָגן, ווען אימיצער האָט זיך דערלויבט גרויס צו האַלטן לגבי דעם צווייטן. ער האָט דעם גאַנצן ענין פון גאווה פאַרטייטשט מיט אַ מדרש וואָס דערציילט וועגן צוויי קע־ניגן, נעמלעך דעם קעניג פון יידן, שלמה המלך, און די קעניגין פון די קליינע פליגעלעך — מוראַשקעס — וועלכע האָבן זיך אַמאָל באַגעגנט. שלמה המלך, וועלכער האָט פאַרשטאַנען דאָס לשון פון אַלע חיות און פייגל און ווערים, האָט אַ פרעג געטאָן די קעניגין פון די מוראַשקעס פאַרוואָס זי האָט געהייסן אירע אונטערטענער, די פליגעלעך, זיך אויס־באַהאַלטן אין די נאָרעס און אַנטלויפן פון שלמה המלך. אויף דעם האָט די קעניגין פון די מוראַשקעס געענטפערט: דער סוף פון יעדן מענטשן איז פון ווערים געגעסן צו ווערן. דער אַנהייב פון מענטשן איז שטויב און זיין סוף איז זיך אומצוקערן צו שטויב. דערפאַר האָב איך פאַרלאַנגט פון אַלע מיינע מוראַשקעס זיי זאָלן נישט אַנקוקן דעם גאווהדיקן מענטשן, וועמענס סוף עס איז צו שטויב זיך אומצוקערן. שלמה המלך, ווערט דערציילט, האָט הערנדיק די ווערטער פון דער קעניגין פון די מוראַשקעס, זיך שטאַרק פאַרשעמט וואָס אַזאַ באַשעפעניש פאַרמאָגט אַזוי פיל חכמה און קאָן דעם קעניג פון בחיר היצירה זאָגן מוסר פאַר זיין גאווה.

חברה יידן האָבן שטאַרק הנאה געהאַט פון ר׳ לייזערס לערנען. מיט די משלים פון מדרש און ר׳ לייזערס אויסטייטשונגען האָבן זיי זיך גע־קוויקט אַ גאַנצע וואָך און נישט אייננמאָל האָט פּאַסירט, אַז ווען חברה איז געזעסן בין מנחה למעריב אונטערן אויוון אין בית־מדרש אין מיטן דער וואָך, האָט מען איבערדערציילט אַ שטיקל מדרש פון ר׳ לייזערס תורה.

ר׳ לייזער האָט געהאַלטן, אַז אַ מענטש קאָן אויך פון אַ חיה, אַפילו פון אַ ווערימל, פון יעדער באַשעפעניש, וואָס דער בורא עולם האָט באַ־שאַפן, זיך אָפּלערנען גוטע זאַכן, וואָרום די באַשעפענישן וואָס זענען אַרויסגעקומען פון דער יצירה, געפינען זיך נישט סתם אַזוי אויף דער וועלט; זייער קיום האָט אַן אָנשפּאַר אין דער קדושה פון די הימלען. אַלץ, וואָס עקזיסטירט אונטערן הימל — פלעגט ר׳ לייזער מסביר זיין — איז מיט דער הסכמה פון דער אויבערשטער השגחה! ר׳ לייזער האָט תמיד געררופן חברה, מענטשלעך זיך צו באַציען צו גאָטס באַשעפענישן, חלילה

נישט צו שלאָגן, נישט צו הרגענען קיינעם, נאָר לאָזן יעדעס באַשעפעניש טראָגן דעם אָטעם פון יצירה אַזוי לאַנג ווי גאָטס ווילן איז דערביי.

ר׳ לייזער האָט חברה און זיין אייגן הויזגעזינד דערצויגן לויט די כללים פון דער תורה, וואָס לערנט דעם מענטשן צו זיין אַ בעל־מידות, צו טאָן גוטס און אויסמיידן שלעכטס, צו האָבן אַ מענטשלעך געפיל און פאַרשטענדעניש פאַר יעדער באַשעפעניש אויף גאָטס ערד.

אַ שטאַרקן קלאַפּ האָט ר׳ לייזער באַקומען, ווען עס איז נגזר געוואָרן די שחיטה גזרה. ער האָט דאָס ממש נישט געקענט איבערטראָגן. כסדר טייטש היתכן, פלעגט ער שרייען, ווי, ווער נאָך אַזוי ווי יידן טראָגן אין זיך דעם געפיל פון צער בעלי חיים, ווער נאָך אַזוי ווי יידן האָבן זיך אַזוי שטאַרק פאַרנומען מיט אַלע איינצלהייטן, ביים צוטראַכטן דאָס פאַרמיידן פון יסורים, ביי דער שחיטה. אַדרבה פלעגט ער שרייען, אויפֿהייבנדיק די הענט צום הימל, ווער נאָך אַזוי ווי מיר יידן האָבן פאַרשטענדעניש פאַרן בעל חי. סטייטש די דינים פון שחיטה זענען דאָך פאַרפאַסט געוואָרן מיט דער כוונה צו שפּאָרן יסורים די בהמה, וואָס ווילן זיי די גוזרים, זיי פאַרווערן שחיטה פון בהמות, אָבער זיי וועלן דערלויבן צו שעכטן מענטשן.

ר׳ לייזער האָט זיך געפילט שטאַרק דערשלאָגן, ער וואָס האָט אַ גאַנץ לעבן געלערנט מיט יידן די הייליקע תורה, די מדרשים, אַלע אגדות און דערציילונגען און משלים, אַרויסגענומען פון מדרש רבה, מדרש תנחומא, מדרש חמש מגילות, מדרש שוחד טוב, פון ילקוט שמעוני, פון ספר הישר, פון זוהר און פון אַנדערע הייליקע ספרים, וועגן בעל חי, ער וואָס האָט אַ לעבן לאַנג איינגעפלאַנצט אין יעדן מענטשן, ייד און נישט ייד זיך מענטשלעך צו באַציען צו גאָטס באַשעפענישן, ער, לייזער דער קצב, וועלכער שטייט שוין יאָרצענדליקער אין שעכטהויז און זאָגט נאָך וואָרט ביי וואָרט די ברכה פון שחיטה, ער וואָס זעט ווי די שאַרף פון כשרן חלף קוילעט, איידער די בהמה דערשפּירט דעם ווייטיק. אים גייט מען זאָגן, אַז שחיטה לויט דעם יידישן דין איז נישט הומאַניטאַריש, איז נישט לויט דעם מענטשלעכן צער בעלי חיים. נישט שחיטה איז די כוונה, זיי מיינען נישט זיך צו קימערן מיט בהמות, זיי ווילן אונדז יידן אומברענגען.

זיי פאַרבייטן די שחיטה לויטן יידישן דין אויף בהמות, זיי וועלן אָבער דערלויבן צו שעכטן יידן לויט אַלע גזרות! לויט אַלע מעטאָדן, האָט ר׳ לייזער געטענהט.

דער ביטערער געפּיל האָט ר׳ לייזערן נישט גענאַרט, ליידער!

ר' צמח

דאָס יאָר האָט זיך ביי ר׳ צמחן געטיילט אויף צוויי תקופות, איין תקופה פון מוצאי שבועות ביז חנוכה און די צווייטע פון חנוכה ביז שבועות. אין משך פון דער ערשטער תקופה, אַ קיימאַ־לן פון אַרום זיבן חדשים האָט זיך ר׳ צמח געפונען אין פעלד, אין געפּאַכטעטן גאָרטן פון פּרוכטן פון גרינוואָרג, די אַנדערע חדשים פון יאָר, דאָס הייסט פון חנוכה ביז שבועות איז ער געווען אין שטעטל און די מערסטע צייט פאַרבראַכט אין בית המדרש.

ר׳ צמח האָט געלעבט מיט צוויי זאַכן, מיט תורה און געוויקסן. אַלע געוויקסן האָט ר׳ צמח געקענט פון דער תורה. יעדעס גרעזעלע אין פעלד, יעדע פּרוכט אין גאָרטן, יעדע בלום, יעדן בוים אין וואַלד און אין גאָרטן האָט ער געקענט לויט דעם מין און לויט דער משפחה פון תלמוד און פון מדרש.

אויף די פעלדער, וואָס ר׳ צמח האָט געפּאַכטעט איז אויך גע־וואַקסן פּיעטרושקע און רומיאַניק, קנאָבל און פּאַסטערנאַק, בריקעוו, בעב־לעך און אַרבעס. דאָס אַלץ האָט געהערט צו דער קאַטעגאָריע פון ירקות גרינוואָרג. צו דעם האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אַ סדרה פון תבואה: קאָרן און ווייץ, גערשטן און האָבער, קאַניטשינע און לוביען, פּראָסע און שע־מיען, וואָס נאָר די ערד האָט געקענט פון זיך אַרויסגעבן האָט ר׳ צמח פאַרזייט.

גרויס אויפמערקזאַמקייט און אינטערעס האָט ר׳ צמח געשאָנקען די פּרוכטן־ביימער, מיט זיי איז ער זיך באַגאַנגען ווי מיט אויסדערוויילטע, מיט אַ באַזונדער צערטלעכקייט, מיט ספּעציעלער ליבשאַפט און איבער־געגעבנקייט. אויפן קאָפּ האָט ער געדענקט וויפיל קאַרשן ביימלעך עס זענען פאַראַן אין גאָרטן, וויפיל עפּל און באַרנע ביימער, וויפיל פלוימען ביימער און וויפיל ביימלעך מיט יאַגעדעס, צו דעם האָט ער אויך גע־ווּסט אַלע סאָרטן פון די פּרוכטן, וואָס זענען אין גאָרטן אויף די ביימער און ביימלעך געוואַקסן. אין מיטן נאַכט, אַז מען זאָל אים אויפוועקן פון

שלאָף און אַ פרעג טאָן וואָס פאַר אַ פרוכטן עס וואַקסן, וואָלט ער גענענט־פערט, אַז כך וכך זענען פאַראַן באַרגעביימער מיט וויניוועקס, כך וכך מיט ציטרינוועקס, כך וכך שמאַלץ באַרגעס און דאָס זעלבע בנוגע עפל און אַנדערע פירות.

דעם רבונו של עולמס געוויקסן פאַרן זיך, פלעגט ר׳ צמח דערציילן און דערביי זיך פאַררופן אויף אַ מדרש רבה וואָס ברענגט, אַז „תמרה וארז יש לחם תאוה וכו׳, כיין שהרכיבו אותן עשתה פירות״. אָדער ער פלעגט פאַר אַן עדות צו זיינע ווערטער ברענגען אַ ציטאַט פון זוהר אויף דער פרשה אין דער סדרה ויחי, וואָס דערציילט אונדז: „עץ פרי דא ניקבא עושה פרי זכר״. הייסט עס דאָך, אַז געוויקסן באַהעפטן זיך ווי לעבעדיקע נפשות, מיט תאוה ווי אַ בעל־חי, פלעגט ער אויסטייטשן דעם זיוג הצמחים אויף גאָטס ערד״.

נישט נאָר האָט ר׳ צמח געקענט די אַלע געוויקסן ביי זיך אויף די געפּאַכטעטע פעלדער און אין גאָרטן, ווי אויך אין דער גאַנצער געגנט ביים ווייסל ברעג, ווו זיין שטעטל איז געלעגן, נאָר ער איז אויך געווען אַ גרויסער בקי אין די אַלע געוויקסן אין ארץ ישראל. ער איז געווען קלאָר אין יעדער גרעזעלע, אין יעדער בלום, אין יעדער רויז, אין יעדער פרוכט וואָס וואַקסט ביי די בערג פון יהודה, אויפן וועג פון ירושלים קיין יריחו, אָדער אַרום חברון. אַלע קרייטעכצער וואָס וואַקסן אין צפון און אין דרום, אין מזרח און אין מערב פון ארץ ישראל, די טאַבאַק בלעטער, אַרום דער דאָרף ריחא, די טייטלען און מילגרוימען, די פייגן און וויינ־טרויבן, וואָס וואַקסן אויף די גן־עדן ביימער, די קאַקטוס־ביימער, אַרום חברון, מאַנכע פון זיי וואָס ווערן אָנגערופן „אלון אברהם, אָדער אשל אברהם״ האָט ר׳ צמח געקענט אויף אויסנווייניק און דערציילט פון זיי מיט אַזאַ מתיקותדיקן לשון, אַז דאָס מויל פון צוהערער האָט אזש געוואַ־סערט פון חשק און אַפּעטיט.

אין ארץ ישראל איז ר׳ צמח קיינמאָל נישט געווען. די אַלע ירקות, צמחים, עצים און פרחים האָט ער געקענט פון אַ מאמר חז״ל, פון אַ מסכת, פון תנ״ך און פון אַנדערע ספרים, וואָס ער האָט געהאַט וועגן פאַרשיידענע פלאַנצונגען.

גאָר באַזונדערס איז ר׳ צמח געווען אַ געוואַלדיקער בקי אין ספר־

זרעים, אַלע מסכתאות; ברכות און פאה, דמאי און כלאים, שביעות, תרומות, מעשרות, חלה, ערלה און ביכורים האָט ער געוווסט מיט אַלע מפרשים פון די ראשונים ביז צו די אחרונים, ביז צום ברטנורא, ווי אויך די צוגאָב פּירושים פון תפארת ישראל, פון ווילנער גאון און אַנדערע.

צום ערשטן חנוכה ליכטל נאָכדעם ווי ר׳ צמח האָט שוין געהאַט אַראָפּגענומען אַלץ פון פעלד, די תבואה איז שוין געלעגן אויסגעדראָשן אין שפּייכלער, דאָס היי מיטן שטרוי אין שייער, די עפּל מיט די בארנעס אויסגעסאָרטירט אין קעלער און די קאַרטאָפל און אַנדערע גרינוואַרג אין די קאַפּצעס. דיביימער אין גאָרטן אַנגעטאָן אין שטרויענע מלבושים, — בכדי דער פראָסט זאָל זיי נישט אַרומנעמען און דערגרייכן די געדערים פון ציטערדיקן אינגעווייד. נאָך דעם ווי ער האָט אונטערגעשריבן מיטן פּריץ דעם פאַכט קאָנטראַקט אויפן נייעם יאָר, האָט ר׳ צמח איינגע־שפּאַנט די ביידע גניאדע שקאַפּעס אין דראַביאַסטן וואָגן, אַרויפגעלייגט אַלע שאר ירוקות און אַריינגעפאָרן אין שטאָט אַריין.

מיטן פאַרקויפן די פּרוכטן און גרינוואַרג האָט זיך פאַרנומען זיין פלונית מלכה, באַקאַנט אַלס אמתע אשת חיל. זי האָט עס געהאַט צו טאָן מיט די פּרוכטן מאַרק־זיצערינס, שוין געוווסט ווען וואָס פאַר אַ סחורה צו פאַרקויפן. העניע שלמהס, האָט זי געוווסט דאַרף מען פאַרקויפן אָנ־גערירטע עפּל, אָדער באַרנעס. זיסל ברוך־לייבס נעמט נאָר די גרינע עפּל אויף קאָמפּאָט, און פראַדל־שייעס, דאַרף מען צוגרייטן אויך עטלעכע קרענצלעך ציבעלעס, אַ פּאָר הייפּטלעך קרויט און צו אַ זעקל מייערן און בריקעוו. פאַר די געוועלבן פון פּרוכט און סאָדע וואַסער, ווי למשל פאַר: באַשע גרוניעס, זילפּע ביילעס און דעם קליינעם איציקל האָט מלכה יעדן טאָג צוגעגרייט בעסערע סחורה עפּל און באַרנעס און אַ שפּרענקעלע, דורכגעקליבן איינס און איינס ווי אויף אַן אָרשין געמאָסטן. חוץ דעם פלעגן נאָך קומען פּרייטיק אין דער פרי צו מלכהן אין קעלער, שטאָט באַלעבאָסטעס און אַליין אויסקלייבן אַביסל עפּל אויף קאָמפּאָט, אַביסל געטריקנטע יעגעלקעס און דאַרע באַרנעלעך, אַ קרענצעלע ציבעלעס מיט קנאָבל און נאָך אַנדערע גרינוואַרג און שבת־אויבס טאָקע לכבוד שבת.

ר׳ צמח האָט זיך אָפּגעגעבן נאָר מיטן פאַרקויף פון דער תבואה, נישט נאָר זיין אייגענע תבואה האָט ער פאַרקויפט. ער איז געשטאַנען אין

פֿאַרבינדונג מיט גרויסע תבואה סוחרים אין װאַרשע און אין לובלין און פֿלעגט אפֿילו באַקומען טעלעגראַמעס פֿון דער תבואה בערזע אין דאַנציג.

שבת־צו־נאַכטס, נאָך הבדלה פֿלעגן צו ר׳ צמחן אין הויז קומען תבואה סוחרים פֿון שטעטל טרינקען אַ הייסע גלאָז טיי פֿון סאַמאָװאַר און שמועסן װעגן מסחר, איבעררײדן װעגן די פּרײזן אויף די פֿאַרשײדענע סאָרטן תבואה, הערן װאָס ר׳ צמח האָט צו זאָגן און צו דערצײלן און אַזוי נישט קויפּנדיק און נישט פֿאַרקויפֿנדיק אָנהײבן די װאָך פֿון מסחר.

ר׳ צמח האָט באַװױנט אַן אײגענע שטוב, געבויט פֿון האָלץ, װאָס איז אָבער געשטאַנען אויף אַ געמויערטן פֿונדאַמענט פֿון רויטע ציגל און איז געװען פֿאַרדעקט מיט אַ בלעכערנעם דאַך. פֿון פֿאַרנט ביים אַרײַנגאַנג אַן אויסברוקירט בריקל פֿון שטײנער מיט עטלעכע הילצערנע טרעפּלעך און פֿון בײדע זײַטן געשיצט מיט הילצערנע פּאַרענטשעס אָפּגעמאָלעװעט אויף רויט. די טרעפּלעך האָבן אַרויפֿגעפֿירט אויף אַ גאַניק אין ערשט פֿון דעם גאַניק איז מען אַרײַנגעגאַנגען אין דער פֿיר־הויז פֿון שטוב. גרויס, רחבותדיקע, גרויסע צימערן, מיט קאַכלנע אויװנס אין יעדער צימער, געהײצט אויף ביערזאָװע האָלץ, װאָס האָט פֿונאַנדערגעטראָגן די װאַרעמקייט אין יעדן װינקעלע.

ר׳ צמחס דריי בנים זענען געװען מחוץ לעיר. דער עלטערער בחור, װאָס האָט שוין געהאַט אָפּגעצײלט דריי ספֿירות נאָך בר מצוה האָט געלערנט אין ראַדון, — אין דער ישיבה פֿון חפֿץ חיים ז״ל, דער ייִנגערער אין לאָמזשע און דער מיטלסטער צװישן זיי אין בריינסק ביי ר׳ שמעונען. די בוגרות האָט געלערנט ביי יוקל מייטערס שרײַבן פֿון אַ פֿאַרגרוס און לייענען פֿון אַ בריװנשטעלער, צו דעם אויך אַ פּרשה חומש.

פּסח און ימים נוראים זענען די זין געקומען אויף יום־טוב פֿון די ישיבות. אין שטוב איז געװאָרן פֿריילעך, מען האָט גערעדט פֿון לערנען. דער עלטערער בחור האָט איבערגעזאָגט אַ סוגיה, װאָס ער האָט געלערנט אין ראַדון, דער מיטעלער אַ פּשטל, װאָס ער האָט געהערט פֿון ר׳ שמעונען, אויך דער ייִנגערער איז נישט אָפּגעשטאַנען. דאָס הויז פֿון ר׳ צמחן איז געװאָרן אַ בית תורה. אַפֿילו די מאַמע מלכה, די אײביק פֿאַרשמאַכטע אין מסחרים האָט אויך באַקומען אַן אַנדער מראה, גאָר אַן אַנדער אויסזען, דרך ארץ פֿאַר תורה האָט באַלויכטן איר געזיכט, נישט איינמאָל האָט זי

מיטן עק פון ברייטן קיך־פאַרטוך אויסגעווישט אַ טרער פון די אויגן, וואָס האָט אויסגעדריקט נחת, פרייד, רעספּעקט צו די זין און רעספּעקט צו ר׳ צמחן דעם מדריך.

ווי גיך די קינדער זענען זיך ווידער צעפאָרן אין די ישיבות, גלייך נאָך פּסח, אָדער נאָך סוכות, איז דאָס הויז געוואָרן ווידער וואָכעדיק, פאַרשווונדן דער יום־טוב. ר׳ צמחן האָט געצויגן אין פעלד אַריין, אָנגע־הויבן בענקען נאָכן ריח השדה, נאָך די גראָזן און געוויקסן, נאָך יעדן זאַנג און נאָך יעדער בלימעלע. די שטאָט איז פאַר אים געווען ווי. אַן אָפּ־קומעניש. דאָס איינציקע, וואָס האָט נאָך אין אים איינגעהאַלטן דעם אָטעם פון חיות איז געווען דער בית־המדרש, און די מערסטע צייט פאַר־בראַכט בין כותלי הבית מדרש, דאָרט געזעסן און געלערנט, דאָרט מעין געווען אין ספרים און בעיקר עוסק געווען אין דער מסכה כלאים, וואָס לערנט אונדז די דינים וואָס די תורה האָט פאַרבאָטן צונויפמישן פאַר־שיידענע כלאימס, ווי למשל כלאים פון קליידער, וואָס איז באקאַנט אונ־טער דעם נאָמען „שעטנז״ אויב דער בגד איז געמאַכט פון וואָל און פלאַקס צוזאַמען. כלאים פון בעל חי — פון בהמות, אַז מען טאָר נישט צונויפפּאָרן (מרביע זיין) צוויי פאַרשיידענע מינים בעלי־חיים און, אַז מען טאָר נישט איינשפּאַנען אַ פערד און אַן אָקס אין אַ וואָגן, אָדער טאָן מיט זיי אַנדערע אַרבעטן כלאים פון פעלד און גאָרטן געוויקסן. (כלאי זרעים) אַז מען טאָר נישט פאַרזייען צוזאַמען צוויי פאַרשיידענע מינים געוויקסן, דאָס זעלבע ביי ביימער, — מען טאָר נישט מרכיב זיין. דאָס הייסט אַריינפלאַנצן אַ צווייגל פון איין מין בוים אין אַ צווייטן מין בוים. כלאי הכרם, אַז מען טאָר נישט פאַרזייען אין קיין ווייגאָרטן קיין אַנ־דערע מינים געוויקסן.

ר׳ צמח האָט געקענט די דינים פון כלאים ביי אַלע סאָרטן תבואות און ביי אַלע סאָרטן צמחים, כלערליי מינים פון קטניות און פון ירקות־גרינוואַרג. בעתן לערנען, זיצנדיק אין בית מדרש, האָט ר׳ צמח זאָגנדיק אויפן קול די גמרא עברי געפילט יעדעס געוויקס, ווי ער וואָלט עס אין זיין האַנט געהאַלטן. איין אויג פאַרזשמורעט, וואָס האָט באַדייט מחשבה און דאָס צווייטע אויג אָפן, — דער אויסדרוק פון ראיה, — פון זען קלאָר. בעת ער האָט אַרויסגערעדט די „ווערטער״ הקישוא והמלפפון —

אוגעריקעס און זיסער מעלאָן, זענען נישט קיין כלאים, אָבער גערשטן און קאָרן זענען יאָ כלאים, האָט מען באַמערקט, אַז ר' צמחן איז דאָס נישט קיין פרעמדע זאַך. נאָר, אַז ער פילט זיך היימיש, ווי אין דער היים, אַז דאָס זענען פרוכטן און תבואות, וואָס ער האָט ביגיעת כפיים אַליין געאַקערט, געזייט און געשניטן.

ר' צמח האָט שטרענג אָפּגעהיט די דינים פון כלאים און זיי פּראַקטיצירט אין זיינע געפּאַכטעטע פעלדער, פּאַר וואָס די פּריצים, ביי וועמען ער האָט די פעלדער און גערטנער געפּאַכטעט אָדער די שכנים, וועמענס פעלדער עס האָבן זיך געגרעניצט מיט זיינע, — האָבן אים גאָר שטאַרק געאַכטעט און צו אים זיך באַצויגן מיט גרויס דרך־ארץ. אויב, למשל, ר' צמח האָט געוווסט פון אַ דין אין מסכת כלאים, אַז „אין סומכין לשדה תבואה חרדל וחריע — אַז מען טאָר נישט נעבן שכנס פעלד פון תבואה פאַרזייען זענעפט, ווייל עס ברענגט שאָדן דער תבואה אין געוויקס, האָט ער דעם דין אָפּגעהיט בכל החומר — מיט דער פולער האַרבקייט.

צוויי געשטאַלטן האָבן געפירט אַ ויתרוצצו ביי ר' צמחן: אייגער, ד'ער תבואה־סוחר, דער שטאָט באַלעבאָס, דער גבאי איז גרויסן בית־המדרש און דאָס צווייטע געשטאַלט ביי ר' צמחן דעם סאַדאָווניק, דעם פעלד־מענטש, דעם גערטנער, דעם יגיע כפיימניק, דעם צערטלער פון יעדן בוים, פון יעדן גרעזל, פון יעדער רויז און יעדער בלום. ר' צמח אין זיינע בין השמשות־שטימונגען אין זיין אַריינטראַכטן זיך אין די יסודות פון קיום פון דער וועלט און גאַנץ באַזונדערס אין די פיר עיקרים פון גאָטס יצירה, נעמלעך: דומים, צומחי חי און מדבר איז אים דעם מדבר, דאָס העכסטע פון די פיר עיקרים, געוועזן מער ניחה צו האָבן צו טאָן מיט צומח און חי — זיך צו געפינען צווישן געוויקסן אויף גאָטס ערד און מיט דער מיטהילף פון די בעלי חיים באַאַרבעטן די פעלדער, אַכטונג געבן אויף די גערטנער און מקיים זיין דעם געבאָט: „בזיעת אפיך תאכל לחם".

די חדשים, בעת ר' צמח האָט באַדאַרפט זיין אין שטאָט, אַלס תבואה סוחר האָבן אים נישט צופרידנגעשטעלט, אויך פיזיש האָט ער זיך נישט גוט געפילט, עפּעס פאַרשיידענע מיחושים האָבן בסדר דערקוטשעט זיין גוף, קיינמאָל זיך נישט געפילט ווי מיט אַלעמען. אין גאָרטן, אויפן פעלד אָבער, צווישן די תבואה־זאַנגען, צווישן די פאַרשיידענע בייטן מיט גרינ־

וואַרג, צווישן די פּרוכטן־ביימער, אונטער די פרייע הימלען האָט ר׳ צמח ווי אָפּגעאָטעמט, אַלע זיינע גלידער זענען אָפּגעפרישט געוואָרן און אַלע מיחושים פאַרשוווּנדן.

דאָס עשׂרות און גדלות האָט ר׳ צמח געזען אין פעלד, אין גאָרטן, וואָס איז דער העכסטער און אמתער אויסדרוק פון יצירת אלוהים, פון גאָטס באַשאַף. די שטאָט וואָס איז יצירת האדם דער באַשאַף פון מענטש פלעגט ר׳ צמח זאָגן, פאַרשטעלט די יצירה פון בורא עולם.

בעת אַזעלכע מחשבות, אין שעהן פון חשבון הנפש האָט תמיד דער סאַדאָווניק, דער גערטנער מנצח געווען דעם תבואה־סוחר, דעם שטאָט־מענטש אין דער פערזאָן פון ר׳ צמחן!

ר׳ הערצקע

ר׳ הערצקע איז געווען אַ שם דבר אין שטעטל. אַלע האָבן אים גע־קענט, קינד און קייט, אָרעם און רייך, אין שול, אין בית מדרש, אין אַלע חסידים־שטיבלעך. אומעטום איז ער געווען פול. וואָרום וואָס איז דען ר׳ הערצקע נישט געווען? האָט מען, למשל, באַדאַרפט אימיצן אויסקאַלכן אַ פינצטערן אַלקער, אַדער אויסצוקלעפּן אַ שטוב מיט אביטשעס, אַדער אי־בערצופאַרבן אַן אַלטן בגד, שרייבן מיט כתיבעט אותיות אַ כתובה, אַ גט — רחמנא לצלן, אַדער איבערזען אַ מזוזה, אַ פּאָר תפילין, געדענקען אַ יאָרצייט, אויסחשבונען אויפן קאָפּ עמיצינס אַ געבורטסטאָג בכדי פעסטצושטעלן דעם זמן בר־מצוה — האָט אַלץ געטאָן און געוווּסט ר׳ הערצקע.

נידעריק אין וווּקס, מיט אַ באַלכסונדיקע נאָז מיט צוויי טיף איינ־געגראָבענע אויגן ביי די זייטן, אַ שוואַרץ בערדל, וואָס איז געוואַקסן מער אין דער ברייט ווי אין דער לענג, האַלב געקרייזלטע פּאות, אַ שמאָ־לער גוף באַהאַנגען מיט אַ ברייט צייגן־כאַלאַטל, לייכטע שטיוול, מיט ווייכע כאַלעוועס כמעט ביז צו דער קני, אַ יאַרמולקע און סאַמעטן היטל אויפן קאָפּ, דער קאָפּ איז געווען פאַרשטעלט מיט דער יאַרמולקע, דער שטערן מיטן היטל, דער דאַשעק פון היטל האָט געגרייכט ביז צו די אויגן־ברעמען, אפילו דער שטערן זאָל זיך נישט אַרויסזען, בכדי צו זיין אָפּגעהיט פון גילוי ראש.

אַ סך מלאכות! אָבער קיינמאָל האָט זיך, חלילה, הערצקע נישט באַ־קלאָגט אויף ווינציק ברכות, תמיד געווען אַ שמח בחלקו. אים האָט נישט געאַרט וואָס די שטאָט באַלעבאַטים האַלטן אים פאַר אַן אביון. וואָס איז? — פלעגט ער מיט רוגזא זאָגן: איך בעט דען ביי אימיצן, חלילה, אַ גמילת חסד. איך בין רייכער פון אַלעמען, דער בורא עולם פאַרלאָזט מיך נישט, הלואי אויף ווייטער נישט ערגער. צו גאָט ברוך הוא דערלייגט מען נישט, ער גיט צום לעבן. אַ מענטש, דערצו אַ ייד, טאָר נישט זינדיקן; ער טאָר זיך נישט באַקלאָגן, וואָס אימיצער עסט קאָפּ־

הענער און ער דאַרף עסן סטינקעס; אַ מענטש לעבט נישט בכדי צו עסן, ער עסט נאָר בכדי צו לעבן. איז דעריבער קיין חילוק נישט וואָס מען עסט. אַבי איינצוהאַלטן דאָס ביסל חיות.

דערביי פלעגט נאָך ר׳ הערצקע נאָכדערציילן אַ וואָרט, וואָס ער אַליין האָט געהערט פון קליינעם יאַנקעלע דעם פעלדשער וואָס האָט געזאָגט, אַז פון גוט עסן קרענקט מען מער. אַז אַלע פּרעסערס קרענקען אויפן מאָגן, אויפן לעבער, אויף דער גאַל! — אַזש געלע פלעקן שפּרינגען זיי אַרויס אויפן פּנים. ער אָבער, ליידט נישט אויף קיין שום מחלה, ווייסט אפילו נישט וואָס ציין־ווייטיק איז; איי די מערידן זערקוטשען אַמאָל מיט אַביסעלע בלוט פון דרויסן, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון עצירות, אַרט דאָס אים נישט. די גאַנצע וועלט זאָגט, אַז קדחת און מערידן זענען קיין קראַנקהייטן נישט.

פון זיינע פאַרדינסטן האָט נאָך ר׳ הערצקע אָפּגעשפּאָרט עטלעכע גראָשן, ער זאָל קאָנען געבן אַ נדבה בסתר, אַוועקטראָגן אַ היץ־קראַנקן אַ בראָקאָווגעם אפעלסין, אַביסעלע מאַלינע סאָק, פּריטיק פּאַרנאַכט אַוועקטראָגן אַ חלה אויף קידוש, ליכט צו בענטשן און שבת אינדערפרי, גלייך נאָכן דאַווענען, צונויפזאַמלען אַ גרויסן קויש חלות און ברויט, וואָס ער פלעגט באַקומען פון יידישע הייזער און אַוועקטראָגן אין הכנסת אורחים.

טאָמער האָט, חלילה, אין שטעטל געטראָפן אַן אומגליק, עס איז אויסגעבראָכן אַן עפּידעמיע און מען האָט באַדאַרפט לשם סגולה שטעלן אַ חופה אויפן בית־עולם, האָט שוין ר׳ הערצקע געוווסט וועמען מען באַדאַרף מזווג זיין. האָט אַליין אַוועקגעטראָגן די חופה אויפן הייליקן אָרט, איז אַליין געווען דער מסדר קידושין, האָט אַליין צונויפגעזאַמלט אַ מנין יידן און זיי מכבד געווען מיט אַ לחיים פון אַ מאַנאָפּאָלקע, חתן־כלה מיט ווייַן און מכוון געווען אויף לחיים ולא למות, פאַר אַלע יידן...

חלילה אַ מת אין שטעטל, האָט ר׳ הערצקע זיך מטפל געווען מיט דער טהרה, אויפגעניייט די תכריכים, אויסגעמאָסטן דעם קבר און אַז עס איז קיין קדיש נישט געבליבן, האָט ער אָפּגעהיט די גאַנצע עלף חדשים און געזאָגט קדיש.

אַן אָרעמע קימפּעטאָרין האָט ר׳ הערצקע פאַרזאָרגט מיט אַרבעס און

סאָדע וואַסער צום שלום זכר און אַליין אויפגעקלאַפּט די שיר המעלותן, פאַרן ברית, די לעצטע נאַכט, אויפגעוועקט און געוואַכט, אַז דער שטן זאָל חלילה נישט האָבן קיין שליטה, געזאָגט תהילים און כלערליי יהי רצונס.

די מצווה פון הכנסת כלה האָט זיך ביי ר׳ הערצקען אָנגעהויבן פון אַליין צונויפפירן שידוכים, פלוני בן פלוני, פאַרשדכענען צו בת פלוני און נישט איין מאָל האָט פּאַסירט, אַז ער האָט צוגעהאָלפן ביים סילוקן דעם נדן.

אַז ר׳ הערצקע איז געגאַנגען אין גאַס האָבן אַלע געוווסט, אַז ער גייט נישט אומזיסט, אַז ער איז פאַרנומען מיט אַ דבר מצוה. ער איז נישט געגאַנגען, נאָר געלאָפן. ווער האָט אים דען געקענט נאָכיאָגן, נאָכלויפן. קיין עין הרע זאָל אים נישט שאַטן — האָבן יידן און יידענעס געזאָגט, — זאָל דער רבונו של עולם אים געבן כוחות. ער באַשטייט דאָך פון צען, ער לויפט דאָך ווי פייל פון בויגן, נישט אַנדערש ווי מלאַכים טראָגן אים אויף זייערע פליגלען.

ר׳ הערצקע האָט זיך פאַרנומען מיט נאָך אַן אַרבעט, וואָס איז ביי אים נישט געווען קיין מלאכה, נאָר וואָס ער האָט באַטראַכט פאַר אַן עבודה — פאַר עבודת הקודש. ער האָט זיך פאַרנומען מיט תיקון ספרים — איינבינדן צעריסענע ספרים. דאָס האָט ער געטאָן נישט לשם פרנסה, נאָר לשם מצווה. צונויפנעמען אַלע שמות און זיי איינבינדן איז ביי ר׳ הערצקען געווען די הייליקסטע אַרבעט. איין קלייניקייט כריכת השמות, מתקן זיין די נשמות פון די הייליקע תורה־אותיות האָט ר׳ הערצקע אָפּגעהיט מיט גרויס קדושה. ווו נאָר אַ בלעטל פון אַ חומש, פון אַ סידור, פון אַ גמרא, פון אַ משניות, פון סתם אַ ספר, אַבי אויפן בלעטל האָבן זיך געפונען די אותיות פון לשון קודש האָט ר׳ הערצקע צוזאַמענגענומען און איינגעבונדן. איי עס זענען געווען בלעטער פון פאַרשיידענע ספרים, דאָס האָט הערצקען נישט געאַרט. ער האָט איינגעבונדן די בלעטער אפילו אָן אַ סדר, אַבי עס זאָלן זיך נישט וואַלגערן קיין שמות.

ביי מענטשן זענען פאַראַן צוויי זאַכן — פלעגט ר׳ הערצקע זאָגן: תיקון הגוף און תיקון הנשמה. די הייליקע אותיות זענען אָבער כולהו נשמה, ווייל זיי גיבן דאָך איבער דעם גייסט פון אונדזער הייליקער תורה, הייגט ווי איז מען עס נישט מתקן, ווי בינדט מען עס נישט איין

די שמות צוזאַמען, בכדי יידן זאָלן פון זיי לערנען און דורך דעם געבן די אותיות אַ תיקון.

הלוית המת, פלעגט ר׳ הערצקע זאָגן, געהערט דאָך צו די מצות פון אילו דברים שאין להם שיעור, איז ביי אַ מענטש, אַז ער שטאַרבט חלילה, דאַרף מען אים מקבר זיין, וואָס קאָן מען דען העלפן, גאָט האָט געגעבן און ער נעמט צו צוריק ווי אין פסוק שטייט: הה״ נתן והה״ לקח. אָבער ביי דער תורה איז גאָר עפּעס אַנדערש. די תורה איז איינמאָל געגעבן געוואָרן פון הימל און די הימלען פאַרלאַנגען די תורה נישט אויף צוריק. די הימלען ווילן בלויז אַז יידן זאָלן עוסק זיין אין דער תורה, זי אָפּהיטן און פון איר לערנען. ר׳ הערצקע איז נישט מסכים געווען מיטן מנהג צונויפצונעמען די שמות, זיי אַוועקפירן אויפן הייליקן אָרט און דאָרט מקבר זיין. דער בעסטער תיקון פאַר די שמות, האָט ער געהאַלטן, איז ווען מען בינדט זיי איין, בכדי יידן זאָלן פון זיי לערנען.

פאַר איינבינדן אַ ספר האָט ר׳ הערצקע קיין געלט נישט גענומען. די מצוה איז געווען זיין שכר. שפּעט ביינאַכט, נאָך אַן אַרבעטס־טאָג, פלעגט ער שטיין ביי אַ קעראָסין לאָמפּ און מיט דער כוונה פון עבודת הקודש איינבינדן ספרים. אַזוי ווי דער סופר וואָס שרייבט די תורה איז מדקדק אויף יעדן אות, איז מכוון די מחשבה וואָס יעדער פּסוק אַנטהאַלט, אַזוי האָט ער, הערצקע, אויך מכוון געווען אויף יעדעס וואָרט וואָס די שמות האָבן אַנטהאַלטן.

דעם טאָג האָט ר׳ הערצקע געאַרבעט בכדי צו פאַרדינען אויף לעבן. ביינאַכט האָט ער געלעבט מיט דער אַרבעט. בייטאָג האָט ער געטאָן אַ מלאכה, ביינאַכט איז ער עוסק געווען אין עבודה — אין עבודת קודש. קרובים און מקורבים פון ר׳ הערצקען האָבן דערציילט, אַז ביים איינבינדן די ספרים האָט ער גאָר באַקומען אַן אַנדער אויסזען, אַן אמתע מראה כהן, אַז ער האָט אויסגעזען ווי דער כהן גדול אין קדשי קדשים... בייטאָג, ביי דער אַרבעט, אַלס פאַרבער, אַלס קלעפּער, אַלס קאַלכער, געטריבן פון עול חיונה, האָט ר׳ הערצקע אויסגעזען ווי יעדער בר־נש, ווי אַ פּשוטער בשר ודם, ביי דער אַרבעט ביינאַכט, ביי עבודת הקודש, ביי תיקון ספרים, האָט מען געזען אַן אַנדער מענטשן, ווי ער וואָלט באַ־

קומען אַן אַנדער געשטאַלט, ווי ער וואָלט זיך מתיחד געווען מיט דער תורה.

ר׳ הערצקע האָט זיך געגרייט צו דער אַרבעט פון איינבינדן ספרים. זיך אַריינגעכאַפּט נאָך מעריב אין מקוה, זיך טובל געווען, נאָכהער עפּעס טועם געווען און זיך גענומען צו דער עבודה, צוגעגרייט אַביסל קלייַ וואָס ער האָט אַליין געקאָכט פון קאַשטאַן־מעל. געלאַסן, פּאַמעלעך דורכגעקוקט יעדע שמה, זי אויסגעגלייכט, איבערגעזען צי עס איז נישט פאַראַן קיין אָפּגעריבן אות, צי אַ פּסוק איז נישט פאַרגאָסן מיט חלב פון אַ ליכטל. אויב יאָ, אַראָפּגענומען דעם חלב, דעם אָפּגעריבענעם אות, מיט אַ פעדער פון אַן עוף איבערגעשריבן, מיט אַביסעלע זאַמד געלאָזט אָפּטריקענען, און אַזוי אַרום מתקן געווען די הייליקע אותיות פון דער תורה.

אין שטעטל איז אַרומגעגאַנגען אַ ווערסיע, אַז ווייל ר׳ הערצקע האָט אַזוי שטאַרק אָפּגעהיט די שמות, ווו עס זענען פאַרשריבן די דברי ה׳״, האָט מען אין הימל זיין אַרבעט פאַררעכנט ווי ער וואָלט מקיים געווען די גאַנצע תורה און אַז ער האָט זוכה געווען צו זיין אַ שם דבר אויך בשמים.

ר׳ פתחיה

ר׳ פתחיה פלעגט גיין אין בית מדרש אַריין אָפּוואַרטן דעם פרי־מאָרגן. אַ מנין יידן האָבן זיך אַזוי נוהג געווען אין שטעטל ווי למשל: יהודה־הערש דער שניידער, איציקל דער טרעגער, יעקב זבולנס דער קאַ־ראבעלניק, משה איטשע דער שוסטער, בערל דער טאַנדעטניק, יודל דער בלעכער, צדוק דער בעדער, שלום דער קצב, בעריש דער טשעשלער און ר׳ פתחיה דער פאַרבער.

אַריינקומענדיק אין בית המדרש האָט איינער דעם אַנדערן גע־ווונטשן, אַז אַ גוטער מאָרגן זאָל קומען. ווייל עס איז נאָך געווען שטאָק פינצטערע נאַכט און דער פרימאָרגן האָט ערשט באַדאַרפט אָנקומען און פאַרבייטן פינצטערניש אויף ליכט.

וואָס טוען יידן אין בית־מדרש אַזוי שפּעט אין דער נאַכט, ערב באַגינען, מען זאָגט תהילים און ר׳ פתחיה איז דער ראש המנין, דער זאָגער פסוק ביי פסוק און דער עולם זאָגט נאָך וואָרט ביי וואָרט...

בעת דער באַגינען קומט שוין מיט מזל אָן, מען קאָן שוין דערקענען צווישן ווייס און בלוי, שטעלט מען זיך דאַווענען מיט מנין. דער וואָס דערקענט דעם פרימאָרגן — דער וואָס פאַרשטייט אונטערצושיידן צווישן די קאָלירן פון ווייס און בלוי איז ר׳ פתחיה דער פאַרבער. ער איז דאָך אויסגעבונדן מיט די קאָלירן, ער קאָן דאָך פון שוואַרץ מאַכן ברוין, און פון ברוין שוואַרץ, — איז ברוין און שוואַרץ קאָן ער אונטערשיידן אפילו ביינאַכט, באַגינען איז ער דער ערשטער אונטערצושיידן צווישן ווייס און בלוי און אויף זיין פעסטשטעלונג הייבט מען אָן די תפילות פון שחרית צום רבונו של עולם, און מיט גרויס לויב איז מען מקבל גאָטס פרימאָרגן בין כותלי בית המדרש.

דער בעל עמוד איז ר׳ פתחיה, מאָנטיק, דאָנערשטיק און שבת, אויך דער בעל קורא, שבת נאָכמיטיק, לערנט ר׳ פתחיה מיט די זעלבע יידן אַ פרק משניות, זומער פאַרטייטשט ער זיי אויך דעם פרק, און ווינטער דעם ברכו נפשי.

נאָכן דאַווענען איז זיך יעדער געגאַנגען צו זיין אַרבעט. ר׳ פּתחיה איז געגאַנגען אַרבעטן אין דער פאַרבעריי. אַן איינגעמויערטער קעסל אין אַ ציגל אויוון, אַן אָפּגעבראָכענער שטעקן פון אַ בעקערישער לאָפּעטע, ערדענע קריגלען מיט פאַרשיידענע פאַרבן. אַ קאַדעשקע אויף וואַסער און צוויי הילצערנע עמערס, איינער מיט אַ לענגערן שטריק, אַ פּאָר קרע־מעשלעס און עטלעכע דראָטן איבערגעצויגן לענג אויס דעם סופיט האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט די פאַרבעריי פון ר׳ פּתחיהן.

אין הלכות פאַרבעריי איז ר׳ פּתחיה געווען אַ גרויסער מומחה, נישט געווען זיין גלייכן אין גאַנצן געגנט. ראשית האָט ער געוווּסט דלינא, וואָס מען טוט מיט אַ בגד, וואָס איז געפאַרבט געוואָרן מיט פאַרב מאַטעריאַלן, וואָס מען האָט אַרויסבאַקומען פון ערלה. ער האָט געוווּסט אַז אין חומש, אין דער סדרה ויקרא ווערט געלערנט, אַז ווען מען פלאַנצט אַ בוים (עץ מאכל) — אַ פרוכטן בוים, זענען די פּירות פון די ערשטע דריי יאָר „ערלה״, מען טאָר זיי נישט עסן און נישט קיין הנאה האָבן, מען דאַרף זיי פאַרברענען, היות עס זענען פאַראַן פרוכטן, פון וועמענס שאָלעכץ מען באַקומט אַרויס פאַרב־מאַטעריאַלן ווי למשל: שאָלעכץ פון ניס און פון מילגרוימען, זאָגט דער דין, אַז אויב מען האָט געפאַרבט מיט פאַרב פון דער שאָלעכץ פון ערלה פּירות, דאַרף מען דאָס קלייד פאַרברענען און מען טאָר דאָס נישט טראָגן אויף זיך. די גאַנצע פלוגתא צווישן ר׳ מאירן און די חכמים אין דער מסכת ערלה פון סדר זרעים בנוגע אַ בגד, וואָס איז געפאַרבט געוואָרן מיט ערלה פאַרב און האָט זיך אויסגעמישט מיט אַנדערע קליידער און מען קאָן נישט דערקענען וועלכער בגד עס איז, — האָט ר׳ פּתחיה געדענקט אויף אויסנווייניק. דערפאַר, אַז אימי־צער האָט געוואָלט אָפּפאַרבן אַ שטיקל בגד אויף כשר, אַן אַלטן חתונה מלבוש, דאָס חופּה קלייד, דאָס צייגענע כאַלאַטל, וואָס איז אָפּגעקראָכן פון דער זון, אָדער סתם באַנייען אַ בגד דורך איבערפאַרבן אויף אַ שפּאָגל נייעם קאָליר, — איז מען מיט דעם געגאַנגען צו ר׳ פּתחיהן, מיט אים זיך געהאַלטן אַן עצה אויף וואָסערע קאָליר צו פאַרבן און וואָס ר׳ פּתחיה האָט געזאָגט איז געווען הייליק.

אויף אונטערשיידן קאָלירן איז ר׳ פּתחיה געווען אַן עקספּערט. ער האָט געוווּסט דעם אונטערשייד פון גאָלד קאָליר ביזן קאָליר פון אַ

געלכל פון אַן איי, אָדער למשל דעם חילוק צווישן גרין ווי גראָז און גרין ווי אַן אתרוג. ר׳ פתחיה איז געווען שטאָלץ מיט זיין מלאכה אַלס פאַר־בער. ער האָט תמיד געזאָגט, אַז דער יחוס פון זיין מלאכה ציט זיך נאָך פון די אמוראים, ווי למשל ר׳ עמרם, ר׳ אבא הושעיא החסיד, וועלכער האָט זיך מפרנס געווען פון פאַרבעריי און וועשעריי. ר׳ פתחיה פלעגט דערציילן, אַז אין ירושלים מיט הונדערטער יאָרן צוריק זענען געווען יידן, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט פאַרבעריי און דערביי זיך פאַררופן אויפן רמב״ם, וועלכער האָט אין יאָר 1250 געפונען פאַרבער־יידן אין ירושלים. גאַנץ באַזונדערס איז ער געווען שטאָלץ מיטן פאַקט, וואָס צו דער מלאכה פון פאַרבעריי געהער אויך דאָס פאַרבן טליתים, און, אַז מיט דעם איז פאַרבונדן דער ענין תכלת. היינט ווער נאָך ווי ער, איז אַזאַ מבין אויפן עכטן חלזון?

ר׳ פתחיה האָט אויך פאַרשטאַנען צו אונטערשיידן קאָלירן, וואָס איז נוגע הלכות שחיטה. למשל: ער האָט געקענט פעסטשטעלן די מראות הפוסלות און די מראות הכשרות, — די 4 קאָלירן ביי אַ שאלת ריאה לויט וועלכע מען זעט דעם סימן טריפה, און די 4 קאָלירן לויט וועלכע עס איז כשר. די קאָלירן פון סימן טריפה איז נישט אַזוי שווער פעסטצושטעלן, ווייל דאָס זענען בולטע פאַרבן ווי למשל: גרין, שוואַרץ, ווייס און געלב־לעך. נישט לייכט איז אָבער צו אונטערשיידן די קאָלירן, לויט וועלכע מען באַדאַרף פעסטשטעלן דאָס כשרות, ווייל דאָס זענען קאָלירן, וואָס האָבן אַן ענלעכע מראה, ווי למשל: רקיע, עשבים, כוחלא און אדומה, — דער בלוילעכער קאָליר פון רקיע און דער גרינלעכער קאָליר פון עשבים. און אויך אויף דעם איז ר׳ פתחיה געווען אַן עקספערט ממש.

כאָטש ר׳ פתחיה איז געווען אַ פאַרבער פון קליידער, האָט מען זיך מיט אים אויך געהאַלטן אַן עצה בעת עס האָט זיך געהאַנדלט אין אויס־מאָלעווען דעם בית־המדרש, אָדער די גרויסע שול. די גבאים און די מאָ־לערערס האָבן שוין געוווסט, אַז אָן ר׳ פתחיהן וועט מען אַזוי גיך נישט אַנטשיידן דעם קאָליר פון דער פאַרב, וואָס פאַסט פאַר אַ מקום קדוש. ר׳ פתחיה האָט צוזאַמענגעשטעלט דעם עין־הצבע, דאָס „אויג" פון דער פאַרב, וואָס האָט געשאַפן דעם ריכטיקן קאָליר.

אין בית המדרש, בשעת תפילה, אָדער בעת ער האָט געזאָגט תהי־

לים, צי געלערנט אַ בלאַט גמרא, — האָט מען נישט געקענט דערקענען אויף ר׳ פּתחיהן, אַז ער איז אַ פאַרבער. קיין קאַנטיקער סימן פון פאַרב אויף זיינע בגדים, קיין סימן פון פאַרב אויף זיינע הענט, חלילה! פאַרן אַרויסגיין פון דער פאַרבעריי האָט ער איבערגעטאָן זיין הלבשה, געוואַשן דאָס פּנים און די הענט עס זאָל נישט בלייבן קיין סימן פון פאַרב. ר׳ פּתחיה האָט אָפּגעהיטן לדינא, וואָס די גמרא זאָגט אין מסכת מגילה: „מי שהיו ידיו צבועות לא ישא את כפיו״. היות דורך צבע, — דורך פאַרב קאָן זיך דאָך באַקומען אַ שנוי פּנים, — אָן אַנדער אויסזען פון געזיכט, האָט ער שטאַרק אָפּגעהיטן און מדקדק געווען, אַז בזמן תפילה, אָדער בעת לימוד התורה זאָל ער חלילה נישט האָבן קיין געפאַרבטן אויסזען, בכדי אין די הימלען זאָל מען אים נישט אָננעמען פאַר קיין אַנדערן.

פאַרב, פלעגט ר׳ פּתחיה טענהן, איז געמאַכט געוואָרן צו ענדערן דעם אויסזען פון זאַכן, אָבער נישט פון מענטש. דערביי געברענגט אַ ראיה פון אַ גמרא אין כתובות, וואָס זאָגט: „ועל כלה נאה בטבע נאמר: לא כחל ולא שרק ולא פרכס ויעלת חן״. ר׳ פּתחיה האָט מיט דעם געוואָלט אונטערשטרייכן, אַז נאָר מיט נאַטירלעכקייט, מיט אמתער עכטקייט, מיט פּשטות, נישט באַפאַרבט און נישט געקינצלט, קען מען נושא־חן זיין ביים רבונו של עולם.

ר׳ פּתחיה האָט זיין אָרעם לעבן אויסגעלעבט צווישן אביונים און אויך פון זיי געצויגן זיין חיונה, וואָרום, פלעגט ער זאָגן, ווער דען גיט איבערצופאַרבן אַן אַלטן בגד, אויב נישט אַן אָרעמאַן, זיי, די גבירים, זיי באַדאַרפן דאָך נישט אָנקומען צו קיין פאַרבער, זיי גיבן צו נייען שפּאָגל נייע מלבושים, אַנדערע פאָרן גאָר אין דער גרויסער שטאָט אַריין און מאַכן זיך דאָרטן גאַנצע „וויפּראַוועס״. אָבער, מען באַדאַרף נישט האָבן קיין תרעומות אויף קיינעם, זאָל דער בורא עולם העלפן אין זייער רייכטום די אדירים, און נישט פאַרלאָזן די עניים. דער „לכו והתפרנסו זה מזה״ איז משמעות אויך חל אויף אָרעמע לייט, אַט זעט אַ לעבעדיקן ביישפּיל: פון כמה יאָרן זענען מיר אַ מנין יידן, וואָס האַלטן זיך צוזאַמען, מתפּלל צוזאַמען, זאָגן תהילים און לערנען צוזאַמען, דער ערשטער

מגין אין בית מדרש צו שחרית און אויך דער ערשטער מגין צו מנחה, און ביי פרנסה־זאכן אויך צוזאמען, איך, למשל, פארב די בגדים פון אלעמען, משה איטשעס דער שוסטער פאַרריכט אונדז אַלעמען די שיך, ביי שלמהן דעם קצב קויפן מיר אַלע אַ שטיקעלע פון אַ לונג און לעבער, אָדער אַ גריישל לכבוד שבת, יהודה הערש דער שניידער פאַרריכט און פאַרלאַטעט אונדזערע קליידער, מאַכט זיי גרייט צום איבערפאַרבן, און ביי וועמען פאַרלייטן מיר די סקאַוואַראַדע, דעם קופערנעם לאַק, דעם בלעכענעם העמער, דעם ריב־אייזן, די מעשענע קוואַרט, — אויב נישט ביי יודלען דעם בלעכער. אויך יעקב זבולנס דער קאַראַבעלניק, וועלכער קויפט אויף אַלטוואַרג ביי די ערלים פון די דערפער, פאַרקויפט ער דאָס צו בערלען דעם טאַנדעטניק, און ער ניצעוועט עס איבער, גיט עס מיר צום פאַרבן און מאַכט פון דעם חיונה. היינט ביי ר׳ צדוקן אין באָד, זענען מיר אויך די ערשטע, סיי פרייטיק און סיי אַלע טאָג פון אַ גאַנצער וואָך, מער נישט ר׳ איציקל דער טרעגער און ר׳ בעריש דער טשעשלער דאַרפן שוין אויך אָנקומען נאָך פרנסה צו אַנדערע, איציקל איז דער מעל־טרעגער אין דער פאַראַוואָר מיל, און טראָגט דאָס מעל אויך אין די בעקערייען, און בעריש מאַכט וויטרינעס, טירן, פענצטער, אָבער, אַז עס קומט צו פאַרריכטן אַ טישל, אָדער אַ בענקל, אָדער גאָר די שלאָף־באַנק, גיבן מיר אַלע די אַרבעט טאַקע ר׳ בערישן, הייסט עס, אַז מיטן אויסנאַם פון ר׳ איציקלען, זענען מיר זיך מפרנס איינער פון אַנדערן, איז דאָך משמע, — פלעגט ר׳ פּתחיה קומען צום אויספיר, אַז בחברותא קאָנען אָרעמעלייט אויך איינער פון אַנדערן זיך מפרנס זיין, דער עיקר איז נאָר די חברותא.

ר׳ פּתחיה איז טאַקע געווען אַ חברותא ייד, נישט נאָר ביים דאַווענען אין לערנען און ביי פרנסה, נאָר אויך חו׳ אין אַן עת צרה, — אין אַ נויט פאַל. איז געווען נויטיק אַ תמיכה בסתר פאַר אימיצן בעת אַ שלאַפקייט, אָדער פאַר אַ שמחה צוועק, — עס האָט באַדאַרפט זיין אַ חתונה ביי אימיצנס אַ קינד, און דער איינציקער עיקוב איז געווען די חתונה אויסשטאַטונג, דאָס מאַלצייט און אַמאָל אויך בעת עס האָט געפעלט צו סילוקן דעם נדן, — האָט ר׳ פּתחיה נישט גערוט, ביז אַלץ איז געוואָרן, וואָס ער האָט געטאָן, ווו ער האָט גענומען, ביי וועמען, איז תמיד געווען

אַ סוד, קיינער האָט נישט געוווּסט, נישט ער האָט דערציילט און נישט אימיצער האָט געוואָגט ביי אים צו פרעגן.

פיר זאַכן האָבן אויסגעפילט דאָס לעבן פון ר׳ פתחיהן געמלעך: תורה, תפילה, מלאכה און מעשים טובים, זיינע גוטע טאָטן זענען געווען כנגד כולם. אַלץ, וואָס ר׳ פתחיה האָט געטאָן איז געווען דורכגעדרונגען מיט אהבה, מיט גרויס ליבשאַפט, אהבה, פלעגט ר׳ פתחיה זאָגן איז בגימטריה דרייצן, — איז דאָס אַ רמז, אַז אַלע תרי״ג־מצות דאַרף מען מקיים זיין מיט אהבה.

אַ נידעריק זשוואָווער יידל, מיט אַ ווייס געזיכט, פאַרוואַקסן מיט שוואַרץ בערדל, וואָס האָט נאָך בולטער געמאַכט זיין ווייס פנים, דער עכטער אויסדרוק פון שחור על גבי לבן. אַ ביז גאַר געלאַסענער מענטש איז געווען ר׳ פתחיה, זיין רואיקייט האָט מען געקענט דערקענען אפילו בעת ער האָט גענומען אַ שמעק טאַבאַק, נישט געאיילט, אַרויסגענומען דאָס טאַבאַק־פּושקעלע פון דער הויזן־קעשענע, מיטן ערשטן פינגער אַביסל אַרומגעקלאַפּט דאָס פּושקעלע, בכדי דער טאַבאַק זאָל זיך צעגיין און נישט זיין פון איין שטיק, נאָכהער פּאַוואָליע געעפנט מיטן גראָבן פינגער, און מיטן גראָבן און ערשטן פינגער פון דער צווייטער האַנט, אַזוי צולייגנדיק האָגל צו האָגל אַריינגענומען אַביסעלע טאַבאַק און אַריינגעלייגט אין ביידע נאָזלעכער, גוט פאַרצויגן דעם אָטעם, אַז דער טאַבאַק זאָל צוקומען צו די פּאַליפּן און, אַז ער האָט אַ נאָס געטאָן, האָט ער געוווּסט, אַז דער טאַבאַק האָט געגרייכט צום ריכטיקן פּלאַץ, ערשט דאַן האָט ער אַרויסגענומען דאָס רויטע טיכל, צוגעלייגט צו די נאָזלעכער און אַזוי פּאַר אַ ווילע צוגעהאַלטן, בכדי עס זאָל נישט צוקומען קיין לופט און נישט אויסוועפן דעם טאַבאַק.

מיט דער זעלביקער רואיקייט האָט ר׳ פתחיה תפילה געטאָן און געלערנט תורה, רואיק געטאָן זיין מלאכה און רואיק עוסק געווען אין מעשים טובים, סיידן אין אַ נויט פאַל, אין אַן עת סכנה, אָדער ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין סכנות נפשות איז ר׳ פתחיה געוואָרן אַביסל מער איילק, אָבער ער איז נישט אַרויס פון דער רואיקייט, קיינמאָל נישט פאַרלוירן דעם ישוב הדעת, תמיד איינגעהאַלטן דעם גלייכגעוויכט צווישן יראה און בטחון. יראה און נישט פחד, — דערזען, אָבער זיך נישט שרעקן. דער

בטחון האָט ר׳ פתחיהן שטענדיק אויסגעלייזט פון פחד, און זיין יראה, יראת־השמים האָט אים געפירט צו בטחון.

די קינדער פון ר׳ פתחיהן האָבן דערציילט, אַז אין דער צוואה, וואָס זייער פאָטער האָט איבערגעלאָזן איז געווען אָנגעשריבן, אַז זיי זאָלן תמיד באַגלייט ווערן מיט יראת שמים און בטחון...

ר' יונה

ר׳ יונה איז געווען באקאנט אין שטעטל אַלס דער „מילכיקער״. אַלע האָבן אים אַזוי גערופן, ווייל ער האָט זיין חיונה געצויגן פון פונאַנדערטראָגן מילך אין יידישע הייזער. ער פלעגט ביי די עטלעכע פויערים פון אַ שכנותדיק דאָרף אַליין אויסמעלקן די בהמות אין זיינעם אַ כשרן הילצערנעם עמער, נאָכדעם איבערגיסן די מילך אין אַ בלעכערנער קאַן, און פאַרטאָגס פונאַנדערטיילן צווישן די יידן. פרומע באַלעבאָסטעס זענען געווען זיכער, אַז ר׳ יונהס מילך איז כשר, כשר גלייך פון דער בהמה; אַז די מילך האָט, חלילה, נישט אָנגערירט קיין דנאָ פון קיין גויאישער טריפהנער כלי.

געמאָסטן די מילך האָט ר׳ יונה מיט אַ בלעכן קוואַרטירל. תמיד שטאַרק מקפיד געווען אויף דער מאָס, עס זאָל זיך בדאי אַביסל איבערגיסן, — אַבי, חלילה, נישט עובר זיין אויף קיין פאַלשער מאָס. שבת, האָט ר׳ יונה אַליין די בהמות נישט געמאָלקן, צוליב איסור מלאכה; האָבן עס געטאָן די פויערים. על פי דין האָבן זיי באַדאַרפט מעלקן די בהמות נישט אין קיין כלי, נאָר אויף דער ערד, ווייל מען טאָר אום שבת נישט נהנה זיין פון קיין געמאָלקענער מילך, דער היתר פון מעלקן קומט צוליבן טעם פון צער בעלי־חיים. אָבער די פויערים האָבן גראָד יאָ געמאָלקן אין זייערע כלים, און אַליין נהנה געווען פון דער מילך. באַצאָלט דערפאַר האָט דאָך ר׳ יונה, ווייל אַזאַ אָפמאַך האָט ער געהאַט מיט די גויים. נו, האָט טאַקע ר׳ יונה פון זיין גאַנצן מילך־האַנדל געהאַט וואַסער אויף קאַשע, אָפגערעדט שוין פון זיין ביכולת צו געבן זיינע עופהלעך — די יתומים נאָך זיין פאַרשטאָרבענער פרוי, אַ שטיקל ברויט צו דער זעט.

מאַנכע אין שטעטל האָבן ר׳ יונהן גערופן דער מעלאַנכאָליקער, ווייל תמיד איז ער געווען פאַראומערט, שטענדיק פאַרדאגהט; עפעס אַ מרה שחורה איז געהאָנגען איבער זיין פנים. אַן אויסגעצצערט געזיכט, אַראָפגעלאָזטע אויגן מיט ברעמען, וואָס זענען געהאָנגען ווי אַ פאַרכמאַרעטער וואָלקן.

די, וואָס האָבן ר׳ יונהן געקענט נענטער, האָבן זיך אויף זיין אומעט

און דאגה לחלוטין נישט געוואונדערט. זיי האָבן געוווסט, אַז ער איז אַן אַלמן, אַ מטופּל מיט קינדער און דערצו נאָך אַ גרויסער אָרעמאַן, וואָס מאַטערט זיך מיט דער אָרעמער חיונה. די פּרנסה קומט אים אָן כקריעת ים־סוף. נאָך אַ כזית ברויט איז אַ חלום, היינט וואָס איז דען דער חי־דוש וואָס ער איז אַזוי פאַרזאָרגט. פרעמדע מענטשן אָבער, אַז זיי האָבן אַ קוק געטאָן אויף ר׳ יונהן, האָבן זיי זיך ממש דערשראָקן. עפּעס האָבן זיי פאַר זיך דערזען אַ לעבעדיקן סקעלעט. הויט און ביינער. איינגע־בויגענע אַקסלען, אונטערגעבראָכענע קני, אַ דאַרער גוף, אויסגעמאָגערטע שטשאָקעס פון ביידע זייטן פּנים, פון וועלכע עס האָבן נאָכגעהאָנגען איינצלנע האָר, אָן אַ באַשטימטן קאָליר. אַ שיטער בערדל מיט נאַקעטע שטיקער גאָמבע, וועמענס הויט האָט נישט געהאַט קיין קראַפט איינצו־האַלטן די האָר־וואָרצלען. בעת ר׳ יונה האָט געהוסט, האָט מען געפילט ווי זיינע לונגען זענען צעלעכערט, דער ווידערקול פון הוסטן איז געווען ווי פון אַ הוילן פאַס. זיין אויסזען האָט דעריבער דערשראָקן פרעמדע מענטשן. נישט אַנדערש, ווי אַ לעבעדיקער בר־מינן דרייט זיך אַרום אויף גאָטס ערד. מיט אַ שענערן אויסזען לייגט מען אין קבר אַריין, האָבן זיך מאַנכע געטראַכט. אין זייערע אויגן האָט ר׳ יונה אויסגעזען ווי אַ מע־לאַנכאָליקער, און אַזוי האָבן זיי אים גערופן.

כעלות הבוקר, באַגינען, ווי גיך נאָר עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן, נאָך איידער יידן זענען געגאַנגען אין בית המדרש אַריין, נאָך איידער די הענער האָבן זיך באַוויזן אויסצוגענעצן מיט זייער קרייערישן קול, האָט שוין ר׳ יונה געהאַט אויסגעמאָלקן די בהמות און אויסגעמאָסטן דאָס שטעטל, גייענדיק פון שטוב צו שטוב צו פונאַנדערטיילן די מילך.

גייענדיק אין דאָרף אַריין אויסצומעלקן די בהמות, און פון דאָרף מיט די פולע קאַנען מילך אין ביידע הענט, האָט ר׳ יונה, חלילה, נישט געבטלט די צייט. ער האָט געזאָגט תהילים אויף אויסנווייניק. געמאָסטן דעם וועג מיט קאַפּיטלעך תהילים. אַ גרעסערער מרחק, אַ גרעסער קאַ־פּיטל תהילים, אַ קלענערער מרחק, אַ קלענער קאַפּיטל תהילים.

דעם וועג פון שטוב אין דאָרף אַריין האָט ר׳ יונה דורכגעמאַכט מיטן אָפּזאָגן דאָס קאַפּיטל תהילים: „אשרי תמימי דרך“. — ווייל איז די, וואָס זייער וועג איז ערלעך. ביים מעלקן די בהמות — אָפּזאָגן עטלעכע

מזמורס, — אַ מזמור לתודה, אַ מזמור לדוד. צוריקגייענדיק פון דאָרף אין שטעטל אַריין, — אָפּזאָגן אַלע שיר המעלות מיט הללויה. זאָגנדיק דעם לעצטן פסוק פון הללויה: ברוך אדוני מציון שוכן ירושלים הללויה. — געלויבט איז פון ציון גאָט, וואָס רוט אין ירושלים, — האָט ער געוווסט, אַז ער געפינט זיך שוין אויפן הילצערנעם גאַניק פון משה מלכהס הויז.

דעם וועג פון משה מלכהס ביז צו הערש בערן — די ביידע גרויסע שטאָט־גבירים, די גבאים פון דער גרויסער שול און אַלטן בית־מדרש, די כלל טוער און שטאָט־פּאַרזאָרגער, — האָט ער דורכגעמאַכט מיטן אָפּ־זאָגן דאָס קאַפּיטל תהילים „תפילה לעני כי יעטוף״ — אַ תפילה פאַר דעם געדריקטן, ווען ער פאַרגייט זיך, און גיסט אויס פאַר גאָט זיין קלאָג. דער פסוק „השמים מספרים כבוד אל״, — די הימלען דערציילן דעם כבוד פון גאָט, האָט ר׳ יונהן אַריינגעפירט אין בית המדרש אַריין.

די ליידיקע קאַנען האָט ער געלאָזט אין פאַרהויז; דאָרט אַרויסגענו־מען די שפּיצן פון דער קאַפּאָטע, וואָס זענען געווען פאַרשטעקט אין גאַרטל, אַרומגעוויקלט דאָס פּנים מיט אַ פאַטשיילע, וואָס האָט באַ־דאַרפט פאַרשטעלן די נאַקעטע גאָמבע פון דער אויסגעקראַכענער באָרד, געוואַשן די הענטביים האַנט־פאַס און זיך געשטעלט דאַווענען מיט מנין.

בעת ר׳ יונה האָט געדאַוונט, איז פון אים פאַרשוווּנדן די מרה שחורה; פאַרגעסן אין אַלע דאגהס, נאָר אויסגעדריקט ליבּ און דאַנק־באַרקייט צו זיין ליבן נאָמען פאַר חסד, וואָס ער באַוויליקט צו אים און צו זיינע קינדער.

צוריקגייענדיק פון בית המדרש האָט ר׳ יונה אָפּגעטראָטן ביי ליבע דער בעקערין. דאָרט געקויפט אַ לעבל ראַזאָווע ברויט, גלייך פון אויוון אַרויס און אַהיימגעטראָגן פאַר די קינדער. ער האָט אויפגעקאָכט אויפן דרייפוס אַ טאָפּ וואַסער, הייסערהייט דאָס וואַסער אַריינגעגאָסן אין די ליידיקע מילך־קאַנען; די פאַרבליבענע מילך־טראָפּנס פון די קאַנען האָט דאָס וואַסער אַביסל פאַרווייסט, האָט צוגעגעבן אַביסל ציקאָריע, אָפּגע־זאָגט קריאת־שמע מיט די קינדער און צוזאַמען איבערגעביסן. אָפּגעהיט יעדעס קרישקעלע פון ברויט, עס זאָל זיין ביי וואָס צו בענטשן.

די קינדער האָט ר׳ יונה אָפּגעהיט ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון זיינע

אויגן. ער האָט געוואַשן און געצוואָגן זייערע קעפּלעך. פאַרלאַטעט זייע־רע קליידער, פאַרצירעוועט די זאָקן, געלייגט זיי שלאָפן, פאַרוויגנדיק מיט אַ זמרל, מיט אַ פאָלקס־לידל. אַליין געזעסן און געלערנט מיט די קינדער, האָט זיי אויך געלערנט שרייבן און אויסלייענען פון אַ בריוונשטעלער. ער האָט זיך באַמיט צו טאָן אַלץ, וואָס אַ מוטער טוט פאַר אירע קינדער. צערטלעך, איבערגעגעבן, פול מיט ליבשאַפט. אָפּגעריסן פון זיך אַ כזית און געגעבן די קינדער. די אייגענע שטיוול געלאָזט צעריסן, אָבער דער־פאַר אַכטונג געגעבן, אַז די קינדערס שיכלעך זאָלן זיין גאַנץ, עס זאָל חלילה קיין וואַסער נישט אַריינגיין. אָפּגעהיט, אַז זיין שרהלען זאָל אפילו קיין סטענגעלע נישט פעלן אין די צעפּעלעך; זי זאָל זיך נישט מתקנא זיין אין אַנדערע קינדער. אָפּגעהיט, אַז זיינע קינדער זאָלן נישט זען דאָס עסן פון די רייכע קינדער, בכדי ביי זיי נישט צו דערוועקן קיין שאלות און גלוסטעניִשן צו בעסערע מאכלים, וואָס ער איז זיי נישט ביכולת צו געבן.

אין שטעטל האָבן יידן דערציילט, אַז ר׳ יונה היט אַזוי שטאַרק אָפּ די קינדער, און איז צו זיי אַ טאַטע און אַ מאַמע צוגלייך. האָט נישט חתונה געהאַט מיט קיין אַנדער פרוי און איז געבליבן אַן אַלמן, ווייל ער האָט ביים טויטן בעט פון זיין ווייב רחל לאה, בעת זי האָט געהאַלטן ביי גסיסה, איר פאַרשפּראָכן, אַז ער וועט זיין אַ גוטער פאָטער צו די קינ־דער; אַז ער וועט זיי אָפּהיטן ווי דאָס אויג פון קאָפּ. נאָך דעם צוזאָג האָט זי אויסגעהויכט איר נשמה און איז גלייך נפטר געוואָרן. ר׳ יונה האָט באַטראַכט זיין צוזאָג ביי יציאת הנשמה פון זיין פרוי פאַר הייליק און האָט אים מקיים געווען ווי אַ שבועה.

קיין ווילטאָג האָט טאַקע ר׳ יונה זיינע קינדער נישט געקאָנט געבן, ווייל ער איז אַליין געווען אַן אָרעמאַן, תמיד אין דחקות און נויט, וואָס ער האָט אגב אָנגענומען באהבה, ווייל מסתמא איז אין די הימלען באַשטימט געוואָרן פאַר אים אַזאַ לעבן. דערפאַר אָבער האָט ער געטאָן אַלץ, בכדי די קינדער צו פאַרזאָרגן מיט כוחות, זיי זאָלן קאָנען דינען דעם רבונו של עולם בשלימות. פאַר עבודת הבורא בשלימות, פלעגט ר׳ יונה זאָגן, איז דאָך געננג ברויט מיט זאַלץ, ווי עס שטייט געשריבן „פּת במלח תאכל“ — ברויט מיט זאַלץ זאָלסטו עסן. אַ ראיה אויף דעם האָט ר׳ יונה געהאַט, וואָס די אותיות פון לחם — ברויט, זענען די זעלבע ווי מלח — זאַלץ!

ר׳ וועלוול

פֿאַרשיידענע מענטשן אין שטעטל האָבן פֿאַרשיידן גערופֿן ר׳ וועל־וולען: אייניקע האָבן אים גערופֿן ר׳ וועלוועלע כּוהן, ווייל ער איז געווען אַ כּוהן, צו וואָס אים אָנרופֿן כּעסן, שלעכטער, וכדומה, בעסער אַרויס־ריידן דעם אמתן נאָמען, וואָס איז שוין כּולל אַלץ. אַנדערע האָבן אים גערופֿן: דער לאַנגער וועלוול, ווייל ער איז געווען אַ הויך געוויקסיקער. די, וואָס האָבן אים נאָך געדענקט פֿון ישיבה — האָבן אים גערופֿן: וועל־וועלע בעל־תאווה, ווייל ער האָט אין די יונגע יאָרן, בעת ער איז געווען אַ ישיבה בחור, געזעסן און געלערנט, האָט ער דאַן מיט אַזאַ חשק, אַז ער האָט געקענט איינשלינגען אַ גאַנצע גמרא, האָבן אים חברה ישיבה בחו־רים טאַקע אַ נאָמען געגעבן דערפֿאַר: בעל־תאווה! אממייסטן באַקאַנט איז ער אָבער געווען אונטערן נאָמען: וועלוול טאַנדעטניק, דערפֿאַר ווייל ער האָט געהאַט אַ פּרנסה פֿון נייען מענערישע זאַכן — מערסטנס פֿאַר גויים — טאַנדעטע און אַרומפֿאָרן איבער די יאַרידים פֿאַרקויפֿן. אין שטעטל האָט אויך ר׳ וועלוול געהאַט אַ קראָם צווישן די סטראַגאַנעס, וווּ ער האָט פֿאַרקויפֿט פֿאַרטיקע קליידער.

קיין בעל־מלאכה איז ר׳ וועלוול נישט געווען. ער האָט קיין שניי־דעריי נישט געקענט, ער האָט זיך פֿאַרנומען מיט מסחר, האָט איינגע־קויפֿט אין גרויסע קוואַנטומס מאַנופֿאַקטור. אַליין די פֿאַרשיידענע שטאָפֿן צוגעשניטן לויט פֿאַרשיידענע מענערישע מאָסן, ס׳זאָל טויגן אויף גרוי־סע און אויף קליינגעוויקסיקע, אַרויסגעגעבן די צוגעשניטענע סחורה צו שניידער אויפֿצונייען און ר׳ וועלוול האָט שוין צוגעמאָסטן אויף די יאַ־רידים, אָדער אין מאַרק־טעג ביי זיך אין דער קראָם די פֿאַרטיקע קאָסטיו־מען און מאַנטלען צו די גוייִשע קונים.

ר׳ וועלוול איז חלילה נישט געווען קיין אָרעמאַן, ער אַליין האָט זיך קיינמאָל נישט באַקלאָגט אויף פּרנסה, ער האָט געפֿירט אַ שיינע יידישע באַלעבאַטישע שטוב, קינדער געשיקט לערנען און זיי האָבן חלילה קיין טעג נישט באַדאַרפֿט עסן, האָט גענומען פֿיינע איידימס, זיי עטלע־

כע יאָר געהאַלטן אויף קעסט און נאָכהער פאַר זיי איינגעאָרדנט געשעפטן, געפאָרן צום רבין אויף ימים נוראים, און תמיד געלאָזן אַ שיינעם פדיון, באַצאָלט פאַר מפטיר דיונה, — דעם רבינס עליה ווי עס פאַסט פאַר אַ פאַרמעגלעכן באַלעבאָס. אין דער היים תמיד גענומען אַן אורח אויף שבת און אין מיטן דער וואָך האָבן ישיבה בחורים ביי אים אין הויז באַקומען טעג צו עסן, זיך אויך געלאָזט קאָסטן אויף פאַרשיידענע הצטרכותן, ס׳זאָל גאָר נישט אויסגערעדט זיין, מאַלע וואָס מען באַדאַרף אין שטעטל, דאָ קומט אויס אַ יתומה חתונה צו מאַכן, העלפן אַן אָרעמער אלמנה, די האַנט פון ר׳ וועלוולען איז שטענדיק געווען אָפן פאַר אַזעלכע זאַכן. עס איז אין שטעטל נישט געווען קיין סוד, אַז ר׳ וועלוול איז אַ ייד אַ נדבן, וואָס גיט אויף אַלץ מיט דער ברייטער האַנט, חוץ דעם איז נאָך ר׳ וועלוול פרייטיק פאַרנאַכט, — אַזוי פאַר ליכטצינדן אַרויס מיט יודל פעסקעס איבער די קראָמען, צונויפגענומען עטלעכע רובל, און שוין געוווסט צו וועמען מען דאַרף צולויפן און אַרויסהעלפן מיטן שבת מאַכן.

בין מנחה למעריב, אויב נאָר ר׳ וועלוול איז געווען אין שטאָט, איז ער געזעסן אין גרויסן בית־מדרש און געלערנט, מערסטנס האָט ער געלערנט אַליין, אים איז געווען שווער צו קריגן אַ חבר אין לערנען, ווייל ווער האָט עס אים געקענט נאָכיאָגן, ער איז געווען בכוח אַריינצוזופן גאַנצע בלעטער גמרא און פאַרבייסן זיי מיט רש״י, מיט תוספות און פאַר אַ קאָמפּאָט נעמען נאָך מפרשים. איז געזעסן שטילערהייד, אויסגעצויגן גלייך ווי אַ ווירע, די פּלייצע אין וואַנט אָנגעשפּאַרט, מיט איין האַנט געגלעט די באָרד, מיט דער צווייטער געמישט די בלעטער, און מיט די אויגן געפאָרן גאַלאָפּ איבער די בייכיקע גמרא בלעטער, מיט רש״י און תוספות. מען האָט נישט געהערט קיין פאַרע פון זיין מויל, האָט אויך נישט געהאַט קיין טבע, ר׳ וועלוול, אונטערצוזינגען אַ ניגון ביים לערנען, ווי אַנדערע האָבן עס געטאָן, אַז עס האָט אַזש פאַרקלונגען דעם בית־מדרש. ר׳ וועלוול האָט געלערנט שטילערהייד, קוים וואָס די ליפּן זיינע האָבן זיך באַוועגט, מען האָט גיכער געקענט באַמערקן ווי זיינע אויגן לויפן אַרום איבער דער גמרא, דאָ אין איין עק פון דף, און שוין ביים צווייטן עק. געהערט ר׳ וועלוולען לערנען האָט מען נאָר, ווען אים איז אויסגעקומען אַ

ישיבה־בחור אין בית־מדרש צו פאַרטייטשן אַ האַרבן תוספות, אַ שווערן גמרא סענק, דאַן האָט ער אַ הייב געטאָן זיין קול, צעגלידערט דעם שווערן תוספות אויף פּיץ־פּיצלעך און מסביר געווען, אַז דער פרעגער זאָל וויסן און נאָך אויך האָבן פאַרשטאַנען. ר׳ וועלוול האָט נישט אַוועקגעלאָזט פון זיך קיין מקשן, אויב ער איז נישט געווען איבערצייגט, אַז ער גייט אַוועק אַ וויסער. בחורים, וועלכע האָבן שוין ר׳ וועלוולען געקענט, האָבן אַביסל מורא געהאַט צו גיין צו אים עפּעס פרעגן, ווייל ער האָט געהאַט אַ נאַטור צו פאַרפירן אַ שמועס אין לערנען, צו פרעגן שאלות און פאָדערן תשובות אויף זיי, און, אויב מען האָט נישט געוווסט צו ענטפערן כדבעי, — ווי עס באַדאַרף צו זיין, אָט, אַזוי ווי ר׳ וועלוול האָט פאַרלאַנגט, האָט ער נישט געקאַרגט קיין האַקמעסערס איבערן אָרעם, אָדער איבערן האַלדז, וואָס האָט פאַר אַ לאַנגער צייט שטאַרק וויי־געטאָן. ישיבה בחורים פלעגן זאָגן, אַז די כהונה האָט זיך ביי ר׳ וועלוול כוהן צעצאָרנט. ישיבה בחורים פלעגן טאַקע אים אויסמיידן צו פרעגן שאלות, זיי האָבן פשוט מורא גע־האַט פאַר אים, טרוקן האָט פון אים קיינער נישט אָפּגעשניטן, אויב מען האָט נישט באַקומען מיט דער שאַרף פון דער האַנט קיין האַקמעסער, האָט מען אַריינגעכאַפּט אַ פּאָר גוט אָנגעדרייטע אויערן, אַ בלויען שיניאַק פון אַ קניפּ מיט צוויי פינגער, אָדער ער האָט גאָר אויסגעגלייכט אַ פּאה, וואָס האָט אַזוי שטאַרק וויי־געטאָן, אַז מען האָט אין הונגער פאַרגעסן.

ר׳ וועלוול האָט ליב געהאַט צו פאַרהערן. שבת אין דער פרי, איז ער געזעסן פון באַגינען אין בית־מדרש געגישטערט אין ספרים און גרויס הנאה געהאַט, אַז אַ טאַטע איז צוגעקומען צו אים מיט זיין קדיש, אַז ער זאָל אים פאַרהערן, און אַז ר׳ וועלוול האָט געזאָגט, אַז דער יינגל באַ־גערט צום לערנען, איז דער טאַטע געווען צופרידן. פאַרן קענען האָט ר׳ וועלוול געגעבן אַ קניפּ אין בעקל, וואָס פאַר שעהן לאַנג זענען די רויטע פאַרבן געשטאַנען אין פּנים, ביז זיי זענען בלוי געוואָרן!

אַ געפּערלעכער למדן איז געווען ר׳ וועלוול, געפּערלעך דערפאַר, וואָס ער האָט אַלץ געוווסט, און אַלץ געקענט. איז געקומען אַ מגיד אין שטעטל און צעפּירט די הענט שבת ביי־טאָג ביי אַ דרשה, און ר׳ וועלוול איז געווען אין בית־מדרש, האָט ער דעם מגיד געמאַכט אויסצודרייען, אים באַוויזן, זיינע טעותים, און אים פשוט פאַרהערט אין לערנען. מגי־

דים האָבן זיך פשוט געשראָקן פאַר ר׳ וועלוולען. אַז דער רב פון שטעטל האָט געהאַלטן זיין דרשה שבת־הגדול, אָדער שבת־תשובה, האָט ער זיך גוט צוגעגרייט, זיך באַלאָדן מיט תורה, אַז ר׳ וועלוול זאָל אים חלילה נישט קענען כאַפּן ביי קיין גרייז.

אין שטעטל האָט מען ר׳ וועלוולען אויך גענוצט אַלס אַ בורר, אַז צוויי יידן האָבן עפּעס געהאַט צווישן זיך אַ סכסוך, וועגן מסחר ענינים און זיי האָבן זיך נישט געקענט אויסגלייכן אפילו ביים רב, האָט מען גע־נומען ר׳ וועלוולען פאַר אַ בורר און ער האָט שוין אויסגעגליכן דעם סכסוך. ר׳ וועלוול איז אויך געווען די גאַראַנטיע, אַז די צדדים וועלן האַלטן זיין פּסק, וואָרום ווער האָט עס דען געוואָלט האָבן צו טאָן מיט ר׳ וועלוולען און חלילה אים נישט פאָלגן. אויף ר׳ וועלוולען האָט מען אין שטעטל צווישן סוחרים געשמועסט, אַז ער קאָן אפילו אַ קרומען אויסגלייכן. נישט אומזיסט — האָבן יידן געטענהט צווישן זיך — לייזט ר׳ וועלוול קיין עין הרע אַזויפיל געלט, וואָרום, אַז ער טוט אָן ערל אַ מלבוש און גלייכט עס אויס איבער דער פּלייצע, ליגט עס. און האָט מורא זיך אַ ריר צו טאָן. ר׳ וועלוול קאָן אויסגלייכן אַ פּלייצע, אַז יעדעס מלבוש זאָל פּאַסן, זיינע הענט זענען ווי צוואַנגען, איין קליינינקייט, ר׳ וועלוול, ער איז דאָך אַ גברן, הייַנט זאָל אים נאָר אַן ערל פּרובירן אויף אַ יאַ־ריד נישט באַצאָלן פאַר אַ מלבוש, אָדער עפּעס צולאקכענען פון זיין סחורה, אַז אָך און אַז ווי איז שוין דאַן צו אים. פאַר זיין גבורה האָבן טאַקע גויים ר׳ וועלוולען שטאַרק רעספּעקטירט און פון גרויס באַוווונדע־רונג פלעגן זיי ביי אים איינקויפן די נויטיקע מלבושים.

אויף ר׳ וועלוולען האָט מען געזאָגט, אַז ער איז אַן אָרעם, אין וועלכן דאָס שטעטל שפּאַרט זיך אָן, סיי אין זין פון תורה, פון לומדות, סיי אין זין פון מידות טובות, און סיי אין זין פון גבורה, פשוט גערעדט, וואָס דער רבונו של עולם האָט אים באַשאָנקען מיט אַזאַ כוח, אַז גויים ציטערן פאַר אים, און נישט איינמאָל האָט ער שוין אָפּגעראַטעוועט דאָס שטעטל פון הריגות אויף יידן, וואָס צעווילדעוועטע שקצים פון די דערפער האָבן אין אַ מאַרק טאָג געוואָלט זיך אַ הוליאַנקע מאַכן מיט יידיש בלוט. ר׳ וועלוול האָט אַזעלכע לאָבוסעס נישט איינמאָל פון שטאָט פאַרטריבן, אפילו די סטראַזשניקעס זענען מודה, אַז ר׳ וועלוול קאָן באַווייזן כוח, קאָן ביילן

אַ פויסט, ווען מען דאַרף צו הילף קומען יידן, אַזוי ווי ער קאָן אויס־שטרעקן זיין אָרעם פאַר אַ יידישער נויט. יידן האָבן אויך געזאָגט אויף ר׳ וועלוולען, אַז ווען עס וואָלט באַנייט געוואָרן די צייט פון בית־המקדש, וואָלט זיך ר׳ וועלוול געפּאַסט צו ווערן דער כוהן גדול. אין בית־מדרש, ווינטער־צייט, וואַרעמענדיק זיך ביים הייסן אויוון, האָט נישט איינמאָל ר׳ שמואל לייב זיך אַ וויצל געטאָן אויף ר׳ וועלוולס חשבון, — זאָגנדיק, אַז ווען דער רבונו של עולם וואָלט היינט געדאַרפט געבן די יידן די תורה, וואָלט ער נישט באַדאַרפט פאַרוואַנדלען דעם באַרג אין אַ קאַפּעל, ווייל ר׳ וועלוול אַליין וואָלט די גאַנצע תורה אַריינגעשלונגען. הייבט מידות טובות האָט ר׳ וועלוול געהאַט, וואָס זעלטן ווער עס האָט זיך מיט אים געקענט פאַרגלייכן, אַז פאַר ר׳ וועלוולען איז גאָר נישט געווען קיין שווערע זאַך צו טאָן, אויב נאָר עס האָט זיך געהאַנדלט אין אויס־שטרעקן אימיצן אַ האַנט פון הילף. ער האָט אַוועקגעגעבן דאָס בלוט פון זיך, אַבי צו ראַטעווען אַ מענטשן פון אַ שלאַפקייט חלילה. די בעל־עגלות האָבן ליב געהאַט מיט ר׳ וועלוולען צו פאָרן אויף יאַרידים. ער האָט זיך געלאָזט קאָסטן און נישט געקאַרגט קיין איבעריקן טרונק בראָנפן אויף צו דערוואַרעמען די ביינער ווינטערצייט אין די קעלטן, אַז מען איז געפאָרן מיט ר׳ וועלוולען האָט מען שוין נישט אויסגעלאָזן קיין איין קרעטשמע אויפן וועג, און טאָמער האָט מען באַדאַרפט פאַרקירעווען די פערד אין אַ זייט און אַראָפּפאָרן עטלעכע וויאָרסט פון שאָסיי, בכדי אַ קרעטשמע צו דערגרייכן און אָפּכאַפּן דעם אָטעם מיט אַביסל אָקעוויט און אַ האַרט איי צו פאַרבייסן, איז ר׳ וועלוול אויך אויף דעם געווען אַ בעלן. ר׳ וועלוול פלעגט זאָגן צו די בעלי־עגלות: „בראָנפן רעדט און האָ־בער גייט“. אַ רמז, אַז די פערד דאַרף מען געבן האָבער צום עסן, זיי זאָלן גיין, און מענטשן דאַרפן נעמען אַ קאַפּיטשקע בראָנפן ס׳זאָל זיך ריידן בעסער, דאָס מויל זאָל נישט פאַרפרוירן ווערן, דער פראָסט זאָל אויף די ביינער נישט האָבן קיין שליטה.

ר׳ וועלוול האָט פאַרמאָגט אין זיך אַ סך גבורה, אַ סך אהבה, אַ סך האָפענונג, און איבער די דריי אייגנשאַפטן האָט געוועלטיקט ביי אים די טיפע אמונה, דער אמתער גלויבן. ר׳ שמואל לייב, אַ ישיבה חבר פון ר׳ וועלוולען, אויך אַ ייד אַ למדן און דערצו אַ גרויסער משכיל, ווען מען

האָט אויף אַ שמץ חושד געווען, אַז ער איז אַ ביסענקע געכאַפּט אין דער מעשׂה, — פלעגט אַזוי פאַרטייטשן פאַרן עולם ר׳ וועלוולען: מיט זיין גבורה, קאָן ר׳ וועלוול איבערטראָגן בערג, מיט זיין האָפענונג אָנשטעקן די גאַנצע וועלט, און מיט זיין ליבשאַפט אויף איין אָרעם טראָגן שישים ריבוא יידן, אָבער נישט דאָס איז דער עיקר פלעגט ר׳ שמואל־לייב זאָגן, דער עיקר איז די אמונה ביי ר׳ וועלוולען. ר׳ וועלוולס כוהן גדול, איז זיין אמונה, זיין אמתדיקער, טיפער גלויבן, אין די אַלע זאַכן. זיין אמונה אין אהבה, זיין אמונה אין האָפענונג, און זיין אמונה אין כוח פון מענטש, אַז אַ מענטש איז בכוח מיט זיין שטאַרקן ווילן אַלץ צו דערגרייכן, צו דערגרייכן תורה, צו דערגרייכן חכמה, צו דערגרייכן צו לומדות. די אמונה ביי ר׳ וועלוולען — האָט ר׳ שמואל־לייב געזאָגט — איז דער שאַפּנדיקער כוח אין אים, וואָס פירט אים אַריין אין שלימות פון ליבשאַפט, האָפע־נונג און אויך גבורה. זאָל חלילה ר׳ וועלוול אויף אַ ווײַלע פאַרלירן זיין אמונה, דאַן פאַרלירט ער אַלע איבעריקע זאַכן וואָס זענען אין אים פאַ־ראַן, אַזוי ווי שמשון הגיבור האָט געהאַט זיין גבורה אין די האָר, אַזוי באַשטייט ר׳ וועלוולס גבורה, אהבה און תקוה, אין זיין גלויבן.

פון פרימאָרגן צו פרימאָרגן ווערט ר׳ וועלוול באַגלייט פון אמונה, אפילו אין שלאָף וואַכט איבער אים אמונה האָט ר׳ שמואל־לייב גע־טייטשט, און ר׳ וועלוול אַליין, אַז מען האָט אים דערציילט, וואָס זיין אַמאָליקער ישיבה חבר שמואל־לייב זאָגט אויף אים, פלעגט ער מיט אַ באַלעבאַטישן שמייכל אויף די ליפּן אַ זאָג טאָן: נו, ווער לאָזט אים דען נישט האָבן קיין אמונה, זאָל ער ווייניקערריידן און מער גלויבן, אַ ייד אָן אמונה איז ווי אַ בעל־עגלה אָן אַ פערד און וואָגן!

זיין לעצטן אַקט פון גבורה און אמונה האָט ר׳ וועלוול באַוויזן אין זיין שווערן געראַנגל מיט דער נאַצישער בעסטיע, וואָס די סס׳אָוצעס האָבן אים געפייניקט, געשלאָגן, מכות־רצח, געהייסן, ער זאָל מיט דער באָרד אויסקערן דעם רינשטאָק, טאָן כל עבודת פרך. ר׳ וועלוול האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט, האָט פאַר יעדן קלאַפּ צוריקגעשלאָגן, האָט באַוויזן אייניקע מאָל זיך צו באַפרייען פון די נאַצישע, גזלנישע נעגל, און זיך מצרף זיין צו די העלדישע קעמפער, וואָס האָבן מיט אַזויפיל גבורה פאַר־

טיידיקט יידישן כבוד, וואָס האָבן אין אייגן בלוט געטובלט דעם שטאָלץ פון יידישן פאָלק.

ר׳ וועלוול צוזאַמען מיט די בראַווע, געטאָ־קעמפּער, האָבן אַרויפ־געשיקט זייערע נשמות צו די הימלען געטובלט אין אייגן בלוט פון אמונה אין אַן עם ישראל חי!

ף׳ זרח

ר׳ זרח האָט געשטאַמט פון אַ משפחה וואָס האָט געצויגן דעם שלשלת היוחסין פון דורות רבנים, מורה־הוראות, שוחטים, בעל־תפילות, סתם שיינע יידן, גרויסע סוחרים, באַלעבאַטים פון הייזער און שלעסער, סוחרים פון תבואה, פון וועלדער, שניט־קרעמער און אייזן־קרעמער, מענטשן, וועמענס גבירישקייט האָט געשמט ווייט, ווייט אויסער די גרע־נעצן פון שטעטל.

אפילו די פון דער משפּחה, וועלכע זענען קיין גאָר גרויסע סוחרים נישט געווען, זיי האָבן נאָר געהאַנדלט מיט פסחדיקן שנאַפּס, מיט ווייַן אויף ארבע כוסות, מיט אתרוגים און סוכות, מיט וואָלענע טליתים, מיט תפילין־זעקלעך, מיט כשרה ליכט, צו ליכט־בענטשן אָדער פאַר הבדלה, מיט חמישה־עשר פירות, מיט אַ גאַנג חומשים אָדער מחזורים, מיט אַ רעשטל אַטלאַס, מיט סאַמעטענע יאַרמולקעס און פּוטערנע שטריימלעך, ווייסע זאָקן און וואָלענע גאַרטלען, מיט אַ חנוכה לעמפּל און בשמים ביקסל, מיט אַן אויסגעווייקטן אין עסיק שופר, מיט אַ מענטעלע פאַר אַ ספר־תורה, מיט אַ פּרוכת פאַרן אָרון־קודש, לייכטער פאַר דעם עמוד, אַ שיידל צו אַ מגילה, צימערינג צו שבועותדיקע לאָקשן, אַ קידוש־בעכער און אַנדערע כלי־קודש — פונדעסטוועגן האָבן זיי געפּראַוועט אַן אַדירישן טיש און נישט געוואָלט אָפּשטיין חלילה פון די גרויסע סוחרים אין דער משפּחה.

ר׳ זרחס משפּחה איז געווען באַקאַנט אין אַ גאַנצן געגנט. ווער האָט עס דען נישט געקענט די פאַמיליע צוקערקאַנדל? — אָרעם און רייך! אַלמנות האָבן די ירושות געהאַלטן ביי די צוקערקאַנדלס אויף היתר־עיסקא, ישיבה בחורים האָבן ממש זיך געריסן צו באַקומען אַ טאָג, יתו־מים האָט מען צו זיי אָפּגעגעבן פאַר פּריקאַשטשיקעס, אביונים זענען גע־קומען מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט נאָך אַ נדבה, עניים נאָך אַ מתן בסתר, קראַנקע פלעגן זיך דערכאַפּן דאָס האַרץ מיט אַביסל איינגעמאַכץ, פון אַביסעלע יויך, וואָס מען האָט פון די צוקערקאַנדלס געבראַכט. פון

רייכע איז דאָך אָפּגערעדט, מען האָט זיך מיט די צוקערקאַנדלס געחברט, געפירט מסחרים, מיטגעהאַלטן טיש, אָפּגעשטאַט וויזיטן און נהגה געווען פון שבתדיקן אויבסט, געקומען אויף קידוש שבת נאָכן דאַווענען, געמאַכט אַ שהכול איבער אַ גוט ביסל משקה און פאַרביסן מיט אַן אייערקיכל מיט אַ שטיקעלע גוט מאַרינירטן הערינג. שבת צו נאַכט געקומען אויף טיי פון הייסן ניקלגעם סאַמאָוואַר. די צוקערקאַנדלס האָבן געשמט מיט זייער אָפן הויז, תמיד זענען דאָרט געווען מענטשן, סוחרים, גוטע יידן פלעגן געפינען ביי זיי אכסניה. אַן איינגעפונדעוועטע יידישע, באַלע־באַטישע משפחה מיט עשירות און גדולה.

דער איינציקער וואָס איז עפּעס געווען אַ יוצא מן הכלל אין דער גאַנצער משפחה, איז געווען — ר׳ זרח. ער איז נישט געווען קיין גביר, נישט קיין סוחר, האָט נישט געפראַוועט קיין טיש און איז אפילו צו די צוקערקאַנדלס נישט געקומען, נאָר אַמאָל אויף אַ שמחה, אָדער, חלילה, בעת עפּעס אַן אומגליק, אַ קראַנקהייט, מקיים צו זיין די מצווה פון בי־קור חולים אָדער אַ פּטירה, מקיים צו זיין די מצוה פון הלוית המת.

ר׳ זרח איז טאַקע געווען פון דער זעלבער משפחה, האָט געטראָגן דעם זעלבן פאַמיליען־נאָמען, איז געווען אַ ברודערס זון פון אַלטן ברוך־לייבן, ער איז אָבער נישט געווען פון די זעלבע. איז נישט געווען קיין עושר, נישט קיין גביר, נישט קיין סוחר און נישט קיין שטאָט באַלעבאָס. ער האָט געדאַוונט אין זעלבן אַלעקסאַנדער שטיבל, אָבער נישט אין קיין קאַפּאָטע פון אַטלאַס, נאָר אין אַ פּשוט צייגן כאַלאַטל, מיט אַ טוכן היטל אויפן קאָפּ, אַנשטאָט אַ שטריימל, מיט אַ פּאָר האַמבורגער האַלבע מעש־טעס, אַנשטאָט גימזענע שטיוולעטן, געשטאַנען אין שטיבל ביים האַנט־פּאַס און נישט ביי דער מזרח וואַנט, איז עולה לתורה געווען צו גלילה, שמחת תורה צו כל הנערים, קיינמאָל קיין מפטיר אפילו נישט פאַר־לאַנגט.

אַן אָפּגעזונדערטער מענטש איז געווען ר׳ זרח, האָט זיך זיין דרך געהאַט אין לעבן און נישט געהאַט קיין גרויס געמיינזאַמעס מיט דער גאַנצער משפחה. כל שניו זיך פאַרנומען מיט מלאכה, ער האָט געמאַכט ערדענע כלים, וואָס ער מיט זיין פלונית האָבן אין די מערק־טעג פאַר־קויפט צו דאָרפישע פויערים. ער האָט געמאַכט טעפּלעך צו קאָכן, דיני־

צעס אויף טשאָלנט, קוגעלניקעס אויף קוגלען, ציקאָריע טעפּלעך, ריילני־קעס צום פּרעגלען, וואַזעס אויף בלומען, זשיזשעס צו פּאַראָשטשיניען טייג, מילך־קריגלעך און אויף פּסחדיקן ראָסל, שיסלען אויף געקאָכטע קאַרטאָפל, אָדער אויף שטשאוו באָרשטש און אַנדערע כלים פאַר דעם שטו־ביקן געברויך.

אַ גאַנצע וואָך, פון שבת־צונאַכט אַן איז ר׳ זרח געשטאַנען און בידיים אויסגעקנאַטן פון ליים די פאַרשיידענע ערדענע כלים און זיי שפּעטער פאַרהאַרטעוועט דורך אַ היוון, אַזוי זיי אויסגעברענט, זיי זאָלן זיך מער פאַר פייער נישט דערשרעקן.

ר׳ זרחס קונים זענען געווען יידן און להבדיל קריסטן. יידישע באַ־לעבאָסטעס פלעגן אַרונטערקומען אין קאַזע־געסל, ווו עס האָט זיך געפו־נען די „פאַבריק" פון ר׳ זרחן און אַליין זיך אויסגעקליבן אַ גאַנצן ראַ־מיש מיט כלים, איינגעהאַנדלט אַ מציאה, געבעטן ר׳ זרחן ער זאָל די כלים אָפּטראָגן אַהיים און אַ צווייט מאָל קומען אָפּנעמען די פאַר רייניש.

אין די מאַרק־טעג איז ר׳ זרח מיט זיין פלונית געשטאַנען אויף דעם תבואה־מאַרק, לעבן די סטראַגאַנעס, מיט אויסגעשטעלטע כלי־זכוכית אויפן ברוק און פאַרקויפט צו די דאָרפישע פויערים, וועלכע האָבן פון זייער פדיון נישט געהאַט געגוג געלט אויף צו קויפן טשיגונענע טעפּ. אַממייסטנס האָט זיך מיט דעם פאַרקויף אין די מאַרק־טעג אָפּגעגעבן ר׳ זרחס פרוי, זי פלעגט עס איינטענהן מיט די ערלים, מיט די ערלטעס, זיי וויזן די סחורה, אויסדינגען אַ פּרייז, און ער ר׳ זרח האָט אַכטונג געגעבן אַז אַ פערד זאָל זיך חלילה נישט צעבריקעווען און צעברעכן די כלים, אַ טעפּל אָדער אַ קריגל זאָל זיך אַמאָל נישט אויסגליטשן, נישט אומפאַלן אויפן שטיינערנעם ברוק און צעבראָכן ווערן.

אַזאַ טבע האָבן עס ערדענע כלים, בעת זיי באַגעגענען זיך מיט ערד, שאַט זיי גאָר נישט, ווערן נישט צעבראָכן, דאָך ערדענע כלים קלאַפּן זיך אָן עפּעס פון איין מין, אָבער אַז אין שטיין, ווערט פון זיי שערבלעך, זיי ווערן צעבראָכן אויף שטיק־שטיקלעך. די באַציאונג פון שטיינער צו ער־דענע כלים איז שוין גאָר אַן אַנדערע. כאָטש פון דער זעלבער משפחה, וועמען איין באַשעפער האָט באַשאַפן, וואָרום, וואָס איז דען שטיין אויב נישט פאַרפעלזעוועטע ערד, און פונדעסטוועגן איז די באַציאונג צום

שוואַכערן מין, ווי ס׳איז אַן ערדענע כלי אַזאַ, אַז מען באַגעגנט זיך פּנים־אל־פּנים, צעברעכט דער שטיין די ערדענע כלי.

תמיד, בעת ר׳ זרחס ווייב פלעגט זיך פאַר אים פאַרקלאָגן אויף איר שווער לעבן, אויף איר דחקות און נויט, אויף נישט האָבן גאַנץ אָפט פאַר וואָס שבת צו מאַכן אָדער אַ קינד אַ בגדל צו קויפן אָדער גאָר אַ פּאָר שיכלעך, די פּיסלעך זאָלן פון רעגן און בלאָטע נישט נאַס ווערן און דער־ביי געפרוווט אָנווייזן אויף דער משפּחה צוקערקאַנדל, וועמען עס לעבט זיך אַזוי גוט, וועלכע געניסן פון אַלץ, ביי וועמען עס רינט דאָס שמאַלץ איבערן מויל, וועלכע האָבן איבערגענוג פאַר זיך, פאַר קינדער און אפילו פאַר די קינדס־קינדער — פלעגט ער איר איינגעמען מיט אַ משל פון די ערדענע כלים. ער אַליין האָט זיך קיינמאָל, חלילה, אויף קיין זאַך נישט געקלאָגט און פאַר קיינעם נישט פאַרקלאָגט, ער האָט נישט געפילט נישט קיין דחקות, נישט קיין נויט, אָבער די פלונית, די באַלעבאָסטע פון שטוב, וואָס האָט באַדאַרפט צונויפשטוקעווען דאָס מאַלצייט, לייגן אַ לאַטע אויף אַ לאַטע אויף אַ מלבוש, זיך פילן פאַרשעמט פאַר די רייכע באַלעבאָס־טעס פון דער צוקערקאַנדל משפּחה, ווען דאָס בלאַסע, איינגעפאַלענע גע־זיכט האָט באַקומען בלוטיקע פאַרבן פון אַ ביסענקע פאַרשעמטקייט, ווען זי האָט זיך אַמאָל געטראָפן פּנים־אל־פּנים מיט די ווייבער פון דער מש־פּחה, האָט זי, חלילה, פאַר קיינעם קיין וואָרט נישט געזאָגט, אָבער פאַרן אייגענעם מאַן, פאַרן גאָר נאָענטסטן, פאַר איר זרחן, פאַרן טאַטן פון אי־רע קינדער, פאַרגיסן אַ טרער און זיך אַביסל אַראָפּריידן פון האַרצן. בעת אַזעלכע האַרץ צו האַרץ געשפּרעכן צווישן מאַן און ווייב, האָט ר׳ זרח אַזוי געזאָגט: „יעדער מענטש — מיין ווייב — איז געגליכן צו אַן ער־דענער כלי, וועמענס יסוד איז פון ערד און דער סוף איז ערד, ווי אין אונדזערע תפילות ווערט געזאָגט: אדם יסודו מעפר וסופו לעפר. עס מיינט גאָר נישט פאַרן סוף פון מענטש, וואָס אימיצער איז שטאַרק רייך, זיין סוף איז לעפר. דער משל פון מענטש איז דאָך ווי מען זאָגט אין דאָווענען ימים נוראים: כחרס — הנשבר, אַ מענטש איז ווי אַ צעבראָכן שערבל; אָט טאַקע אַזוי ווי אַ צעבראָכענע ערדענע כלי, אָט די כלים וואָס איך מאַך פון דער ערד. היינט דאַרף מען, דען חלילה אין עמיצן זיך מתקנא זיין, נאָר זען בלויז דעם היינטיקן טאָג? ניין, מען דאַרף זען דעם

נעכטן און אויך דערזען דעם מאָרגן! דער נעכטן מיינט, דער אָנהויב, — דער יסוד פון מענטש, — דער יסודו מעפר, און דער מאָרגן, וואָס באַדייט — — דער סוף פון מענטש — דער סופו לעפר".

פאַרשטייסט מיין ווייב, — פלעגט ר' זרח מסביר זייענדיק זיין פלונית זאָגן: „אַז אַ מענטש האַנדלט מיט גאָלד, מיט קופּער, מיט זילבער, אָדער מיט אייזן, כאָטש אַלע מעטאַלן קומען דאָך פון דער ערד, אָבער צוליב זייער טייערקייט און שטאַרקייט מיינט דער מענטש אַז ער איז אַזוי טייער ווי גאָלד און זילבער, אַז ער איז אַזוי שטאַרק ווי קופּער אָדער אייזן, ער פאַרגעסט אין זיין סוף פון מאָרגן, ער פאַרגעסט לחלוטין, אַז דאָס היינטיקע פאַרגייט שנעל און דער מאָרגן דאַרף אים פירן אין דער אייביקייט אַריין — צוריק לעפר. מיר, אָבער וואָס מאַכן ערדענע כלים, שוואַכע, קוים אויפן דרייפוס צו שטעלן, אין טשאָלנט אויוון צו פאַררוקן, קאָנען אין עפר־סוף נישט פאַרגעסן; איז דערפאַר נישטאָ וואָס מקנא צו זיין אימיצן, וואָס עסט אַ פעטערן קוגל, וואָס גייט שענער אָנגעטאָן, וואָס געניסט היינט פון באַקוועמלעכקייטן, ביי וועמען דאָס לעבן איז אַזוי גרינג, וואָרום וואָס איז דען משטיינס געזאָגט דאָס גאַנצע לעבן, אויב נישט ווי אַ חלום, וואָס פאַרשווינדט שנעל, ווי אין פסוק שטייט: „כחלום יעוף".

די שיטה פון ר' זרחן איז געווען, אַז וואָס שווערער דער לעבן, אַלץ לייכטער די פטירה, דער וועג צו דער אייביקייט — דער אָנהויב פון אין סוף. ר' זרחס ווייב האָט די שיטה אויסגעטייטשט און פאַרשטאַנען לויט איר שטייגער פון באַנעמונג, לויט אירער אַ פילאָזאָפיע, נעמלעך וואָס שווערער עס איז דאָס לעבן, וואָס מער דחקות און נויט מען ליידט, אַלץ לייכטער איז מיטן לעבן זיך צו געזעגענען, ווייל עס איז נישטאָ וואָס צו באַדויערן, מען ווערט גאָר פטור פון אַלע צרות און זאָרגן.

ר' זרח האָט אָפּגעלעבט זיין לעבן, זעענדיק זיך און אַלע מענטשן אַלס נמשל פון חרס הנשבר.

ר׳ הערש

ווען מען זאָל נישט האָבן געקומען אין אַלטן בית המדרש, גאַנץ פרי, בעלות הבוקר, אָדער שפּעט, שוין נאָך האַלבער נאַכט, — האָט מען גע־טראָפן ר׳ הערשן זיצן ביים טיש, וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגן בעלעמער און לערנען, אָדער אַ גמרא זבחים, אָדער אַ גמרא מנחות. אַלע זיינע יאָרן האָט ר׳ הערש עוסק געווען אין לערנען די דריי מינים קרבנות, וואָס זע־נען פונאַנדערגעטיילט אין: זבחים, מנחות און נסכים, די קרבנות פון מי־ני נפש, די קרבנות פון מיני קמח, און די קרבנות פון מיני משקה.

טאָמער איז ר׳ הערש אין בית־מדרש נישט געווען, איז: אָדער ער איז חלילה געווען קראַנק אָדער ער האָט צוגעהאָלפן גרימפּלען אויף זיין באָס דער שטאָטישער קאַפּעליע אויף אַ חתונה.

מנחה לה׳ ולמקדשו, דורך קרבנות ווערט אַ מענטש מתקרב צום רבונו של עולם, פלעגט ר׳ הערש זאָגן און דערביי פאַרטייטשן די צוויי אופנים פון קרבנות: א) אַ קרבן תודה, דאָס הייסט ווער עס האָט באַקו־מען פון די הימלען אַ שיינע מתנה און וויל אויסדריקן צום „מקום״ זיין דאַנקבאַרקייט; ב) ווער עס האָט חלילה געזינדיקט און וויל מחילה בעטן דורך ברענגען אַ קרבן חטאת, אשם, אָדער עולה.

דער עיקר טעם פון קרבנות האָט ר׳ הערש געזאָגט, איז צו דערנענ־טערן דעם מענטשן מיטן בורא־עולם, אַזוי ווי מען קאָן דאָס דערגרייכן דורך תפילה, מער נישט, וואָס תפילה איז בעיון, דורך פאַרטראַכטן זיך, דורך דביקות, דורך התעוררות הנפש, אָדער דורך התרוממות הנפש, און דער קרבן איז דער אויסדרוק פון מעשה, פון עבודה, דורך קאָנקרעטער טאַט. דער עיקר העיקרים אָבער פון טעם קרבן איז: אַז אַ מענטש דאַרף באַווייזן, אַז נישט צוליב זיך אַליין איז ער באַשאַפן געוואָרן, נאָר ער איז גרייט צו יעדער צייט זיך מקריב צו זיין פאַר אַנדערע באַשעפענישן. אַלס באַווייז צו דעם פלעגט ר׳ הערש תמיד ברענגען די מעשה, וואָס דער רבו־נו של עולם האָט אויספּרובירט אונדזער טאַטן אברהם, פאַרלייגנדיק אים צו ברענגען זיין בן־יחיד יצחק פאַר אַ קרבן.

אין שטעטל האָבן עלטערע יידן נאָך געדענקט ר׳ הערשן אַלס יונ־גערמאַנטשיק, וואָס איז אין גאַנצן געגנט געווען באַקאַנט אַלס ר׳ הערש בדחן, דער וואָס האָט משמח געווען חתן־כלה און די מחותנים מיט זיינע חריפותדיקע ווערטער, וואָס האָט געקענט מאַכן וויינען און לאַכן, דער־פרייען דאָס האַרץ און חלילה מאַכן טרויעריק דאָס געמיט. ר׳ הערשס מילתא דבדיחתא האָבן געהאַט אַ שם און מען האָט אים אַפילו גע־רופן צו חתונות פון די גרעסטע גבירים און אדירים, ער האָט פאַר יעדן צוגעפּאַסט אַ גוט שטיקל, אַ געשמאַק וואָרט. ער איז געווען בכוח אַרויס־צורופן געלעכטער און טרערן, תמיד אײַנגעהאַלטן דעם באַלאַנס צווישן הדווה און עצבות, נישט צופיל פרייד און נישט צופיל אומעט. ר׳ הערשס בדחנות פלעגט מען זאָגן איז שטאַרקער פון וויין, ווייל די פרייד פון וויין איז אַ מאָמענטאַנע, און פאַרגייט שנעל, די פרייד אָבער פון די פערלדי־קע ווערטער פון ר׳ הערשן געדענקט מען תמיד און גייען איבער בעל פּה צו קינדער און קינדס קינדער.

ווען ר׳ הערש איז געוואָרן אַ בא בימים, האָט אָנגעהויבן צו דער־פילן די עלטער, און בעיקר האָבן אַנדערע דערפילט זיין עלטער, נאָך די פאַרלוירענע ציינער האָט זיך געענדערט זיין שטימע, זיין שאַרפע דיקציע איז ווי אָפּגעטעמפּט געוואָרן, האָט מען אים אויפגעהערט צו נוצן אַלס בדחן. אַז ער איז אָבער געוואָרן אַ מחוסר לחם, האָבן זיך אויף אים מרחם געווען די כלי־זמרים פון שטעטל, דער פידלער און דער פויקער און האָבן אַריינגענומען ר׳ הערשן אין זייער קאַפּעליע אַלס באַס. פון חתונה צו חתונה, אָדער ביי אַ שמחה פון סיום התורה האָט ר׳ הערש געשפּילט אויפן באַס, באַגלייטנדיק דעם פידלער מיטן פויקער.

קיין גרויסער נצרך איז ר׳ הערש נישט געווען. ער האָט געהערט צו די מסתפּקים במועט, אַ שטיקל ברויט מיט וואַסער, דערצו געזאַלצן וואַסער, איז פאַר אים געווען גענוג צו זעטיקן דעם הונגער. קיין עול פון אויסהאַלטן אַ משפּחה האָט ר׳ הערש נישט געהאַט, כל שניו איז ער גע־ווען אַ פּרוש. אַלע יאָרן אין זעלבן בגד, אין די זעלבע שטיוועלעך און אין זעלבן היטל און יאַרמולקע, און אין זעלבער שפּענצער. אַלע בגדים זענען געווען פון ברוינעם קאָליר, דער אויבער־מלבוש איז געווען ברוין און דאָס סאַמעטענע קעלנערל אויך ברוין, דאָס היטל מיט אַ הייכער

דענקע איז אויך אָפּגעקראָכן פון אייגנטלעכן קאָליר און אָנגענומען אַ גלאַנציקע ברוינקייט, דאָס זעלבע די שטיוול, אָפּגעקראָכן דאָס שוואַרצע און עס האָט זיך אַרויסגעזען ברוינע פלעקן אויף די כאָלעוועס, ווי די פעל וואָלט צוריקגעקומען צו איר נאַטירלעכן פאַרב. די באָרד ביי ר׳ הערשן איז אויך געווען ברויגלעך, די וואָנצעס אין גאַנצן פאַרברוינט פון טאַבאַק. אַ דאַרער אויסגעמאַטערטער גוף, קוים וואָס דאָס חיות האָט זיך אין אים געהאַלטן, געכאָרכלט מיט די לונגען און געהוסט מיט אַ ברוי־נעם לייכעץ, אָפּטמאָל האָט זיך באַוויזן אַ רויטער בלוט־פלעק, וואָס האָט נאָך מער בולטער געמאַכט דעם ברוינעם לייכעץ. געשלאָפן אויף דער ערד מיט איין אויג אָפן און דאָס אַנדערע פאַרמאַכט, בכדי חלילה נישט צו פאַרשלאָפן ביאת המשיח און נישט צו געניסן אין דער פולער מאָס פון תענוג שינה. ר׳ הערש איז געווען אַ רעטעניש פאַר דער מעדיצין, אַלע רופאים אין שטעטל האָבן נישט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי עס האַלט זיך די נשמה אין אים, ווייל לויט אַלע כללים פון דער חכמת הרפואה, וואָלט ער שוין לאַנג באַדאַרפט זיין אויפן עולם האמת. אַז אַ מענטש שפּייט מיט בלוט, פּיבערט יעדן פאַרנאַכט, הוסט מיט אַ ברוינער פלעג־מע, וואָס ווערט פון דער הויכער טעמפּעראַטור אין קערפּער אָפּגעבאַקן אויף ברוין, פאַסט דערצו תעניתים און האַלט דעם גוף אומדערנערט, היינט ווי לעבט אַזאַ מענטש, סיידן ער האַלט זיך אויף ניסים מן השמים, נישט אַנדערש!

ר׳ הערש האָט זיך נישט געהאַלטן פאַר קיין מנגן. אין חכמת הנגינה פלעגט ער זאָגן, האָט ער אַ גאַר שוואַכן אָנונג. מוזיק, פלעגט ער טענהן, געהער דאָך צו די שבע חכמות און צו דעם איז ער נאָך נישט דערגאַנ־גען. מוזיק, פלעגט ער אויסטייטשן, איז תורת הרגש, וואָס גיט איבער דורך קלאַנג דעם אינערלעכן, מענטשלעכן געפיל, וואָס מען קאָן דורך ווערטער נישט אַרויסברענגען. מוזיק איז דער העכסטער אויסדרוק פון התרוממות, פון דערהייבונג. דאָס, וואָס מען קאָן נישט באַין אופן דער־גרייכן דורך עיון, דורך מחשבה, — קאָן דערגרייכט ווערן דורך רגש, דורך געפיל. אויב למשל עיון גרינטעוועט אין דער טיף, שטייגט אָבער מוזיק אין דער הויך, נאָך העכער פון אַלע הויכקייטן. אַ באַווייז האָט ר׳ הערש געברענגט צו זיינע ווערטער פון דער נגינה, וואָס מען האָט פאַר־

פאַסט צו אונדזערע תפילות, צו פיוט, תמיד איז דער ניגון מער אומ־פאַסנד, ברייטער, ווי עס זענען די ווערטער פון יוצר.

ר׳ הערש פלעגט אָפּפרעגן די איינשטעלונג, אַז מוזיק באַגרעניצט זיך צו אַ אַכטל, אָדער אַ זעכצנטל טאָן, עס איז נישט ריכטיק פלעגט ער זאָגן, ווייל אויב עס האַנדלט זיך אין רגש הלב, אָדער גאָר התרוממות הלב, און מען דערגרייכט נאָך דערצו צו התפעלות, ווי קאָן מען עס אָפּ־מעסטן גרעניצן, די חכמה פון מוזיק, דער מענטשלעכער שכל, די גאונות פון מענטש איז דערגאַנגען צו די גרעניצן, אָבער מוזיק אַליין, נגינה, זמרה, וואָס שטייגט איבער דעם מענטשלעכן מוח, וואָס קאָן מיט אַזאַ דערהויבונג אַרומשפּאַצירן איבער די האַרץ־וועגן פון מענטש אַזוי איידל, אַזוי צערטלעך אָנרירן דעם סובטעלסטן אָדערל פון מענטשלעכן לב הנסתר, ווייסט מסתמא נישט פון קיין גרעניצן.

פאַראַן מענטשן, פלעגט ר׳ הערש זאָגן, וואָס טענהן, אַז זיי פאַר־שטייען מוזיק. נו! דאַרף מען זיי דאָך גלויבן, וואָרום, פאַרוואָס זאָל דער עמיצער זאָגן אַ ליגן? אָבער עס זענען פאַראַן אַנדערע, וועלכע זאָגן, אַז זיי פילן מוזיק, דורך רגש הלב, די מענטשן זענען נעענטער צום אמת, ווייל מוזיק, נגינה געהערט דאָך צו די זאַכן, וואָס אַפילו מען פאַרשטייט נישט, קאָן מען אָבער פילן. אַט למשל, איז שווער צו פאַרשטיין, משיג צו זיין, זיך צו דערהייבן צו השם־יתברך אין הימל, אָבער פילן, צי דורך רגש הלב, צי דורך אמונה קאָן יעדער בר־נש.

אַז ר׳ הערש האָט זיך צערעדט וועגן מוזיק איז אים שווער געווען אָפּצוהאַלטן, איז דערגאַנגען ביז צו דוד המלך, וועמען ער האָט באַטראַכט פאַר אַ אויטאָריטעט אין מוזיק. אויף זיך אַליין האָט ער געהאַלטן אין איין איבערחזרן, אַז ער איז נישט קיין ידען אין דעם, מער נישט ער העלפט צו דער קאַפּעליע, באַגלייטנדיק זיי אויפן באַס און באַקומט דער־פאַר שכר בטול זמן, אַפילו נישט פאַר קיין עבודה, וואָרום אויב עבודה, — וואָלט ער דאָך באַדאַרפט קענען.

ר׳ הערש האָט כל ימיו ושניו זיך פאַרנומען מיט תורה, תפילה און תעניתים, וואָס מערער פייניקן דעם גוף, וואָס מערער מעקב זיין דעם יצר־הרע ער זאָל נישט האָבן קיין שליטה איבערן חומר.

היות עס איז אַ צייט פון חורבן, וואָס דאַטירט זיך פון סוף בית

שני, עס איז נישטאָ ווו צו ברענגען אַ קרבן תודה, אָדער אַ קרבן חטאת, — פלעגט ר׳ הערש זאָגן: דאַרף מען זיצן און לערנען, עוסק זיין אין תורה און נאָכפאָלגן וואָס רבא האָט געזאָגט, נעמלעך: „כל העוסק בתורה אינו צריך לא עולה ולא חטאת״. — דער, וואָס זיצט און לערנט תורה דאַרף נישט ברענגען נישט קיין קרבן עולה און נישט קיין קרבן חטאת. פאַסטן תעניתים דאַרף יעדער ייד, ווייל דורך דעם פאַסטן ווערט דאָך פאַרמינערט דאָס בלוט ביי אַ מענטשן, און ר׳ ששת האָט געזאָגט אַ ספּעציעלן יהי רצון צום רבונו של עולם אין דער צייט פון פאַסטן: אַזוי ווי דורך מיין פאַסטן האָב איך דאָך פאַרמינערט דאָס בלוט אין מיר, זאָל דאָס אין די הימלען פאַררעכנט ווערן, ווי איך וואָלט עס געברענגט אַלס קרבן אויפן מזבח.

אַז מען האָט געפרעגט ר׳ הערשן פאַרוואָס ער איז מערסטנס עוסק אין די מסכתות זבחים אָדער מנחות, האָט ער אויף דעם פאָלגנד געענט־פערט: היות מיר זענען דאָך זינדיק, וואָלט מען דאָך באַדאַרפט ברענגען אַ סך קרבנות, און ווו צו ברענגען די קרבנות איז דאָך נישטאָ; זיצט ער און לערנט די גמראָס, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט די ענינים פון קרבנות און ער באַמיט זיך, אַז דורך עיון, דורך מחשבה, דורך כוונה צו ברענגען די אַלע קרבנות. דערביי האָט ר׳ הערש געזאָגט אַ יהי רצון, אַז אין הימל זאָל זיין כוונה פאַרעכנט ווערן, ווי אַלע יידן וואָלטן למעשה געבראַכט קרבנות.

יידן אין שטעטל האָבן געזאָגט, אַז ווען נישט אַזעלכע ר׳ הערשס, וואָלט שוין די וועלט געווען כולו חייב, זיי זענען עס די עמודים פון קיום העולם. דערביי זיך פאַררופן אויף אַ וואָרט, וואָס האָט געזאָגט ר׳ חיא בר אבא אמר ר׳ יוחנן: „אפילו בשביל צדיק אחד העולם מתקיים, שנאמר: „וצדיק יסוד עולם״. (יומא ל״ח).

ר׳ נחום

כל ישראל ערבים זה לזה, אזוי שטייט געשריבן אין דער הייליקער תורה, אָבער עס איז דאָך נישטאָ קיין שום פסוק, קיין ש׳ם רמז אין דער תורה, אַז ישראל זאָל זיין ערוב פאַר צורדי ישראל, פאַר די, וועלכע ווילן אונדז רחמנא לצלן אומברענגען, אָפּמעקן פון דער וועלט, חס ושלום.

אָן אַ ניגון, אָן אַ טראָפּ, אָן אַן אָפּשטעל האָט ר׳ נחום דער בעקער געהאַלטן אין איין איבערחזרן די אויבנדערמאָנטע ווערטער — זיצנדיק אין קלויסטער מיט נאָך אַן עדה יידן, וועמען היטלערס הילות אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל בראוכיטש האָבן דעם 11טן סעפּטעמבער 1939 פאַרשפּאַרט אַלס ערובניקעס אין אַ מקום טומאה אין שטעטל ס. לעבן טייך בוג.

קיין תשובה אויף דער פראַגע האָט ר׳ נחום נישט געהאַט, איז גע־בליבן שטיין מיט אַ תיקו, ווי ביי אַ סך האַרבע סוגיות אין דער גמרא, וואָס ער האָט נאָך געדענקט פון זיינע אַמאָליקע ישיבה יאָרן.

פלוצים האָט זיך ר׳ נחום געכאַפּט אַז אין אַ מקום טומאה — אין אַ קלויסטער טאָר מען נישט ריידן קיין דברי קודש, אַז דאָס איינציקע וואָס מען באַדאַרף זאָגן איז „שקץ תשקצנו״ און דאָס אויך בלחש, שטיל קיי־נער זאָל חלילה נישט דערהערן, איז ער פאַרשוויגן געוואָרן.

אַ האַלבע פלייצע אָנגעשפּאַרט אין וואַנט, די צווייטע האַלבע פליי־צע איז נאָכגעגאַנגען דעם אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, וואָס האָט קוים באַקומען אַ שטיקל אָנשפּאַר אין די ציטערנדיקע קני, פון רעכטן זייט איז לעבן ר׳ נחומן געזעסן זיין עלטערער זון, פון לינקן זייט דער שרייבער פון די שורות.

נו, האָט ר׳ נחום אַרויסגעשטאַמלט, קאָן מען דען פרעגן קשיות. אָט האָב איך געקלערט צי איך זאָל אייך אַריינגעמען אין שטוב, ווען איר האָט 2 פאַרטאָג אָנגעקלאַפּט אין מיין טיר, ס׳הייסט איך האָב טאָקע געלערנט, אַ יידן לאָזן מיר תמיד אַריין, פאַר אַ יידן איז אונדזער שטוב טאָקע שטענדיק אָפן, אָבער איך האָב געקלערט טאָמער חלילה פאַר־

שטעלט זיך אָן ערל פאַר אַ יידן, עס האָבן פּאַסירט אַזעלכע פאַלן, הייג־טיקע צייטן קאָנען מאַנכע ערלים אויך רעדן יידיש, מען לאָזט זיי אַריין אין הויז און נאָכהער טוען זיי אָן צרות.

ריידן אויפן קול האָט מען נישט געטאָרט, ווי גיך מען האָט צווישן זיך אָנגעהויבן העכער ריידן האָט דער זעלנער פון די נאַצישע שטורעם־טרופּן, וועלכער איז געשטאַנען אין דרויסן און באַוואַכט די עדה יידן, געעפנט די טיר און מיטן פזמון פון די נאַצישע זידלערייען געדראָט מיט כלערליי קאָנסעקווענצן און געפאָדערט צו זיין שטיל, רואיק, מען זאָל די פּאַרע פון קיינעם נישט הערן. יידן האָבן אָבער נישט געקאָנט זיך איינ־האַלטן פון וויינען אויפן קול. מען האָט געהערט דאָס כליפּען פון עלטע־רע מענטשן, דאָס שלינגען די טרערן — טרערן פון פחד, פון אימה, פון שרעק, פאַר די נאַצישע תלינים, פאַר היטלערס משחיתים.

זאָגט מיר, איך בעט אייך — האָט ר׳ נחום זיך געווענדט צו זיין שכן פון לינקס, ווער זענט איר, פון וואַנען שטאַמט איר, וווהין האָט איר געוואָלט לויפן און ווי אַזוי זענט איר דאָס אַנטקעגנגעגאַנגען דעם שונא? האָט אונדז דער גורל צונויפגעפאָרט, לאָמיר כאָטש וויסן איינער פון אַנדערן אַביסל פּרטים, איינצלהייטן, אפשר האָט אימיצער פון אונדז אַ צד אין הימל, וועלכער האָט אַ צוטריט צום הימל־פּאַרהאַנג, ווו עס קומט זיך צוזאַמען דאָס בית־דין של מעלה און חתמעט דעם פּסק דין אויף אונדזער פאָלק ישראל.

איך, פאַרשטייט איר מיך, בין דאָ אַ בעקער אין שטעטל, מען רופט מיך טאַקע נחום דער בעקער. איך בין נישט דער שר האופים פון שטעטל, עס זענען דאָ נאָך בעקערייען, נאָך יידן גאָט צו דאַנקען לעבן פון דער זעל־בער פּרנסה. אָבער איך האָב זיך נישט אויף וואָס צו באַקלאָגן. וואָלט נאָר געווען שלום אויף דער וועלט און די נאַצישע משחיתים וואָלטן אונדז צורו געלאָזט און נישט געוואָלט אומברענגען, וואָלט מען געקאָנט לעבן און מחנך זיין קינדער לתורה ולמעשים טובים. פאַרשטייט איר מיר אַ בעקעריי איז אַ פּרנסה, וואָס איז אַ סינטעז פון מלאכה מיט מסחר צוזאַ־מען. מען קויפט אַליין די תבואה, מען שיקט דאָס אין מיל אַריין מאָלן און נאָכהער באַקט מען. איך און די פרוי אַרבעטן מיר אַליין, אַביסל קומט מען אָן צו געדונגענער אַרבעט. אָבער קיינער ח״ו באַקלאָגט זיך

נישט אויף אונדז, אַז מיר זאָלן וועלן אויסנוצן. גראָד פאַרקערט, די עט־לעכע בעלי־מלאכות, וואָס זענען דאָ אין שטעטל רייסן זיך און אַלע וואָלטן וועלן אַרבעטן פאַר אונדז.

דער בחור זיצט און לערנט אין ישיבה, דער ייִנגערער גייט נאָך אין חדר און אין אָוונט קומט אַ לערער און לערנט מיט אים למודי חול. איך אַליין היט אָפּ דף יומי. אַמאָל אַ סך געלערנט, טאַקע נאָר געזעסן און געלערנט, לעצטנס איז דער עול פון פרנסה שווערער געוואָרן, פאַרדריסט טאַקע, וואָס מען איז געצוווּנגען געוואָרן אַביסל אָפּצולאָזן פון לערנען. נו און ווער זענט איר טאַקע, זאָגט מיר, אדרבה — לאָמיר הערן.

איך קום פון וואַרשע, ס'הייסט כ'בין נישט קיין וואַרשעווער, די לעצטע יאָרן נאָר געלעבט אין וואַרשע, אויך אַמאָל געלערנט אין ישי־בות, אָבער ליידער שוין אַ סך יאָרן נישט געלערנט. עס קומט פשוט נישט אויס, די פרנסה איז אַזאַ, וואָס גיט נישט קיין צייט, קיין מעגלעכ־קייטן, טאַקע צו באַדויערן, אָבער וואָס קאָן מען דען העלפן?

ווו, אין וועלכע ישיבות האָט איר דאָס אַמאָל געלערנט, אפשר האָבן מיר געהאַט בשותפותדיקע חברים, ראשי ישיבות. איך האָב אַמאָל גע־לערנט ביי ר׳ שמחהן, שפּעטער ביי ר׳ שאולן, נאָכהער ביי ר׳ שמעונען. גאָר צום אָנהויב, דאָס הייסט גלייך ווי איך בין אָנגעקומען אין כט, בית פון ס...ר ישיבה האָט דאַן געזאָגט אַ שיעור ר׳ אברהם לייבעלע. אָבער דאָס איז געווען נאָך אין 1916 — דאַן זענען מיר אויך געווען אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע, אָבער דאַן זענען עס געווען גאָר אַנדערע צייטן, דאַן האָבן זיי אונדז געראַטעוועט פון פּאָגראָמען פון די רוסישע קאָזאַקן, ברויט האָט מען באַקומען אויף קאַרטן און שיך געטראָגן מיט הילצערנע פּאָדעשווּעס, אָבער דאָס לעבן איז געווען געשיצט, ייד איז נישט געווען קיין שימף וואָרט, אַ ייד האָט געהאַט רעכט צו לעבן. היינט אָבער, היינט ווילן די זעלבע גאָר אונדז אומברענגען, נישט אַנדערש ווי אונדז עוקר זיין פון דער וועלט.

אַז איך האָב ביי אייך אָנגעקלאַפּט אין טיר 2 בייגאַכט — בין איך אָנגעקומען אין שטאָט צוזאַמען מיט די ערשטע טאַנקן. איינער אַליין גע־גאַנגען אויפן שאָסיי, וואָס איז אַלע פּאָר מינוט באַלייכטן געוואָרן מיט ליכט־ראַקעטן, האָב לכתחילה נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָס איז און ווער

עס באַלייכט דאָס אַזוי דעם וועג, ווייל קיין שיסערייען האָט מען נישט געהערט, שפּעטער, אַז איך האָב געהערט דאָס רוישן פון מאָטאָרן האָב איך אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז מסתמא באַלייכט דאָס דער שונא דעם וועג, האָב פאַרשנעלערט מיינע טריט, געגאַנגען האַסטיק, אַן אָטעם ממש, אָבער, אַז איך בין צוגעקומען צום ברעג פון שטאָט, ווו ביידע שאָסייען קומען זיך צוזאַמען, האָב איך באַמערקט ווי צוזאַמען מיט מיר גייען אַריין אין שטאָט די ערשטע טאַנקען, פון איין טאַנק האָט אַרויסגעשטאַרצט אַ האַלבער קערפּער פון אַ זעלנער מיט אַ שוואַרץ העמד, נאָך אים זענען געגאַנגען נאָך צוויי טאַנקען, האָב איך זיך שטאַרק דערשראָקן, האָב אָנגע־קלאַפּט ביי אייך אין טיר און אַ נס וואָס איר האָט מיר געעפנט די טיר און אַריינגעלאָזט צו אייך אין שטוב, ווען נישט וואָלטן זיי מיך זיכער דערשאָסן.

יאָ, ר׳ נחום — איר זענט גערעכט, איינער פון אונדז האָט זיכער אַ צוטריט צום הימל־פּאַרהאַנג. איצט זע איך, אַז אין אייער זכות מש־מעות בין איך ניצול געוואָרן פון טויט די נאַכט. וואָס ווייטער וועט זיין ווילט זיך איצט נישט טראַכטן, אַבי איך געפין זיך צווישן יידן.

געדענקט איר אפשר עפּעס אַ דבר תורה פון ר׳ שמעונען, אָדער ר׳ שאולן, האָט ר׳ נחום געפרעגט זיין שכן פון לינקס, שווער צו געדענ־קען, אַזוי פיל יאָרן פאַרביי. אויב איך מאַך נישט קיין טעות איז דער לעצטער שיעור, וואָס איך האָב געהערט פון ר׳ שאולן איז געווען וועגן „תשע חניות כולן מוכרות בשר שחיטה ואחת בשר נבילה״, 9 קראָמען ווו אין אַלע ווערט פאַרקויפט געשאָכטענע פלייש און אין איין קראָם טריפה פלייש, אַ גמרא אין חולין שיינט מיר דף ט׳. ר׳ שאול האָט אויף דעם געזאָגט דרש, גענומען דעם פרי מגדים און אַנדערע מפרשים צו הילף וואָס, אָבער דער דרש איז געווען געדענקט זיך שוין אָבער, ליידער נישט.

געדענקט איר נישט, ווו איר האָט געהערט דעם שיער פון ר׳ שאולן, ס׳הייסט אין וועלכער ישיבה האָט ר׳ נחום ווייטער געפרעגט, יאָ! איך געדענק. עס איז געווען אין דער ישיבה. אויב אַזוי האָבן מיר דאָך ביי־דע געלערנט צוזאַמען, אויך איך האָב דאָך צו יענער צייט געלערנט אין ס...ר ישיבה און טאַקע געהערט דעם זעלבן שיער פון ר׳ שאולן, ווי רופט

מען אייך זאָגט מיר, עס קאָן דאָך נישט זיין, אַז מיר זאָלן זיך נישט קאָנען, האָט ר׳ נחום מיט גרויס נייגער אַרויסגערעדט די לעצטע ווער־טער, און נישט דערוואַרטנדיק אויף קיין תשובה אַליין געזאָגט: איך ווייס, איך דערקען דיין קול, דו ביזט דאָס טאַקע, אַט שטייסטו מיר פאַר די אויגן, אַט געדענק איך דיך פון יענער צייט, אַט זע איך דיך אין דיינע האַלבע שיך מיט די הילצערנע זוילן, וואַרט — לאָמיך זיך דערמאָנען, האָסטו דען נישט געזאָגט אויף אויסנווייניק פאַר ר׳ בערל אייזיקן די ערשטע פופציק בלאַט גמרא — די ערשטע פּרקים פון בבא מציעא — פון שניים אוחזין בטלית ביז איזה נשך, אויך איך האָב זיך דאָך ביים זעלבן בערל אייזיקן פאַרהערט, אין שטוב ליגט דאָך נאָך זיין תעודה. אויך דאָס קליינע ש״ס, פאַר בבא קמא אויף אויסנווייניק, וואָס מיר האָבן באַקומען פון אַ דייטשן ייד, אַ ראַבינער אין פראַנקפורט — און ביי די ווערטער האָט ר׳ נחום, זיך דערמאָנט דעם נאָמען.

צוויי יידן, צוויי חברים האָבן זיך ווידער באַגעגנט — פריער אויף דער ישיבה־באַנק אונטערן שוץ פון דייטשן זעלנער, שפּעטער אויף דער ערד אין אַ מקום טומאה אונטער דער שאַרפער שווערד פון נאַציש־דייטשן תליון.

***

אין גבורה אויפשטאַנד פון די געטאָס אין פוילן, אין העראָאישן קאַמף קעגן די נאַצי־תלינים, אין די גאַז־קאַמערן פון טרעבלינקע איז ר׳ נחום, צוזאַמען מיט זיין משפחה אומגעקומען. פאַר אַלע דורות ביז צום סוף וועט פאַרבלייבן אין זכרון פון יעדן יידן דער מוט, פון אַלע די, וועל־כע האָבן אָנטיילגענומען אין דעם אויפשטאַנד, צווישן וועלכע עס איז געווען ר׳ נחום ז״ל.

ר׳ עזרא

ווינטער צייט, פון אָנהויב „אָשיען" ביז אין פרילינג אַריין האָט זיך ר' עזרא פאַרנומען מיט פאַרקויפן גרינוואַרג. ער איז געשטאַנען מיט אַ טישל אויפן פיש־מאַרק, און יעדע באַלעבאָסטע, וואָס האָט איינגעקויפט פיש אויף שבת, האָט ביי עזראן איינגעהאַנדלט: אַ שטיקל פעטרושקע, אַ בינטעלע מייערן, אַ קרענצל ציבעלעס, אַ הייפטל קרויט, אַ שנירל קנאָבל און אַלע אַנדערע ירקות, וואָס זענען נויטיק צו שבתדיקן געקעכץ. אין מיטן דער וואָך, איז ר' עזראס מסחר באַשטאַנען: פון פאַרקויפן אַ בראַקאַווענעם עפּל, אַן אָנגעריירטע פון פראָסט באַרנע, געדאַרטע יענגעל־קעס, איינגעזייערט קרויט, אָדער אוגערקעס, אַביסל רויטע בוראַקעס אויף באָרשטש און אַנדערע פרי העץ, אָדער פרי אדמה פּראָדוקטן.

זומער צייט, אַזוי: פון נאָך פסח ביז אין „אָשיען" אַריין, — ביז עס האָבן זיך אָנגעהויבן די גרויסע בלאָטעס — איז ר' עזרא געווען אַ בראָקירער. דאָס הייסט פשוט, ער האָט זיך פאַרנומען מיט ברוקירן גאַסן, ער פלעגט נעמען און אויסלייגן דעם ברוק מיט שטיינער, און עס איז געוואָרן אַ ברוקירטע גאַס. אויף ר' עזראן האָט מען געזאָגט, אַז ער איז אַ ספּעציאַליסט, אַ גרויסער פאַכמאַן אין לייגן שטיינער, צו זיין אַרבעט האָט מען קיין אינזשיניער נישט באַדאַרפט האָבן, יעדער שטיין איז געווען אָפּגעמאָסטן מיט ר' עזראס אויג. ער האָט געוווסט ווי אַזוי אים אַוועקצולייגן. איין שטיין האָט ער געלייגט מיטן שפּיץ אַרויף, דעם צווייטן מיטן שפּיץ אַראָפּ, צווישן אַזעלכע צוויי שטיינער האָט ער אַריינגעלייגט איינעם מיטן גלאַטיקן חלק פון אויבן און די שפּיצן אין די זייטן, אַרומגעשאָטן מיט זאַמד. און עס איז אויסגעקומען גלייך ווי אַ ווירע, די גלייכקייט האָט מען שפּעטער אויסגעמאָסטן מיט אַ שטריקל. ר' עזרא האָט פאַרזשמורעט אַן אויג אַמאָל דאָס רעכטע און אַמאָל דאָס לינקע. אַ קוק געטאָן אויפן שטריקל און ווי אַ יעגער שטעלט אָן זיין ביקס צו טרעפן אין ציל, אַזוי האָט ער אויך אָפּגעמאָסטן די גלייכקייט פון די געלייגטע שטיינער אויפן ברוק.

אין שטעטל איז דער עולם געגאַנגען אויפן ברוקירטן טייל און ר'

עזרא האָט פון דערוויטנס באַוווּנדערט זיין אייגענע אַרבעט, הנאה גע־האַט פון זיין ווערק, בעיקר שבת ביי טאָג נאָכן שלאָף, בעת יונגוואַרג איז געגאַנגען שפּאַצירן אויפן ברוקירטן ברוק און געשמאַק געשיילט סע־מעטשקעס, איז זיך ר׳ עזרא געגאַנגען פּאַמעלעך, די הענט פאַרוואָרפן אין שבתדיקן גאַרטל, די באָרד אויסגעקעמט פון די קאַלטאַנעס, די שטיוול אויסגעשמירט מיט דזשעגעכץ און געקוקט אויפן ברוק. ער האָט געזען: פיס און שטיינער, זיינע שטיינער, וואָס ער האָט אַזוי גוט ארומגעהאַקט און צוגעפּאַסט זיי זאָלן ליגן גלייך. טאָמער האָט פּאַסירט אַז אַ יונג, מיידל האָט ביים גיין אויפן ברוק פאַרטשעפּעט דעם שמאָלן אָפּצאַס, וואָס איז אַריינגעקראָכן אין אַ „פּרימיזשוטאַק" צווישן צוויי שטיינער און צו־ליב דעם שיער נישט געפאַלן און געניזיקט געוואָרן, פלעגט ר׳ עזרא נישט נתפּעל ווערן, נאָר אַזוי בנעימות אַ זאָג טאָן צו זיך אַליין: „אַז מען וויל גאוה טרייבן, מוז מען ווייטיק ליידן. „דער טייטש פון דעם זאָג איז גע־ווען: אַז אויב דו ווילסט טראָגן שיך מיט שמאָלע און הויכע אָפּצאַסן צו־ליב גאוה, דאַן מוז מען ליידן אַביסל ווייטיק פון דעם. ר׳ עזרא האָט בכלל נישט פאַרשטאַנען צו וואָס באַדאַרף מען עס טראָגן הויכע און שמאָלע אָפּצאַסן, בעת עס איז אַ סך בעסער און אַ סך באַקוועמער צו טראָגן נידעריקע און ברייטע אָפּצאַסן, טאַקע נישט אַזעלכע אָפּצאַסן ווי עס זענען פון די שטיוול, אַ פּרוי האָט דאָך אַן איידעלערן פוס, נאָר כאָטש אַזעלכע ווי זיין עלקע טראָגט אויף די שערזשענע שיך, ברייט, באַקוועם, ממש אַ מחיה, אַז מען שטעלט אַוועק אַזאַ אָפּצאַס אויפן ברוק קאָן מען זיך נישט איבערקוליען און חלילה אויסגליטשן, מען בלייבט שטיין טאַ־קע ווי אויף אַ שטיינערנעם ברוק. איין קלייניקייט, פלעגט ער זיך דער־ביי אַ „מחשבותל" טאָן: עזראס ברוק, און בלייבן מיט דעם אַ צופרידע־נער.

ווינטער האָט מען ר׳ עזראן גערופן „דער מאַרקזיצער", זומער „דער ברוקירער". דאָס זומערדיקע איז ביי ר׳ עזראן געווען פאַרבונדן מיט מלאכה, מיט אַרבעט, דאָס ווינטערדיקע דאָקעגן — מיט מסחר, מיט האַנדל. ליבערשט איז ר׳ עזראן געווען די מלאכה פון ברוקירעריי, עפּעס האָט ער זיך געפילט שטאָלץ מיט זיין אַרבעט. איין קלייניקייט, דער בור־מישטש פון שטעטל, די לאָווניקעס פון מאַגיסטראַט, און דער ערד־מעס־

טער ווו זיי פלעגן רופן „דער געאָמעטריע״, אַז זיי פלעגן באַדאַרפן אויסברוקירן אַ שטיקל גאַס אין שטעטל האָבן זיי געשיקט רופן ר׳ עזראן, זיך מיט אים האַלטן אַן עצה, און ער האָט זיי געזאָגט אויף אויסנווייניק, נישט באַנוצנדיק קיין שרייב פענדל, אָדער קיין שטיקל קרייד אפילו, וויפיל שטיינער מען דאַרף, ווי ברייט עס באַדאַרפן זיין די רינשטאָקן אין די זייטן, וואָס זאָל אָפציען דאָס וואַסער פון ברוק אין רעגנדיקע טע...

די שטאָט באַלעבאַטים האָבן תמיד געהאַט אַן אויפמערקזאַם אויער צו ר׳ עזראס עצות, זיי האָבן זיך צוגעהערט צו זיינע רייד און געטאָן ווי ער האָט געראָטן, דערצו איז ר׳ עזרא אַליין געווען דער בעל־מלאכה, אַליין געלייגט די שטיינער, אַליין געמאָסטן דעם ברוק, ער האָט נאָך צוגענוצט עטלעכע שקצים, זיי זאָלן העלפן טראָגן די שטיינער, באַשיטן מיט זאַמד, איינקלאַפן מיט דעם הילצערנעם קלעצל דעם ברוק, בכדי די שטיינער זאָלן גלייך ליגן, דער מייסטער פון ברוק איז געווען ר׳ עזרא אַליין, און מיט דעם האָט ער זיך געפילט שטאָלץ, נישט חלילה גרויס, דאָס פּאַסט נישט פאַר קיין יידן, גרויס האַלטן זיך איז נישט קיין יידישע מידה, ער האָט זיך געפילט שטאָלץ. אָט אין אַ שטימונג פון „מקימי מעפר דל״ און אַזאַ מין סאָרט שטאָלץ איז שוין יאָ יידישלעך געווען לויט ר׳ עזראס אָפּשאַצונג.

לאָ עליכמדיק האָט זיך ר׳ עזרא געפילט אין ווינטער צייט, בעת ער איז געווען אין דער ראָל פון מאַרקזיצער, ווי מען פלעגט אים רופן, עפּעס איז ער נישט געווען אין זיינע פעדערן, ער האָט נישט געפילט, אַז ער טוט עפּעס אויף מיט זיין זיצן אין מאַרק און צוהאַנדלען מיט׳ן ביסל ירקות און פירות, וואָס איז ער דען מיט דעם מחדש — פלעגט ר׳ עזרא פון זיך אַליין רייסן שטיקער און זיך פייניקן. די ערד האָט ער נישט געאַקערט, די ביימער נישט געפלאַנצט, אמת איז, פלעגט ער צו זיך אַליין ריידן. ער פאַרקויפט די פירות און ירקות צו יידן, וואָס מאַכן איבער זיי אַ ברכה, אָבער פלעגט ער באַלד צוריק ריידן. די מצוה פון דער ברכה האָט דאָך דער בעל ברכה אַליין. אַנדערש אָבער, ווען ער טוט די אַרבעט פון אַ ברוקירער, עפּעס האָט ער זיך געפילט שטאַרק דערהויבן, אַזוי ווייט, אַז ער האָט זיך געקענט פאַרגלייכן צו יהושע, וואָס האָט געבויט דעם מזבח פון שטיינער.

אין בית־המדרש, אין די גרויסע ווינטערדיקע נעכט, אַזוי זיצנדיק

ביים אויוון, נאָך מעריב, אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם, נאָך אַ האַרבן תוספות, פלעגט ר׳ עזרא זיך אַביסל דורכוועקלען מיט ר׳ יואלן. ר׳ יואל איז געווען אַ מולער, ער האָט אין זומער צייט געלייגט ציגל, און געאַרבעט ביים בויען הייזער. געזאָגט האָט מען אין שטעטל, אַז ר׳ יואל לייגט ציגל אַזוי שנעל ווי עס לויפט דער פייל פון בויגן. ער האָט צו זיך נישט געהאַט קיין שום גלייכן. אָט האָט ער אָנגעהויבן לייגן ציגל פון פונדאַמענט, און אָט שטייט שוין אַ וואַנט, אַ גאַנצע וואַנט, איידער אימיצער פון די אַנדערע בעל־מלאכות האָבן באַוויזן אַ פינטל צו טאָן מיט אַן אויג, צו פאַרשמירן דאָס ליים מיט דער קעלניע פון איין אָוועקגעלייגטן ציגל — האָט שוין ר׳ יואל געהאַט אָוועקגעלייגט צען. אין בית־המדרש האָבן ביידע: ר׳ יואל און ר׳ עזרא צוזאַמען געזעסן און געלערנט, אַז זיי פלעגן נישט קאָנען דורכקומען אין פאַרענטפערן אַ תוספות, אין אויסטייטשן עפּעס אַ שווערע מימרא, האָט מען זיך אָנגעהויבן דורכוועקלען שלא ממין טענהנדיק. מען האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרמעסטן מיט מלאכות. ר׳ עזרא האָט געטענהט אַז זיין מלאכה פון ברוקעריי איז געהויבענער פון מולעריי. דעריבער טאַקע געבראַכט אַ ראיה פון מזבח, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פון בלויזע שטיינער, דאַקעגן הייזער ווערן דאָך געבויט פון ציגל און אייזן. און אַ גמרא אין סנהדרין זאָגט דאָך, פלעגט ר׳ עזרא זאָגן און כל אגדות ישראל פאַרטייטשט: פאַרוואָס האָט גאָט פאַרבאָטן צו נוצן אייזן צו די שטיינער פון וואָס מען בויט דעם מזבח? ווייל אייזן ווערט גענוצט אויך אויף אַנדערע זאַכן, אויף צו מאַכן שווערדן, העק און אַלערליי טויט־מכשירים, וואָס פאַרקירצן דאָס לעבן פון מענטש. דער מזבח דאַקעגן איז, בכדי צו פאַרלענגערן די טעג פון מענטשנס לעבן. דעריבער האָט יהושע דערקלערט, האָט דער בורא עולם פאַרבאָטן צו באַנוצן אייזן, וואָס איז עלול צו פאַרקירצן דעם מענטשנס לעבן, אָוועקצולייגן אויף די שטיינער פון וועלכע עס ווערט געבויט דער מזבח, וואָס באַדאַרף פאַרלענגערן דעם מענטשנס לעבן. ר׳ יואל פלעגט ענטפערן אַזוי: „דאָס וואָס דו זאָגסט עזרא איז טאַקע ריכטיק, אָבער במה דברים אמורים, — ווען זענען די ווערטער געזאָגט געוואָרן, באבני המזבח — ביי שטיינער פון מזבח, אָבער וואָס פאַר אַ שייכות האָבן דיינע שטיינער פון וועלכע, אָדער מיט וועלכע דו ברוקירסט די גאַסן.

ר׳ יואל און ר׳ עזרא האָבן זיך תמיד אַזוי דורכגעוועגעטלט שלא ממין הטענהדיק, נישט צוליב זאַכן, צוליב וועלכע זיי האָבן זיך באַדאַרפט איבערוועטלען, געטאָן האָבן עס ביידע דערפאַר, בכדי נישט נאָכצוגעבן דעם יצר הרע. דו יצר הרע ווילסט דאָך, אַז איך מיט ר׳ יואלן זאָלן זיך קריגן דערפאַר און דערפאַר, וועל איך דאָס טאַקע נישט טאָן, וועל איך זיך צעוועטלען צוליב עפּעס אַנדערש. דער אָנגרייפער איז תמיד געווען ר׳ עזרא און נישט ר׳ יואל. געזאָגט אין שטעטל האָט מען, אַז ר׳ עזרא האָט געפילט אַביסעלקע קנאה צו ר׳ יואלן, די קנאה איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ר׳ יואל האָט פון מאָלעריי אין די זומער חדשים, בעת זיין אַרבעט, פאַרדינט געגוג, בכדי נישט צו באַדאַרפן אָנקומען נאָך אַן אַנדער פּרנסה אין ווינטער צייט, בעת קיין אַרבעט ביי מולעריי איז נישטאָ. ר׳ עזרא דאַקעגן האָט געמוזט ווינטער־צייט אָנקומען צו דער פּרנסה פון מאַרקזיצעריי, וואָס עס איז אים נישט געווען שטאַרק צום האַרצן. אָבער מען טאָר דאָך נישט מקנא זיין, קנאה איז דאָך נישט קיין יידישע זאַך, אָבער פאַרדריסן מעג דאָך, האָט ר׳ עזרא געטייטשט און, אַז עס פאַרדריסט מעג מען דאָך זיך אַראָפּריידן פון האַרצן, און אַז מען רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן שלא ממין הטענהדיק, האָט מען נישט נאָכגעגעבן דעם יצר הרע, און מען באַגייט נישט קיין שום חטא.

אַז מען האָט געהערט אין בית־המדרש זיך דורכוועטלען ר׳ עזראן מיט ר׳ יואלן פלעגט מען שוין וויסן, אַז דאָס איז שלא ממין הטענה, אַז דאָס טשעפּעט זיך איינער מיטן אַנדערן סתם אַזוי צוליב קאַטאָוועס, ניט צוליב קאָנקרעטע זאַכן, נישט צוליב וועזנטלעכע זאַכן.

אין שטעטל ה. האָט מען כאַראַקטעריזירט ביידע יידן, ר׳ עזראן און ר׳ יואלן לויט זייערע מלאכות. אויף ר׳ עזראן האָט מען געזאָגט, אַז ער איז האַרט ווי שטיין, און אויף ר׳ יואלן האָט מען געזאָגט, אַז ער איז ווייך ווי ליים.

ר׳ עזרא האָט טאַקע אויסגעזען ווי אַן עקשן, וואָס האָט זיך געקענט פאַרמעסטן פון אַ שטיין אַרויסצובאַקומען וואַסער, אויב נאָר דער רבונו של עולם וואָלט אים געגעבן זיין צושטימונג דערפאַר. ר׳ עזרא, למשל, האָט קיינמאָל ביי דער אַרבעט נישט געשטעלט זיך אויף די קני, כאָטש די מלאכה פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל שטיין אויף די קני. ר׳ עזרא האָט עס

נישט געטאָן. ראשית האָט ער געזאָגט שטיין אויף די קני גוים, בעת זיי בוקן זיך אין קלויסטער, דאַרף עס אַ ייד נישט טאָן; שנית, וואָס הייסט שטיין אויף די קני, ס׳זאָל אויסזען ווי מען פאַלט כורעים פאַר אַ שטיין, טאָר מען אויך נישט. האָט ער אַלזאָ די אַרבעט זיינע פון ברוקירן די גאַסן אויסגעפירט, זיצנדיק צונויפגעלייגט אין דרייען, די פיס פון די שפּיצן פינגער ביז די קני, זענען געשטאַנען גלייך, פון די קני ביז צום סוף יריכו זענען געווען משופּעהדיק, און פון כף יריכו ביז צום קאָפּ ווידער אַמאָל גלייך, אין שטעטל האָט מען די פּאָזיציע אָנגערופן „טשיפּטשעס״.

ר׳ עזרא האָט אין שטעטל געשמט פאַר אַ גבור, פאַר זייער אַ שטאַרקן מענטשן, טאָמער האָט אימיצער געזאָגט, אַז ר׳ עזרא איז שטאַרק ווי אייזן, פלעגט ער אַליין אויסבעסערן און זאָגן, נישט ווי אייזן, נאָר ווי שטיין, ביי ר׳ עזראן איז שטיין געווען דער העכסטער אויסדרוק פון גבורה, אייזן פלעגט ער זאָגן קאָן מען מיט שטאַרקע הענט צעבייגן, אָבער נישט קיין שטיין.

מען האָט אין שטעטל דערציילט, אַז אַמאָל בעת אַ פּריזיוו, בעת עס קומען פון גאַנצן געגנט די שקצים זיך שטעלן צום מיליטער, האָבן זיי זיך אַמאָל צעבונטעוועט און אָנגעהויבן אַ הוליע טאָן מיט שלאָגן יידן, מיט רייסן בערד, מיט האַקן שויבן וכדומה, צו וועלכן די גוים זענען גע־ווינט. אַז ר׳ עזרא האָט דאָס דערזען, האָט זיך אין אים צעפלאַקערט זיין שטיינערנע גבורה. אַזאַ זאַך, עשיו אויף יידן, איז ער אַרויס אין גאַס, אַ כאַפּ געטאָן דעם ערשטן בעסטן שגץ פאַרן קאָפּ, אים אַריינגעגנו־מען אין די קלאַמערן פון זיינע הענט, און מיט אים אַ פּאַכע געטאָן צווישן די פּאַגראַמשטשיקעס, אַז אַלע זענען אַנטלאָפן פון שטעטל. זינט דאַן, אַז אַ שגץ האָט דערזען ר׳ עזראן איז ער פּאַרציטערט געוואָרן. אַלע גוים האָבן פאַר אים געהאַט גרויס פּחד און אַ דאַנק אים אָנגעהויבן דרך ארץ צו באַקומען פאַר די יידן פון שטעטל. אין בית המדרש האָבן ישיבה בחורים פּאַראַפראַזירט אַ פּסוק אין תהילים און אַזוי געזאָגט: „כחיצים ביד גבור כן בני הגוים ביד עזרא״, — אַזוי ווי פייַלן אין די הענט פון שטאַרקן, אַזוי זענען געווען די שקצים אין די הענט פון ר׳ עזראן.

ר׳ מאיר

אַ ייד אַ פקח איז געווען ר׳ מאיר. צו אים זענען געקומען יידן און גויים זיך שואל עצה זיין וועגן פאַרשיידענע ענינים. טאָמער האָט אימי־צער באַדאַרפט שטילערהייד זיך דערוויסן וועגן אַ שידוך הגון פאַר דער טאָכטער, צי פלוני בן פלוני וואָלט זיך וועלן משדך זיין מיט אים, איז מען קודם געקומען זיך האַלטן אַן עצה מיט ר׳ מאירן. האָט אַן אלמנה געוואָלט איר ירושה צו אימיצן געבן אויף פּראָצענט, האָט זי ראשית גע־פרעגט ביי ר׳ מאירן, און ער האָט אַלעמען געעצהט. גויים האָבן אין ר׳ מאירן געגלויבט ווי אין אַ גאָט. וועגן וואָס האָבן זיי דען נישט געפרעגט ביי מאירן? ממש וועגן אַלץ! וואָס זיי זאָלן פאַרזייען אויף די פעלדער, ווען און ביי וועמען זיי זאָלן איינקויפן די זריעה, ווען און צו וועמען זיי זאָלן פאַרקויפן די תבואה, צי פאַרן שניט, בעת עס קלאַסעווען זיך די זאַנ־גען, אָדער גלייך נאָכן דרעשען. ווען זיי זאָלן פאַרקויפן די וואָל, צי בעת די וואָל איז נאָך אויף די צאַביינער, אָדער גלייך נאָכן שערן. היינט, ווען אימיצער פון די ערלים איז געקומען זיך האַלטן אַ שטיקל ישוב הדעת מיט ר׳ מאירן וועגן אַ וויאַטראַק, אָדער גאָר וועגן אַ וואַסער־מיל, איז ער אָפּגעפרישט געוואָרן פון גרויס פרייד און פאַרגעניגן. ער האָט זיך דערפילט ווי אַ פיש אין וואַסער. איין קלייניקייט, די מיל־ענינים האָט ער געקאָנט אויף אויסנווייניק, איז געווען קלאָר אין יעדעס שרייפעלע, און טאַקע אַזוי ריידנדיק האָט ער מיטן מויל צעלייגט אַ גאַנצע מיל אויף שטיקעלעך, אויף קליינע ברעקלעך. קודם האָט ער אַראָפּגענומען שמועסנדיק די גרויסע לעדערנע פאַסן פון די רעדער, אַרויסגענומען די וואַלצן, איבערגעזען די שטיינער, פונאַנדערגענומען די פליגלען און אויף אַלץ געזאָגט אויסנווייניק מבינות, געבנדיק דערביי פאַרשיידענע עצות וואָס צו פאַרריכטן, וואָס פאַראַ רעשטעס אַריינצוזעצן, בכדי דאָס צע־מאָלענע מעל זאָל זיין שענער, דינער. ער האָט אויך דערביי געזאָגט וויפיל קלייען און וויפיל מעל עס וועט אַרויסקומען פון אַ פוד תבואה. די גויים האָבן פשוט געשלונגען יעדעס וואָרט פון ר׳ מאירן, האָבן זיך באַגייס־

טערט פאַר דעם קלאָרן קאָפּ זיינעם, פאַרן קענען אַלץ אויף אויסנווייניק.

חיונה האָט ר׳ מאיר געצויגן פון עטלעכע פריצישע הויפן, ווו ער איז געווען, דער קויפער און פאַרקויפער פון די תבואה, פון די פּירות, פון די פיש פון די גרויסע סאַדזעווקעס און נאָך אַנדערע זאַכן, וואָס די פּריצים האָבן פאַרקויפט אין שטאָט אַריין.

ר׳ מאיר האָט געפירט אַ שיין לעבן, זיין שטוב האָט געהאַט אַ שם, האָט געהאַט אַ ברייטע האַנט, האָט געוווּסט ווועמען מען דאַרף געבן אַ שיינע נדבה, און וויפיל אורחים עס זענען געווען אין שטעטל פרייטיק צו נאַכטס אין גרויסן בית המדרש, האָט זיי ר׳ מאיר אַהיימגענומען צום עסן.

שפּרינצע ר׳ מאירס ווייב האָט שוין געוווּסט, אַז זי דאַרף צוגרייטן דעם שבת, אַז עס זאָל זיין געננג צום עסן פאַר אַלעמען, זאָל בעסער איי־בערבלייבן, איידער חלילה אויספעלן. חלות האָט זי פאַרראַשטשיניעט אַזויפיל, אַז עס זאָל קלעקן אויף אַ גאַנצער וואָך, פיש און פלייש איז תמיד געווען אין שטוב, אברהם־יצחקל דער קצב, האָט אַריינגעטראָגן אין הויז אַריין גאַנצע זייטן פון רינדערן, קעלבערן און שעפּסענעם פלייש, די פיש זענען געקומען פון די פריצישע סאַדזעווקעס, וואָס ר׳ מאיר האָט באַקומען אַ גאַנצן יאָר פון לייזער עשעס דעם פישער אַ מין פּראָוויזיע פאַרן פאַרמיטלען ביים איינקויף.

מיט יידן האָט ר׳ מאיר ליב געהאַט צו ריידן דברי תורה, זיי צו דערציילן מעשות פון גוטע יידן, פון חסידישע רבייאים, פון זייערע מופ־תים, אָדער גאָר אַרומריידן פּאָליטיק, איבערגעבן געשיכטעס פון אַמאָ־ליקע מלחמות וכדומה. אין בית־מדרש צווישן מנחה און מעריב, זענען געשטאַנען אַ כאָפּטע יידן און זיך איינגעהערט צו ר׳ מאירס מעשות, און פון דעם געכאַפּט התפעלות, אַלע האָבן געוווּסט, אַז ר׳ מאיר האָט וואָס צו דערציילן, אַז ער טראַכט נישט אויס קיין שום זאַך פון אַרבל, וואָרים ער קומט צווישן פּריצים, איז אַן איינגייער אין די הויכע פענצטער, און אומעטום הערט ער זיך צו צו פאַרשיידענע זאַכן, צו דעם האָט ער דאָך אויך אַ גוטן קאָפּ און פאַרשטייט דאָס לשון אויף אַלע זייטן.

כאָטש אַ וואָרקער חסיד, האָט אָבער ר׳ מאיר ליב געהאַט צו דאַווע־נען אין אַלטן בית־מדרש, דאָרט האָט ער געהאַט זיין שטאָט, ביים עק טיש פון דער רעכטער זייט פון עמוד, וואָס איז געשטאַנען לעבן אָרון

קודש. נאָך ימים נוראים האָט ער געדאַוונט אין וואָרקער שטיבל, אַלע שבתים און די וואָכן טעג פון אַ גאַנץ יאָר אין אַלטן בית המדרש. סיי ווינטער און סיי זומער האָט ער שבת פאַר מנחה געלערנט מיט אַ גרופּע יידן אַ פּרק משניות, און גאַנץ פרי אַ בלאַט גמרא. לערנען האָט ר׳ מאיר געקענט, איז געווען אויסגעבונדן אין ש״ס און אין פוסקים, אין די יונגע יאָרן האָט מען אים גערופן דער וואָלאָזשינער עילוי, פאַר וועמען אפילו ראש הישיבות האָבן אַביסל מורא געהאַט, ווייל ער האָט געהאַט אַן אָפּגע־נעם קאָפּ און איז געווען אַ מזיק אין שאלות ותשובות, האָט אַלץ געוווסט, דערביי געהאַט אַזאַ שנעלע תפיסה, אַז מיט קיין פּאָר פערד האָט מען אים נישט געקענט דעריאָגן, זיין מוח. די אייגעלעך האָבן יונגערהייט געגלאַנצט פון חריפות, אַז ער האָט אַ פיר געטאָן זיינע פינקעלדיקע אויגן פון איין זייט אין דער צווייטער, איז מיטגעגאַנגען מיט זיי אַ גאַנצע מסכת, אַזוי האָט מען אין ישיבה גערעדט וועגן ר׳ מאירן אין די יונגע יאָרן.

צו זעכצן יאָר געקראָגן סמיכה, און היתר הוראה צו זיבעצן, אָבער ער האָט נישט געוואָלט הערן און נישט געדענקען פון קיין כסא הרבנות, צו וואָס דאַרף ער דאָס, אויסנעמען ביי קהל, זאָל בעסער קהל אויס־נעמען ביי אים, און וואָס שייך מבינות, מעג זיך טאַקע קהל אויף אים פאַרלאָזן. דערביי האָט נאָך ר׳ מאיר געמאַכט אַ פּשוטן חשבון, וואָס מ׳שטיינס געזאָגט קאָן מען שוין האָבן פון רבנות, קוים וואַסער אויף קאַשע, און אַז מען באַדאַרף אַמאָל פון אַ שטעלע אַנטלויפן אין אַן אַנ־דער שטאָט אַריין, איז די וואַסער פון דער קאַשע אויך אויסגערונען און עס איז נישטאָ מיט וואָס אָוועקצושווימען.

גלייך נאָך דער חתונה, נישט אַלט זייענדיק נאָך קיין פופצן אַכצן יאָר, האָט זיך ר׳ מאיר גענומען צו מסחר און האָט טאַקע מצליח געווען. קיין גרויסער גביר טאַקע נישט געווען, אָבער דערפאַר אַ שיינער בעל־פרנסה, גוט פאַרדינט און ברייט געלעבט, אַלץ מיט דער ברייטער האַנט, צי דאָס איז געווען אַ פדיון פאַרן רבין, צי אַ שייטל האָלץ אין בית מדרש אַריין, צי אַ מתן בסתר פאַר אַן אָרעמער כלה אויף חתונה הוצאות, פון ר׳ מאירן איז מען נישט אָוועקגעגאַנגען ליידיק.

אַליין נישט געוואָלט זיין קיין רב, און האָט אויך זיינע ביידע זין

נישט דערמוטיקט צו קיין רבנות, ער האָט זיי טאַקע געשיקט לערנען אין די בעסטע ישיבות, דעם עלטסטן צו ר׳ שמחהן, דעם יינגערן צו ר׳ אי־טשען, ביידע האָבן געהאַט קעפּלעך אין טאָטן געראָטן, האָבן אויך גאָר יונג באַקומען סמיכה, און טאַקע באַלד, נישט לאַזנדיק זיי וואַרטן אויף באַקומען היתר הוראה זיי פאַרטשעפּעט אין זיינע געשעפטן און זיי גע־מאַכט פאַר שותפים.

זיך משדך זיין מיט אַ רבס אַ טאָכטער מהיכה תיתא, אדרבא, אָבער נעמען אַ רב פאַר אַן איידים פאַר אַ מאַן פאַר זיין טאָכטער, דאָס נישט, בעסער אַ סוחר, איידער אַ רב, פלעגט ער טענהן, און דערביי שטעלן זיך פאַר אַ ביישפּיל, וואָס וואָלט ער דען געהאַט ווען ער נעמט אָן אַ כסא הרבנות, ער וואָלט אפילו נישט געקענט מקיים זיין ווי עס באַדאַרף צו זיין די מצוה פון צדקה, וואָרום ער אַליין וואָלט דאָך געמוזט אָנקומען צו צדקה, און די פּאָר רובל וואָס ער וואָלט שוין יאָ באַקומען, וואָלט דאָך דאָס געווען קצבה געלט, איז דען נישט בעסער אַזוי, ער איז אַ סוחר, און צו מסחר דערלייגט מען נישט, דער רבונו של עולם אַליין העלפט אים אין זיינע מסחרים און איז גאָר צופרידן, וואָס ער האָט נישט גע־מאַכט פון דער תורה קיין קרדום לחפור בה.

אַ מחיה געווען אַ קוק צו טאָן אויף ר׳ מאירן. זיין פּנים האָט גע־לויכטן פון שיינקייט, אַ פיר־קאַנטיקע באָרד האָט זיך אויסגעלייגט אויף זיין ברוסטקאַסטן, אַ שטערן אָן קנייטשן, געדיכטע באַוואַקסענע ברעמען, וואָס האָבן די טיפע בלויע אויגן געמאַכט אויסזען נאָך טיפער, ווי זיי וואָלטן געווען קוואַלן פון חכמה, פון וויסן, פון קענטעניש. די מלבושים, וואָס ר׳ מאיר האָט געטראָגן האָבן אַראָפּגעשיינט פון אים, ריין, ציכ־טיק. זומער געטראָגן האַלבע לאַטשן און ווינטער גימזענע שטיוועלעך, לייכטע, אַז מען האָט געקענט אין זיי גיין אויף גראָטן אפילו. נישט אומ־זיסט האָבן פּריצים פאַר אים געהאַט גרויס אָפּשיי און דרך־ארץ. ראשית, האָט ער זיך נישט געשעמט פאַר זיי און אין מיטן אַ שמועס — אויב נאָר עס האָט זיך אונטערגערוקט זמן מנחה, האָט ער איבערגעבעטן און געזאָגט, אַז ער האָט נאָך פון פריער באַשטימט אַ כונה שמועס מיטן רבונו של עולם און ער דאַרף דעריבער בעטן אַנטשולדיקונג אויף אַ פערטל שעה, ביז נאָכן דאַווענען. דער מוט, די אָפנקייט, די איבערגע־

געבנקייט צום אייגענעם גלויבן האָט שטאַרק אויסגענומען ביי די גויים און אַרויסגערופן גרויס דרך־ארץ.

ר׳ מאיר פלעגט זאָגן אויף זיך, אַז ער מיט זיין אויפפירן זיך צווישן גויים איז דער גרעסטער באַקעמפּער פון אַסימילאַציע, ווייל די גויים אַליין האָבן נאָר אַפשיי פאַר מענטשן, וואָס שעמען זיך נישט מיט זייער גלויבן. טאָמער באַהאַלט אימיצער זיין אמונה ווערט ער געהאַסט פון גויים.

אויף ר׳ מאירן האָט מען געזאָגט, אַז ער פירט געשעפטן מיטן גובערנאַטאָר אַליין, און אַז ער רעדט מיט אים ווי אַ גלייכער מיט אַ גלייכן. ער האָט אָבער קיינמאָל זיינע געשעפטן נישט אויסגענוצט צו בעטן עפּעס אַ טובה ביים גובערנאַטאָר. אים איז גאָר נישט אָנגעשטאַנען צו בעטן טובות. ער פלעגט פשוט זאָגן, אַז ער האַלט פון דינה דמלכותא דינה, די געזעצן פון מלכות דאַרפן פון יעדן בירגער רעספּעקטירט ווערן, און טאָמער חלילה פּאַסירט עפּעס, אַז מלכות גיט אַרויס נישט קיין געזעץ, נאָר אַ גזירה, אָדער מאַכט אַ ספּעציעלן געזעץ וואָס איז בבחינת גזירה דאַרף מען עס אויפן שטרענגסטן אופן באַקעמפן און עס איז נישט שייך צו בעטן קיין טובות, ווייל פון אַזאַ טובה קומט גאָר אַרויס אַ רעה, אַ גזירה מוז מען ברעכן און נישט בייגן, האָט געטענהט ר׳ מאיר און געהאַט אויף דעם הונדערט און איין טעם צו באַווייזן די ריכטיקייט פון זיין געדאַנק.

מתוכח זיין זיך מיט ר׳ מאירן איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן, אַז ער האָט עפּעס געזאָגט אַ געדאַנק איז דאָס געווען שטאָל און אייזן, ממש נישט אָפּצופרעגן. סתם אַזוי זיך האָט ר׳ מאיר נישט גערעדט, ער האָט נישט געהאַלטן פון גלאַט ריידן, יעדעס וואָרט האָט געמוזט ביי אים האָבן אַ באַדייטונג, מה דאָך אותיות האָבן זייער משמעות — פלעגט ער זאָגן — אַ רביתא ווערטער. נו, פלעגט ער טאָקע בויען אַ געדאַנק, אָנטאָן אַ מחשבה אַ לבוש פון ווערטער, איז עס אַרויסגעקומען אַ גאַנצע פעסטונג. מען האָט נישט באַדאַרפט מוסיף זיין און נישט אַראָפּנעמען קיין וואָרט. אַזוי איז ר׳ מאיר געווען אין לערנען, בעת ער האָט פאַרטייטשט אַ שווערע סוגיה, און אַזוי איז ער געווען אין ריידן וועגן מסחר, אָדער גאָר וועגן וועלט זאַכן. ר׳ מאיר, אַז ער האָט געגעבן להבדיל צו

פאַרשטיין אַ פּריץ וועגן יידישקייט, וועגן שמירת שבת, צי וועגן אַ יום־טוב, איז ער פון גוי נישט אָפּגעטראָטן ביז ער האָט זיך איבערצייגט, אַז ער האָט די זאַך גוט פאַרשטאַנען און טופּס געווען. אַלע בלבולים וועגן בלוט וואָס יידן נוצן אין די מצות פון יונגע שקצים אויף פּסח, האָט ר׳ מאיר די גויים אויסגעטייטשט מיט אַזויפיל לאָגיק, אַז זיי האָבן געזאָגט, און זיך מודה געווען, אַז ר׳ מאיר האָט זיי איבערצייגט. וואָס דאַרף מען דען האָבן מער, אייגער פון די פּריצים, וואָס איז געווען אַ געענדיקטער יוריסט און האָט פאַר אַ צייט לאַנג פאַרנומען די שטעלע פון ריכטער אין שטעטל און איז צוויי, דריי מאָל אַ וואָך געקומען צו פאָרן אין זיין פּריצישער קאַרעטע, געשפּאַנט מיט פיר פערד „נאָ שפּיץ" אין שטעטל אַריין, בכדי צו משפּטן אין די פאַרשיידענע פּראָצעסן, — פלעגט אָפּט־מאָל אין האַרבע „דיעלעס" זיך באַראָטן מיט ר׳ מאירן. ווען עס וואָלט זיך געווענדט אין אים — פלעגט דער פּריץ־ריכטער זאָגן — וואָלט ער ר׳ מאירן געמאַכט פאַר אַ ביי־ריכטער, וואָס וואָלט אים זיכער צונוצ־געקומען ביים פונאַנדערקלייבן זיך אין די פאַרוויקלטסטע פּראָצעסן. אין ציווילע זאַכן, וועגן פאַרשיידענע קאָנטראַקטן, מסחרים, היפּאָטעקן, פּלע־צער און הייזער, איז ר׳ מאיר ממש געווען גאוניש. ער האָט זייער שנעל געכאָפּט דעם שנור וואָס האָט אים אויסגעפּלאָנטערט פון אַלע שוועריג־קייטן, און געעפנט אַ גלייכן וועג פאַר זיין פּריץ דעם ריכטער. אויך אין קרימינעלע פּראָצעסן, מאָרדן, רציחה, גזילה וכדומה, האָט ר׳ מאיר אַרויסגעוויזן תמיד לאָגישן שכל, פון וואָס דער פּריץ איז גאַנץ אָפט ממש נתפּעל געוואָרן.

אין נחת און אין כבוד האָט ר׳ מאיר געלעבט אין שטעטל, ווערנדיק געאַכטעט פון אַלע אָן אויסנאַם איינוווינער, פון יידן און פון גויים. אַלע האָבן אים אַנטקעגנגעטראָגן דעם גוטמאָרגן, אַלע האָבן זיך מיט אים שואל עצה געווען, און שטענדיק מיט גרויס רעספּעקט אויסגעפאָלגט ר׳ מאירס עצה. געהאַט נחת פון קינדער, וועמען ער האָט אויסגעהאָדעוועט און מגדל געווען לתורה, ולחופּה, ולמעשים טובים. ביי ר׳ מאירן איז גע־ווען אַ הויז ווו עס האָט זיך קאָנצענטרירט תורה וגדולה במקום אחד.

אַלץ און אַלעמען האָט ר׳ מאיר פאַרשטאַנען מיט זיין שכל, און וועגן זאַכן וואָס זענען למעלה מיין השכל, — האָט אים תמיד דער שכל

געזאָגט, אַז מען דאַרף נישט צופיל אַריינקלערן. ער איז פון תמיד אָן גע־וועזן שטרענג צו עולות, האָט נישט פאַרטראָגן קיין רשעות, ער האָט גע־האָלפן דעם פריץ, דעם ריכטער געפינען די שולדיקע פון פאַרברעכנס און זיי פאַרמשפטן פאַר די פאַרשיידענע נישט־ריכטיקע טאַטן, וואָס זיי זע־נען באַגאַנגען לגבי מענטשן.

וואָלט ר׳ מאיר אויסגעלעבט זיינע באַשערטע יאָרן אין נחת און אין פרייד, אין העלפן מענטשן און אין מדריך זיין פיל פון זיינע אָנהענ־גער אין גייסט פון מידות טובות, איז אָבער אָנגעקומען אַ שוואַרצע כמאַרע פון אומדערהערטער מענטשלעכער רשעות, פון גרויזאַמער רציחה און ר׳ מאירן, צוזאַמען מיט זיין הויזגעזינד, צוזאַמען מיט אַ דריטל פון אונדזער שטאָט, אַזוי מערדערלעך, אַזוי פאַרברעכעריש און בעיקר אַזוי שוידערלעך אַלעמען אומגעבראַכט!

צוזאַמען מיט דער שוועבנדיקער נשמה פון ר׳ מאירן און אַלע קדו־שים וטהורים פון אונדזער פאָלק פרעגן מיר: ומי גוי גדול אשר לו חוקים ומשפטים צדיקים? — ווער איז דאָס פאָלק וואָס אורטיילט לויטן גע־זעץ פון גערעכטיקייט?

ר׳ ירוחם

ווען ר׳ יעקב מאיר דער בעל קורא איז געשטאַנען אויף דער בימה און געלייענט די סדרה פון דער וואָך און ברוך יוסל האָט געהאַלטן אין מיטן פון ברכת התורה, האָבן זיך פלוצים אויפגעפּראַלט די טירן פון דער גרויסער שול און אַ מחנה ווייבער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום ארון קודש און מיט געוואַלדיקע יללות אַריינגעשריגן צו די הייליקע ספרים — אין זכות פון שבת, טאַטע אין הימל, דערבאַרעם זיך איבער רבקה־רחלען און העלף איר ברענגען משיחן אויף דער וועלט. דער עולם אין שול האָט זיך צוגעהערט צו די געשרייען און תחנונים פון די ווייבער און יעדער איינער האָט בעת מעשה מכוון געווען מיט אַ יהי רצון צו די הימ־לען, אַז דאָס געבעט זאָל געהערט ווערן. דער בעל קורא האָט אויפגע־הערט לייענען די פּרשה, דער עולה לתורה איז געבליבן שטיין מיט אַ האַלב אָפן מויל פון דער נאָך נישט־פאַרענדיקטער ברכה. אַן ערנסטע שטילקייט האָט באַהערשט אַלע מתפללים, אַלעמענס געפילן האָבן זיך צו־נויפגעגאָסן אין איין תחינה צום בורא עולם נאָך הילף פאַר דער שווערער געווינערין.

הינטערוויילעכץ, מיטן פּנים צום פּרוכת פון אָרון קודש זענען די ווייבער אַרויסגעגאַנגען פון שול, האַלטנדיק אין איין שעפּטשען דאָס גע־בעט צום רבונו של עולם: „אין זכות פון שבת, אין זכות פון הייליקן שבת, העלף רבקה רחלען, העלף איר טאַטע זיסער אין הימל!״

פּנחס הערש, דער געמאַל פון רבקה רחלען איז געזעסן אין אַ ווינקל אין אַלטן בית מדרש און האָט מעין געווען אין ספרים, געזאָגט אַ יום תהילים, געלערנט אַ פּרשה חומש, אַ פּרק משניות, אַ בלאַט גמרא, סתם אַזוי אַריינגעקוקט אין אַן עין־יעקב, אין אַ חובת הלבבות, און מיט זיין גאַנצער מחשבה געווען אַריינגעטאָן אין זוכן אַ סגולה פאַר זיין ווייב — די שווערע געווינערין.

מיט איין אויג האָט פּנחס הערש אַריינגעקוקט אין די הייליקע ספרים, וואָס ער האָט געהאַלטן אין לערנען און מיטן צווייטן אויג גע־

קוקט צום ארון קודש, צום כתר תורה, און צום עמוד, ווו עס איז פאראן דער אייביקער פלאם פון נר תמיד, פון דעם נישט־אויסגעלאשענעם ליכט, וואס ווערט כסדר געצונדן מיט פונקען פון יראת שמים, פון הייסן יידישן הארץ פון בעל־תפילה, וועלכער טראגט צוזאמען מיט ציבור דעם הייליקן, רעליגיעזן פאטאס צו די הימלען, ווו עס זענען קאנצענטרירט די מדרגות פון בריאה און יצירה.

צוויי מעת־לעת האט געדויערט דער ווייטיק פון די חבלי לידה פון דער געווינערין רבקה־רחל, וואס האט מיט מזל געבוירן א בן זכר. שבת ביינאכט שוין נאך מעריב, ווען אין אלע הייזער פון שטעטל האבן יידן שוין געהאלטן נאך הבדלה — איז רבקה־רחל געלעגן געווארן, פנחס־הערש האט מיט ציטערדיקע הענט אליין אויפגעהאנגען אויף אלע פיר ווענט פון צימער פון דער קימפעטארין — שיר למעלותן, בכדי צו פארהיטן דער געווינערין און דאס ניי־געבוירן קינד פון שדים און נישט גוטע, פון אש־מדאי און פון לילית, זיי זאלן בשם ה׳ אלוהי ישראל, נישט קריגן קיין שליטה איבער דער יולדות און איבערן קינד.

פנחס הערש אליין, בעת ער האט אויפגעהאנגען די שיר למעלותן — האט בקול רם געזאגט די פסוקים פון שיר למעלות: „שיר למעלות אשא עיני אל ההרים מאין יבא עזרי? — א געזאנג פון די ארויפגאנגען, איך הייב אויף מיינע אויגן צו די בערג: פון וואנען וועט קומען מיין הילף? באלד קומט די תשובה אין א ווייטערן פסוק פון זעלבן שיר למעלות: „עזרי מאם יהוה עושה שמים וארץ" — מיין הילף איז פון גאט, דעם באשעפער פון הימל און ערד. אל יתן לעמוד רגליך, אל ינום שומרך — הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל. — נישט לאזן וועט ער זיך אויסגליטשן דיין פוס; נישט שלומערן וועט דיין היטער. זע עס שלומערט נישט און שלאפט נישט דער היטער פון ישראל. מיט א ציטערדיקער שטים, באגלייט מיט טרערן פון פרייד, האט פנחס הערש געזאגט די ווייטערדיקע פסוקים פון שיר למעלות: „גאט איז דיין היטער, גאט איז דיין שאטן ביי דיין רעכטער האנט; ביי טאג וועט די זון דיך נישט שלאגן, און נישט ביינאכט די לבנה. גאט וועט דיך באהיטן פון אלעם בייז, ער וועט באהיטן דיין זעל. גאט וועט היטן דיין גיין און דיין קומען, פון אצינד און ביז אייביק.

ביי די לעצטע ווערטער האט פנחס־הערש פרייער אפגעאטעמט, עפעס

האָט ער זיך געפילט שטאַרקער, זיכערער, ווי ער וואָלט נאָר וואָס אָפּגע־שלאָסן אַן אָפּמאַך מיטן בורא עולם, אַז ער נעמט אים צו אויך פאַר אַ שותף פון מגדל זיין דעם ניי־געבוירענעם בן זכר לתורה, לחופה ולמעשים טובים. פנחס־הערש האָט געמאַכט הבדלה, די יולדות זאָל הערן, זי זאָל קענען נאָכזאָגן — אמן — האָט אַזוי האַלטנדיק דעם בעכער מיטן הבדלה־וויין, מאַכנדיק די ברכות פון בורא מאורי האש, געלאָזט זיך אַביסל וויין אויסגיסן, סימן מזל ברכה. ער האָט נאָך הבדלה ווידעראַמאָל געוואָרפן אַן אויג אויף דעם שיר למעלות, וואָס איז געהאַנגען צוקאָפּנס פון דער יולדות, ווידעראַמאָל אויפן קול איבערגעחזרט די ווערטער: „מימיני מיכאל, ומש־מאלי גבריאל, מלפני אוריאל, ומאחורי רפאל, ואל ראשי שכינת אל". ביים לעצטן וואָרט, וואָס באַדייט: „צוקאָפּנס די שכינה פון גאָט", האָט פּנחס־הערשן אין גאַנצן באַרואיקט. ער האָט געוווסט, אַז ווו עס איז פאַראַן די השגחה פון שדי, פון גאָט ברוך הוא אַליין, האָט דער אשמדאי נישט קיין שום שליטה. די גוטע מלאכים פון בורא עולם, וועמען ער שיקט אָפּצוהיטן די ניי־געבוירענע קינדער פון אשמדאי, זייער צאָל איז זייער גרויס און דערפאַר ספּראָווען זיי זיך גאָר לייכט מיטן אשמדאי און מיט אַלע זיינע בייזע רוחות באַגלייטער.

אַ גאַנצע וואָך האָט זיך פנחס־הערש געגרייט צום שלום־זכר און צום בית פון זיין ניי־געבוירן קינד. אַלע גערער חסידים פון שטעטל האָבן זיך געגרייט צו דער שמחה ביי פנחס־הערשן, וואָס איז געווען אויך זייער שמחה, איין קלייניקייט — אַ ברית־מילה ביי פנחס־הערשן, אַ ניי־געבוירן קינד, נאָך דעם ווען מען זאָל באַהיט און באַשירעמט ווערן, זיבן זענען יונגערהייט אָוועקגעגאַנגען. דער רבי שליטא אַליין האָט דאָך מתפלל גע־ווען, אַז ביי פנחס־הערשן זאָלן זיך אויסהאָדעווען די קינדער און ער זאָל זוכה זיין זיי מגדל צו זיין לתורה, ולחופה, ולמעשים טובים.

קיין נגיד איז פנחס־הערש נישט געווען, דערפאַר אָבער אַ בעל־פרנסה, קיין שום זאַך האָט נישט געפעלט אין הויז פון פנחס־הערשן. רבקה־רחל, זיין זיווג, איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ בינטל שליסעלעך אין דער קעשענע פון פאַרטוך און הינטערן שלאָס איז געווען פון אַלדאָס גוטס, פון האָניק, פוטער און קעז, געגדזן שמאַלץ און אַ געפעקלטער צונג, פאַרקילטע פיס־לעך און קנאָבל־פלייש, איינגעמאַכץ הלוואי מען זאָל נישט דאַרפן, מאַלינע

און קאַרשן סאָק, געפּרעגלטע פלוימען און אַגרעסט, איינגעזויערטע אוגער־קעס, זויער קרויט, רויטע און ווייסע בוראקעס, מייערן און בריקעוו, דאַרע באַרנעלעך און געטריקנטע פלוימען. בכלל איז רבקה־רחל געווען אַ באַלע־באָסטע פון גאָטס גענאַד; אַלץ וואָס עס הייבט זיך אָן מיט אַן אלף איז געווען אונטער איר באַלעבאַטישקייט. נאָר קיין קינדער מען זאָל באַהיט און באַשירעמט ווערן האָבן זיך ביי איר נישט געהאַדעוועט. אָפּגעלעבט עטלעכע יאָר און אוועקגעשטאָרבן. יעדער טויט פון אַ קינד האָט טאַקע געהאַט אַ סיבה, אָדער ווי מען זאָגט אַן אויסרייד, דער פון מאָזלען, די פון ווינט־פּאָקן. דוכט זיך אָט איז אַ קינד געווען געזונט און פריש, מיט שיינע רויטע פאַרבן אין די בעקעלעך, מיט נאַפּטאַלינע און זאַלץ אין די קעשע־נעס, אַז קיין בייז אויג זאָל חלילה קיין שליטה נישט האָבן, און דאָ פּלוצים פאַרשלאָפט געוואָרן. יעקל דער פעלדשער זאָגט, אַז עס איז גאָרנישט, מען ווייסט נאָך נישט, מען דאַרף אָפּוואַרטן עטלעכע טעג, זען די אַנט־וויקלונג און דאָס קינד איז אויסגעגאַנגען.

אַ ברית האָט פּנחס־הערש געמאַכט כיד המלך, צום עסן און צו טרינ־קען איז געווען לרוב. עס איז שוין איינמאָל געווען אַ שמחה. דער ברית איז טאַקע געווען אום זונטיק, אָבער די שמחה האָט זיך אָנגעהויבן פרייטיק צו נאַכטס מיטן שלום זכר, און אַזוי האָט מען נישט אויפגעהערט זיך משמח צו זיין ביז נאָך דעם ברית. ר׳ שמעון דער מוהל האָט זיך געגרייט צום ברית, אַ נאַכט פריער האָט ער געזאָגט תהילים און תפילה געטאָן, אַז עס זאָל חלילה קיין שום מכשול נישט זיין. אמת איז, אַז ר׳ שמעון האָט מתפלל געווען פאַר יעדן ברית, אָבער גאַנץ באַזונדערס האָט ער תפילה געטאָן אין דער נאַכט פון פאַרן ברית ביים בן זכר פון פּנחס־הערשן. נישט פאַר קיין שום יידן געדאַכט איז יעדער שוין געווען איבערגעשראָקן, אַז עס האָדעווען זיך נישט קיין קינדער ביי פּנחס־הערשן, מען זאָל באַהיט ווערן.

אַ נאָמען האָט מען געגעבן דעם בן־זכר — ירוחם — אייגנטלעך האָט מען דאָס קינד געגעבן עטלעכע נעמען, דער הויפּט נאָמען איז אָבער גע־ווען — ירוחם — די איבעריקע בלויז סגולה נעמען ווי למשל: חיים, אַל־טער וכדומה.

ירוחם האָט זיך געהאָדעוועט אין עסיג און אין האָניק. די מאַמע האָט געוואַכט איבער אים טאָג און נאַכט, תמיד געשטאַנען ביים וויגעלע, גאָר

נישט אָפּגעטראָטן אויף קיין מינוט. דער טאַטע, פּנחס־הערש, איז אויך צו־געקומען אַלעמאָל כאַפּן אַ בליק, אַוועקטרייבן אַ פליג, אַריינקומענדיק פון גאַס אַוועקלייגן דאָס היטל צוקאָפּנס לשם סגולה, אויף דער נאַכט אַרונ־טערלייגן דעם חומש הינטערן קישעלע. בעת רבקה־רחל האָט געגעבן ירוחמ־קען צו זויגן די ברוסט האָט זי זיך פאַרשטעלט, אַז קיין שום אויג זאָל חלילה נישט זען. טאָמער איז אַריינגעקומען אַ שכנטע עפּעס לייען, אַ מערזשעל, אַ גרינע ציבעלע, אָדער גאָר אַ מעסטל זאַלץ און רבקה־רחל האָט געהאַלטן אין מיטן זויגן, איז די שכנטע אַליין אַוועקגעגאַנגען נישט זאָגנדיק אפילו נאָך וואָס זי איז געקומען. אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז אַזוי דאַרף עס צו זיין. צו רבקה רחלען האָט מען נישט געהאַט חלילה קיין טענות, וואָס זי איז אַזוי ציטעריק איבער איר קינד, מען האָט איר פאַרשטאַנען. מען דערציילט, אַז אפילו ווען זי פלעגט גיין אין מקווה, האָט שוין די טוקערין געוווסט, אַז רבקה־רחל דאַרף אַריינגיין אין וואסער בעת עס איז שוין קיינער נישטאָ, מען זאָל נישט ריידן, מען זאָל נישט וויסן. מען האָט אויך דערציילט, אַז גאַנצע 9 חדשים איז רבקה־רחל גע־לעגן אין בעט, פון דעם טאָג זינט זי איז פאַרגאַנגען אין טראָגן מיט איר ירוחמען האָט זי זיך נישט געוויזן פאַר קיינעם, אַז קיין בייז אויג זאָל זי חלילה נישט באַמערקן.

אונטער ירוחמקעס וויגעלע שטייט אַ ווייסינקע ציגעלע, ציגעלע געפּאָרן האַנדלען, ראָזשינקעס מיט מאַנדלען. מיט דעם ליד האָט רבקה־רחל איינגעשלעפט ירוחמקען, און תמיד אַכטונג געטאָן, אַז קיין פרעמד אויג זאָל נישט פאַלן אויפן קינד.

ווען ירוחם איז מיט מזל געוואָרן דריי יאָר אַלט האָט אים ר׳ פּנחס־הערש איינגעוויקלט אין אַ טלית, די מאַמע האָט אָנגעשאָטן זעקעלעך מיט זאַלץ און פעפער און אַריינגעלייגט אין די קעשענקעס, — און אים אַוועקגעטראָגן אויף די אָרעמס אין חדר אַריין, צו ר׳ שלמהן, וועמען ר׳ פּנחס־הערש האָט שטרענג אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל חלילה זיין האַנט נישט אַרויפלייגן אויף ירוחמקען. אין פאַל דאָס קינד פאַרזינדיקט זיך מיט עפּעס, אָדער ער באַגערט נישט אַזוי שטאַרק צום לערנען, אָדער ער איז נישט געהאָרכזאַם געגוג, זאָל ר׳ שלמה דערציילן דעם טאַטן און אַליין נישט ווערן קיין שופט און זיך צורירן צום קינד.

כאָטש אַזעלכע תנאים זענען פאַר ר׳ שלמהן נישט געווען לייכט אָנ־צונעמען, סטייטש! אָפּגעלערנט אַ לעבן מיט קינדער און קיינער פון די עלטערן האָט אים קיינמאָל קיין דעה נישט געזאָגט און קיין באַדינגונ־גען נישט געשטעלט ווי אַזוי זיך אויפצופירן מיט די תלמידים, וואָרעם ווי קען מען עס גאָר מאַכן אַן אויסנאַם פאַר אַ קינד אין אַ חדר פון עט־לעכע און צוואַנציק קינדער? אָבער ר׳ שלמה האָט זיך חלילה נישט אַנט־קעגנגעשטעלט די תנאים פון ר׳ פנחס הערשן, אדרבא, ער האָט זיי אָן קיינע וואַקלענישן אָנגענומען. ער האָט גאָרנישט געוואָלט אפילו מיט ר׳ פנחס־הערשן זיך מתווכח זיין. ער האָט צו גוט געקענט דעם מצב, געוווסט פון אַלע אומגליקן וואָס האָט פּאַסירט מיטן האָדעווען די קינדער. ער איז נעבעך אַ געשטראָפטער פון הימל, — דער פנחס־הערש — אים דאַרף מען אַלץ מוחל זיין, אפילו ווען ער שטעלט שווערע תנאים און גייט נישט אַריין אין דער לאַגע פון מלמד, אים דאַרף מען פאַרגעבן, ווייל מיט אַלע בייטשן קען מען דאָך סוף־כל־סוף אַ מענטשן נישט שמייסן, בפרט, אַז ער איז שוין פאַר קיין יידן געדאַכט אַ געשלאָגענער, עס האָדעווען זיך ביי אים קיין קינדער נישט.

ר׳ שלמה האָט בגיד אחת גענומען אַ שמעק טאַבאַק, אָנגעשטאָפּטביידע נאָזלעכער, אַ פאַר מאָל אַ צי־געטאָן דעם טאַבאַק טיף, אַז דער ביי־טערער ריח איז אַזש אַריין אין דער גרגרת אַריין, האָט אַ פאַר מאָל אַ ניס געטאָן, מיט ביידע עקן פון דער רויטער פאַטשיילע איבערגעווישט די נאָז און די פאַרטרערטע אויגן און אַ זאָג געטאָן צו ר׳ פנחס־הערשן, אַז ער זאָל זיין רואיק, אַז ער וועט ירוחמקען אָפּהיטן ווי דאָס שוואַרץ־אַפּל פון אויג, נישט נאָר וועט ער אים חלילה נישט שלאָגן, נאָר ער וועט אויך אַכטונג געבן, אַז קיין שום קינד אין חדר זאָל אים נישט פאַרשאַפן, אַז אויך זי׳ וועט געבן השגחה אויף ירוחמען און אויב נאָר ער וועט וועלן וועט זי אים געבן אַביסל פריש אויסגעמאָלקענע קאָזע מילך, וואָס איז אַ תרופה קעגן פאַרשיידענע חולאתן.

ר׳ פנחס־הערש איז אַוועק פון ר׳ שלמהן אַ צופרידענער, האָט דערציילט רבקה־רחלען פון די אַלע צוזאָגן און דערביי אויפגעהויבן די הענט צום הימל און אַ זאָג געטאָן: גאָט אַליין זאָל זיין דער היטער!

רבקה־רחל, די ציטערדיקע מאַמע, האָט זיך נישט געקענט באַרו־

איקן, פאַרשיידענע מחשבות זענען איר פאַרבייגעלאָפן אין מוח, דאָס האַרץ האָט געהאַלטן אין איין ציטערן, האָט עטלעכע מאָל געוואָלט עפּעס זאָגן צו פּנחס־הערשן און האָט נישט געקענט, האָט נישט געהאַט קיין מוט, אויך זי האָט זיך דאָך געוואָלט סומך זיין אויפן רבונו של עולם, מער נישט זי האָט געוואָלט זיין דערביי, טאַקע דער טאַטע אין הימל זאָל זיין דער שומר, אָבער אויך זי זאָל זיין דערביי, זי זאָל מיטהעלפן. זי האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און אַ פרעג געטאָן פּנחס־הערשן: זאָג מיר, איך בעט דיך, דו ביזט דאָך עפּעס אַ ייד אַ למדן, פאָרסט דאָך צו גוטע יידן, ווייסט נישט עפּעס פון קיין מיטל, אַז מיר זאָל קענען אונדזער ירוחמקען מאַכן פאַר אַ רואה ואינו נראה, אַז ער זאָל אַלץ און אַלעמען קענען זען, אָבער קיינער זאָל אים נישט זען, אַז קיינעמס אויג זאָל אויף אים נישט פאַלן. פּנחס־הערש האָט אַ זיפץ געטאָן און געענטפערט: איי! ווען איך זאָל קענען אַזאַ מופת באַווייזן, וואָלטן דאָך יידן צו מיר געפאָרן. רבקה רחל האָט פאַרשטאַנען די תשובה און איז שטיל געוואָרן, האָט שוין מער נישט געפרעגט און מער נישט גערעדט. ביידנס בליקן האָבן זיך באַגעגנט ביים שליסן אַן אָפּמאַך מיט גאָט אַליין, אַז ער זאָל זיין ירוחמקעס שומר, אַז ער זאָל אים היטן פון אַלע בייזע אויגן, זיי זאָלן פאַלן אויף פוסטע פעלדער, אויף פוסטע וועלדער און נישט אויפן קינד חלילה!

ירוחמקע האָט שטאַרק באַגערט צום לערנען און האָט אַרויסגעוויזן גרויסע פעאיקייטן, האָט ראַשיק שנעל זיך אויסגעלערנט זאָגן די עברי, און צום יאָר אָנגעהויבן לערנען חומש מיט רש״י. צו זעקס יאָר האָט שוין ירוחם געלערנט גמרא און צו זיבן אויך אַ תוספות. פּנחס־הערש האָט גאָר שטאַרק אַרייַנגעקוואָלן אין ירוחמקען, איין קלייניקייט, ער האָט דאָך געזען ווי זיין בן־זקונים וואַקסט אַן עילוי. דאָס גאַנצע שטעטל האָט וועגן דעם גערעדט, דערצו איז נאָך ירוחמקע געווען אַ בילד־שיינהייט, פּשוט די זון אין הימל האָט געשיינט און אַראָפּגעלויכטן פון זיין אויסגעצערטלט פּנימל. רבקה־רחל האָט דאָס קינד געקליידט אין עסיג און אין האָניק ממש, האָט אים געצוואָגן דאָס קעפּל דריי מאָל אַ וואָך, דערצו איז ער נאָך שבת אין דער פרי מיט פּנחס־הערשן געגאַנגען אין מקווה. זיינע לאַנג־געקרייזלטע פּאהלעך האָבן אַריבערגעהאָנגען איבער דעם האַלדז און געגרייכט די קלאַפּעס פון אַטלאַסענעם קאַפּאָטקעלע, די הייזלעך פון

סאַמעט געמאַכט האָבן געגרייכט ביז איבער דער קני און אין דער זייט פאַרשפּיליעט מיט צוויי קנעפּלעך, די ווייסע זאָקן האָבן צוגעדעקט דעם איבעריקן טייל פון ירוחמקעס געטאָקטע פיסלעך. אַ לייפּצודעקל האָט באַהאַנגען ירוחמקעס גוף און די ציצית האָבן געגרייכט ביז צו די שערזשענע האַלבע לאַטשן. אַ סאַמעטן היטעלע מיט אַ שנעלער אויפן קעפּל, אונטער דעם היטל אַ יאַרמולקעלע וואָס רבקה־רחל — די מאַמע האָט אַליין אויסגענייט. די בגדים האָבן אַראָפּגעשמעקט פון קינד, געווען ממש אַ מחיה אַ קוק צו טאָן. ריין, ציכטיק, שיין, אַז נאָר קיין בייז אויג זאָל אים נישט שאַטן, האָבן אַלע ווייבער אין שטעטל געזאָגט, ווען נאָר זיי האָבן דאָס קינד געזען.

פּנחס־הערש האָט וועגן זיין ירוחמקען קיין סך נישט געוואָלט ריידן, צו וואָס מרבה כדברים זיין, מען דאַרף נישט, עס איז אויך נישט נויטיק, וואָס ווייניקער מען רעדט איז בעסער. עס איז אויך געזינטער, אפילו מיט רבקה־רחלען האָט ער ווייניק גערעדט וועגן קינד, זיי האָבן זיך פאַרשטאַנען אויפן ווונק, תמיד מיט אַ תפילה אין האַרצן, אַז עס זאָל חלילה נישט פאַסירן קיין מכשול.

קיין גיבור איז ירוחמקע נישט געווען, דאָס ציטערדיקע אויג פון דער מאַמען, וואָס האָט אין די גרעסטע תמוז־היצן נישט צוגעלאָזן צום קינד קיין ביסל לופט האָט קיין צופיל געזונט ירוחמקען נישט צוגעגעבן, ביים מאָזלען, ביי די פּאָקן, ביי דער מינדעסטער פאַרקילונג האָבן דאָקטוירים באַדאַרפט אָנווענדן אַ סך רפואות זיי זאָלן העלפן דאָס שוואַכע גופל איבערקומען די קראַנקהייט. אויף צו להכעיס האָט נאָך ירוחמקע קיין גרויסן אַפּעטיט נישט געהאַט, אָפּעסן אַ מאָלצייט האָט געקאָסט אַ גאָלדן פינףרובלדיקעס, דעם טאַטן. אָבער ר' פּנחס־הערש און רבקה־רחל האָבן יעדן טאָג אויפגעהויבן די הענט צום הימל און געדאַנקט און געלויבט דעם אַלמעכטיקן פאַר דעם גרויסן זכות מיט וואָס ער האָט זיי מזכה געווען צו האָדעווען אונטער זייערס השגחה ירוחמקען, וועלכער שמט אַלס עילוי און בעל־תורה.

אַ ייד טאָר נישט דערלאָזן צו קיין עצבות, מען דאַרף זיין פריילעך, מונטער, לעבעדיק, נישט פאַרזאָרגט, נישט פאַרדאַגהט, נישט צופיל אַריינטראַכטן אין ענינים. פון דעם האָט זייער גוט געוווסט ר' פּנחס־

הערש. אַליין אַ חסיד, האָט ער נישט איינמאָל געהערט פון רבין, אַז אַ ייד דאַרף תמיד פריילעך זיין, אַוועקטרייבן דעם אומעט, פאַרטרייבן די מרה שחורה, אַ ייד דאַרף זיך אָנצינדן מיט התלהבות און נישט צולאָזן חלילה קיין עצבות, קיין אומעט. וויפיל אָבער ר׳ פנחס־הערש זאָל זיך נישט האָבן באַמיט צו זיין פריילעך געשטימט, אָט אַזוי טאַקע ווי אַ ייד דאַרף צו זיין לויט אַלע דינים און כללים פון די רבישע הויפן, — האָט אָבער דאָך אַן אומעטיק געמיט נישט צו רו געלאָזט פנחס־הערשן. פון זיינע טיפע בלויע אויגן האָט אַרויסגעזען זיך דאָס עצבות, אומעט נאָך דעם אַוועקגעגאַנגענעם, זיבן קינדער באַגלייט צו אייביקער רו אויף יענער וועלט, ווי קאָן מען דען נישט זיין פאַראומערט? פלעגט זיך אַליין פנחס־הערש פרעגן אָפטמאָל, ווי ער וואָלט אַליין וועלן געפינען אַ באַרעכטיקונג פאַר זיין טרויער, פאַר זיין עצבות. רבקה־רחל איז שטענדיק געווען די ערשטע צו באַמערקן דעם טרויער ביי פנחס־הערשן, זי האָט חלילה קיין וואָרט נישט גערעדט, נאָר גענומען אַן עק פון פאַרטוך אַ וויש געטאָן די נאַסע אויגן און אַזוי באַגלייט איר מאַן אין טרויער.

לאַנג האָט פנחס־הערש נישט געלאָזט די עצבות געוועלטיקן איבער אים. ער האָט מיט אַלע מיטלען זיך געווערט קעגן זיין אומעט, האָט גענומען אַ ספר אין האַנט אריין, זיך פאַרטיפט אין לערנען, אָדער גאָר אָנגעהויבן זאָגן תהילים אויפן קול, וואָס פלעגט אים געוויינלעך אין אַזעלכע פאַלן שטאַרק העלפן צו קריגן אַ בעסער געמיט. ווען פנחס־הערש האָט געזאָגט תהילים אויפן קול האָט רבקה־רחל נאָכגעזאָגט פסוק ביי פסוק. דאָס גאַנצע הויז איז אָנגעפילט געוואָרן מיט ליבע און געזאַנג, וואָס האָט זיך געטראָגן אַלץ העכער און העכער צו די קאַמערן פון מלכות שדי און האָט געגרייכט די הויכקייטן פון כסא הכבוד.

ירוחמקע האָט זיך געהאָדעוועט אין אַן אַטמאָספער פון אויבנאויפיקער שמחה און אינערלעכער עצבות, וויפיל טאַטע־מאַמע זאָלן זיך נישט האָבן אַרויפגעצוווּנגען פרייד, באַגייסטערונג האָט דאָך זייער אָפט דער אומעט גובר געווען און אַרויסגעקראָכן פון באַהעלטעניש און פאַרפינצטערט דאָס געמיט. ירוחמקע איז נישט געווען קיין פריילעכער, אויך נישט קיין אומעטיקער, האָט זיך נישט אָנגעצונדן מיט צופיל התלהבות און אויך נישט קיין בעל מרה־שחורה. דערפאַר אָבער איז ער פון קינדווייז

אויף געווען אַ בעל־דמיון, שטענדיק אַ פאַרטראַכטער, אַן אַריינגעקלערטער. זייטיקע מענטשן און אפילו טאַטע־מאַמע האָבן געמיינט, אַז ער איז אַן אומעטיקער, אָבער דאָס איז נישט געווען ריכטיק, ירוחם איז געווען אַ בעל דמיון. ער האָט געקענט שעהן לאַנג זיצן אַליין אין אַ ווינקל און אַריינטראַכטן אין פאַרשיידענע ענינים. ירוחם האָט געהאַט אַ גרויסע פאַרשטעלונגס־קראַפט, אויף זיין אופן האָט ער אין זיין דמיון געזען דאָס מלכות השמים, די אַלע מלאכים, וואָס באַדינען גאָט ברוך הוא. די וואונדערלעכקייט פון ששת ימי בראשית, די גאַנצע פרשה פון יצירת העולם האָט זיך ירוחמקע פאָרגעשטעלט לויט זיין כוח הדמיון. יעדע פון גאָטס־וואונדער איז ביי ירוחמקען אַרויסגעקומען מער וואונדערלעכער, ווי אַ שטאַרקער און מעכטיקער אַפּאַראַט, וואָלט פאַרגרעסערט און פאַרפילפאַכט ביי ירוחמקען אין מוח יעדע פאַסירונג, יעדע געשעעניש וואָס ער האָט געלערנט אין דער סדרה פון בראשית די פרשה פון בריאת העולם.

צו בר־מצווה האָט ירוחם געזאָגט אַ דרוש וועגן מקווה, פאַרוואָס איז מקווה מטהר, אַ פשטל, וואָס איז געווען דורכגעפלאָכטן מיט חידושים, מיט מאמרי חז״ל, אַז דער גאַנצער עולם פאַרזאַמלט אויף דער שמחה האָט ממש געלעקט די פינגער פון גרויסן וויסן, פון דער חריפות און בקיאות פון ירוחמען. פנחס־הערש דער טאַטע און רבקה־רחל די מאַמע, ווי אויך די גאָר נאָענטע מקורבים האָבן אַזש געציטערט פון פרייד. מיט טרערן אין די אויגן האָבן זיי אויפגענומען דעם גרויסן נחת פון זייער בן יחידל. ביי טאַטע מאַמע איז געלעגן אַ תפילה אויף די ליפן: אַז דער בורא־עולם זאָל אַכטונג געבן און עס זאָל נישט פאַרשטערט ווערן חלילה די פרייד.

נאָך בר־מצווה האָט פנחס־הערש אַביסל פרייער אָפּגעאָטעמט, עפּעס האָט ער געפילט, אַז אַ גרויסע משא איז פון זיינע אַקסלען אַרונטערגענומען געוואָרן. ירוחם איז שוין אַליין אַ בר־מצווה, און ער איז שוין אַליין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיך, קאָן זיך שוין אַליין טראָגן אויף גאָטס וועלט. נו, רבקה־רחל, וואָס זאָגסטו האַ? דער רבונו של עולם, אַז ער האָט אונדז געהאָלפן, און מיר האָבן דערלעבט צו פייערן די בר־מצווה פון ירוחמקען, וועט ער שוין ווייטער העלפן, און מיט גאָטס הילף וועלן מיר מערטשעם אים פירן צו דער חופה אין אַ מזלדיקער שעה. אָבער קודם דאַרף מען

אים אַוועקפירן אין אַ ישיבה אַריין לערנען תורה, ווייל אין שטעטל זענען שוין פאַר אים קיין מלמדים נישטאָ. אַז רבקה־רחל האָט די ווערטער דער־הערט פון פנחס־הערשן איז איר אומעטיק געוואָרן אויפן געמיט, איין קלייניקייט נעמען דאָס קינד און עס אַוועקפירן אין דער פרעמד. ווער וועט דאָרט אויף אים אַכטונג געבן, ווער וועט זיך אויף אים אומקוקן, ער זאָל עסן צו דער צייט, ער זאָל זיך חלילה נישט צוקילן, ער זאָל צו דער צייט גיין שלאָפן, ליגן אַ צוגעדעקטער אונטער דער פערענע. ער האָט דאָך אַ נאַטור ביינאַכט אַראָפּצושליידערן פון זיך דאָס איבערבעט און אַפּיר־שלעפּן פון אונטערן קאָפּ דאָס קישן. ווער וועט עס אין דער פרעמד אין זינען האָבן אין מיטן דער נאַכט אַרונטערצוגיין פון בעט און אַ קוק טאָן ווי עס שלאָפט ירוחמקע, אַזוי ווי זי די מאַמע האָט עס די גאַנצע צייט געטאָן. דערצו, ווער וועט געבן דאָס קינד אַ וואַרעם גלאָז מילך פאַרן שלאָף, און אַ הייסע גלאָז באַוואַרקע גלייך אין דער פרי נאָך נעגל וואַ־סער. פנחס־הערש אָבער האָט געטענהט, אַז אַלץ איז טאַקע ריכטיק, אָבער נישטאָ קיין עצה, מען דאַרף זען, אַז ירוחם זאָל זיין אַ למדן, אַ מופלג אין תורה, דערפאַר מוז מען אים שיקן אין אַ ישיבה אַריין, ווי עס פירט זיך ביי יידן. דערצו נאָך ווי טאָר מען עס דען דערלאָזן, אַז ער זאָל בלייבן נאָך בר־מצווה זיצן אין שטוב און נישט פאָרן אין דער וועלט אַריין פון לומדות, פון תורה. נישקשה האָט פנחס־הערש געטענהט, דער בורא עולם וועט ווייטער העלפן און דערצו נאָך אין זכות פון דער הייליקער תורה, וואָס ער וועט לערנען וועט אים דער אויבערשטער אָפּהיטן פון שלעכטס, און אַכטונג געבן אויף אים, אַז קיין שום בייז זאָל אויך ווייטער נישט געשען.

סיי פנחס־הערש און סיי רבקה־רחל זענען מיט ירוחמקען געפאָרן אים אַוועקפירן אין דער ישיבה אַריין. פנחס־הערש האָט זיך פאַרנומען מיט ריידן מיטן ראש הישיבה, וועגן לערנען, וועגן ירוחמס הילוך אין תורה. ער האָט אים דערציילט, וואָס ירוחם קען, די מאַמע רבקה־רחל ווייטער איז געווען פאַרנומען מיט ריידן, מיט האַלטן אין איין איינ־טענהן מיט דער באַלעבאָסטע פון דער אכסניה, ווו ירוחמקע איז איינגע־קוואַרטירט געוואָרן, וואָס זי זאָל אים געבן צו עסן אין דער פרי, גלייך נאָכן אויפשטיין, און וואָס צום אָנבייסן און וואָס אויף וועטשערע. עס איז

געבליבן, אַז אויף יעדן שבת וועט זי, רבקה־רחל, אָפּבאַקן אַ קיכל, איינ־פּעקלען אַ צונג, און שיקן פאַר ירוחמקען. זי וועט אויך זען אַליין צו מאַכן אַ פריש שטיקעלע פּוטער, אַ ווייסן קעז פון פרישער סמעטענע, אַביסעלע קאָמפּאָט פון געטריקנטע יענגעלקעס מיט דאַרע פלוימען, אַז דאָס קינד זאָל האָבן מיט וואָס צו דערקאַפּן זיך דאָס הערצעלע.

ווען טאַטע־מאַמע האָבן זיך געזעגנט מיטן קינד האָבן זיך טרערן גע־גאָסן פון אַלעמענס אויגן, אַז זיי האָבן געקענט אַהיימפאָרן מיט אַ לאַד־קע. דעם גאַנצן וועג האָט פּנחס־הערש געזאָגט תהילים אויפן קול, רבקה־רחל האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז דאָס טוט ער בכדי צו פאַרטרייבן דאָס עצבות פון אים, האָט זי נאָכגעזאָגט פּסוק ביי פּסוק. אויך חיים דער בעל עגלה האָט נאָכגעזאָגט די פּסוקים פון תהילים, און שנעלער געטריבן די פערד, אַז ער זאָל וואָס גיכער קומען אַהיים.

ר׳ ישראל הענעך, דער ראש הישיבה פלעגט אַליין מיט כתיבעט־אותיות אויף אַ פּאָסטקאַרטל גאַנץ אָפט שרייבן צו פּנחס־הערשן און אים מיטטיילן וועגן ירוחמקען, וועגן זיין לערנען, און וועגן זיין אויפפירן זיך. קיין סך אַרבעט האָט דער ראש־הישיבה מיט ירוחמקען נישט געהאַט. ער האָט באַגערט צום לערנען, האָט תמיד געקענט דעם שיעור ווי עס באַדאַרף צו זיין און האָט זיך אויך אויפגעפירט כהלכה, ווי עס פּאַסט פאַר אַ ישיבה בחור. ער איז נישט אַרומגעלאָפן אין ערגעץ, האָט נישט געגנוצט קיין פאַרשיידענע שפּילצייג אין האַנט, געזעסן און געלערנט, פאַרטיפט אין דער גמרא און אין די מפרשים, געגאַנגען פאַמעלעך, נישט געלאָפן, תמיד די קאַפּאָטע פאַרשפּיליעט, דאָס היטל אויפן פלאַץ אויפן קאָפּ, ניט פאַרדרייט, נישט צעפלויגן, נישט צעיאַכמערט, אפילו ביי דער שווערס־טער סוגיא האָט זיך ירוחם נישט פאַרלוירן, פאַמעלעך געלאָסן, נישט צע־היצט, נישט צעקאָכט, נאָר רואיק און באַזאָכט איינגעשפּאַנט דעם קאָפּ אין מחשבה, אַזוי לאַנג געטראַכט, אַזוי לאַנג עוסק געווען, ביז ער האָט איינגעביסן די סוגיא, און געקענט אָנהייבן טראַכטן וועגן אַ צווייטער.

האָט טאַקע ר׳ ישראל־הענעך מיט גרויס הנאה געשריבן די קאַרטלעך צו פּנחס־הערשן און אים מודיע געווען וועגן גוטע און פריילעכע זאַכן. פּנחס־הערש פלעגט די קאַרטלעך לייענען פאַר רבקה־רחלען אויפן קול

און יעדעס וואָרט פון ר׳ ישראל העניכן אויסטייטשן און פאַרטייטשן אַז רבקה־רחל זאָל עס קענען צעקייען.

איין מאָל אין חודש פלעגט זיך פּנחס־הערש אַליין צוכאַפּן צו ירוחמען אין דער ישיבה, אַ קוק טאָן אויף אים, זען וואָס ער מאַכט. ער האָט שוין אַזוי אויסגעמאַרקירט, אַז צו ראש חודש צו זאָל ער זיין אין ישיבה און טאָקע דאָרט צוזאַמען מיט אַלע ישיבה בחורים, האַלטן ראש חודש, זאָגן דעם הלל בציבור מיט די חברים פון זיין בן־יחיד. אויך רבקה־רחל פלעגט אָפּט פאָרן, אויב נישט אַלע חודש איז כאָטש איין מאָל אין זעקס וואָכן. זי פלעגט מיטנעמען פון כל־טוב, פאַרן קינד: פון געקעכץ און געבעקס, געפּרעגלטס און געבראָטנס, געפּעקלטס און איינגעלייגטס, מאכלים, וואָס האָבן פאַרשמעקט דעם אַפּעטיט. דערצו נאָך האָט זי מיט־גענומען פאַרן קינד פרישע, פון מאנגל אַרויס קלאָרע העמדער ווי די בע־כער. אָפּגעוועזן עטלעכע טעג, און צוריק אַהיימגעפאָרן אַנהייבנדיק זיך גרייטן צו אַ נייער נסיעה צו ירוחמקען.

צו זיבעצן יאָר האָט ירוחמקע באַקומען סמיכה אויף רבנות, מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער האָט מען מיט מזל געשריבן תנאים. אַ שידוך הגון איז געשלאָסן געוואָרן צווישן ירוחמען דעם בן־יחיד פון פּנחס־הערשן און רבקה־רחל, מיט יוכבד די בת־יחידה פון ר׳ מאירן און פייגע זילפּע.

ר׳ מאיר האָט געסילוקט צו די תנאים דעם גאַנצן נדן, און פּנחס־הערש האָט אַנטקעגנגעטראָגן די זעלביקע סומע, נאָך מיט אַ סמיטשיק אַריבער. קיין גביר איז טאָקע פּנחס־הערש נישט געוועזן. ער האָט זיך מיט ר׳ מאירן אין גבירישקייט נישט געקענט פאַרגלייכן, דערפאַר אָבער האָט ער געקענט אים איבערשטייגן אין ליבשאַפט צו זיין קינד. ער האָט זיך פאַרשולדיקט איבערן קאָפּ, גענומען גמילות חסדים ווו עס האָט זיך נאָר געלאָזן און צונויפגעשטוקעוועט זיין חלק צום נדן פאַר ירוחמקען.

די תנאים זענען געפּראַוועט געוואָרן אין גרויסן בית־המדרש פון דער ישיבה. אַלע בחורים, אַלע איינוווינער פון שטעטל האָבן אָנטיילגענומען אין דער שמחה. מיט פּנחס־הערשן זענען מיטגעפאָרן אויף די תנאים זיינע מקורבים, די חסידים פון שטיבל, סתם גוטע פריינד, און מיט רבקה־רחלען זענען מיטגעפאָרן אירע קומעס, פּנחס־הערש האָט געהייסן שפּאַנען די פערד און וועגן און פאָרן. איין קליינקייט אַ תנאים ביי ירוחמקען. עס

איז געווען די שמחה פון גאַנצן שטעטל. די וואָס זענען געפּאָרן האָבן זיך משמח געווען אין ישיבה און די וואָס זענען נישט געפּאָרן האָבן דערווייל אַזוי אין בית־מדרש געמאַכט אַ לחיים אויף פּנחס־הערשס קאָנטע, ניש־קשה, אַלע האָבן געוווּסט, אַז מען מעג געטרויען פּנחס־הערשן, ער וועט פאַר דער אויסגעטרונקענער משקה ענטפערן כפל כפלים. דערצו נאָך מיט אַ גוטן קוגל צו פאַרבייסן. אַ קוגל, וואָס רבקה־רחל אַליין וועט מאַכן מיט צימערינג און מיט ראָזשינקעס.

נאָך דער חתונה האָט ירוחם נאָך נישט געהאַט קיין דאגות פון פּרנסה. דער שווער האָט אים געגעבן קעסט און ער איז געזעסן אין בית־מדרש און געלערנט. אין מאַרק־טעג האָט ער אַביסל צוגעהאָלפן דעם שווער ביים איינקויפן די תבואה פון די גויים. האָט געוווּיגן די זעק מיט תבואה, פאַרשריבן, באַצאָלט די חשבונות און אַכטונג געגעבן אַז מען זאָל חלילה נישט באַגנבענען.

ר׳ מאיר איז חוץ אַ תבואה סוחר אויך געווען אַ וואַלד־סוחר. ער פלעגט קויפן אויפן אויג אַ שטיק וואַלד, דאָס אויסהאַקן, מאַכן פאַרשיי־דענע מאַטעריאַלן פון האָלץ און עס שיקן קיין דאַנציק צו גרויסע האָלץ־סוחרים. וואָס שייך דעם מסחר פון תבואה האָט ר׳ מאיר פאַרשטאַנען, אַז קיין גרויסע תורה פאַר ירוחמען איז עס נישט, בפרט נאָך, אַז ער האָט געזען ווי ירוחם גיט זיך אַליין אַן עצה מיטן איינקויף אין די מאַרק־טעג. אַן אַנדער זאַך אָבער איז געווען מיט וואַלד. דאָ האָט ר׳ מאיר גע־האַלטן, באַדאַרף מען ירוחמען די תורה פון דעם מסחר אויסלערנען, ווייזן אים ווי אַזוי מען קויפט, און ווי אַזוי מען פאַרקויפט. וואַלד־זאַכן איז נישט קיין פעלד־זאַכן, פלעגט ר׳ מאיר טענהן. תבואה איז נישט קיין האָלץ, עס איז דער חילוק ווי צווישן פשוטע גמרא און אַ חריפותדיק פּשטל. בעת ר׳ מאיר פלעגט פאָרן אין וואַלד אַריין האָט ער זיך גאָר אָנ־דערש אָנגעטאָן, דעם שאָפּען פוטער מיטן ווידרענעם קראַגן, אויפן פוטער אַ בורקע מיט אַ קאַפּטור איבערן קאָפּ, ווײַלעקעס מיט פעטערבורגער טי־פע קאַלאָשן, אַ קאַלפּיק פון פעל פון וואַנען מען האָט דעם קאָפּ קוים אַרויסגעזען. ער אַליין האָט זיך געפילט עפּעס גאָר אַנדערש, ווען ער איז געפאָרן זען אַ וואַלד, ריידן מיט פריצים וועגן וואַלד מסחרים. צו אַזעל־כע נסיעות פלעגט ר׳ מאיר אויך מיטנעמען ירוחמען. אים געבן צו פאַר־

שטיין, וועגן די פאַרשיידענע ביימער און געהילצן, צו וואָס יעדער בוים קען פאַרנוצט ווערן, וויפיל שוועלן מען קען פון אים מאַכן וכדומה. ירוחם האָט ר׳ מאירס תורה געשלונגען מיט גרויס התמדה און שנעל זיך אָריענטירט אויך אין דעם וואַלד מסחר. דער שווער האָט גרויס הנאה געהאַט פון זיין איידעם, האָט אים ממש שיער נישט פאַרצוקט פון גרויס ליבשאַפט. האָט אים ליב געהאַט ווי ער וואָלט געווען זיין זון און נישט זיין איידעם.

חוץ דאָנערשטיק און פרייטיק, ווען אין שטעטל זענען געווען די צוויי מאַרק־טעג, איז זיך ירוחם געזעסן אין גרויסן בית־המדרש און געלערנט, פלעגט נאָר אַהיימקומען ביי טאָג אויף אָנבייסן און ביינאַכט נאָך מעריב אויף וועטשערע. אַ סך מאָל, איבערהויפּט אין די ווינטער־נעכט פלעגט נאָך ירוחם אפילו נאָך וועטשערע צוריקגיין אין בית־מדרש און ווייטער זיצן און לערנען, סיידן ר׳ מאיר, דער שווער, האָט אים באַדאַרפט אין שטוב צו געוויסע גרויסע חשבונות. יוכבד האָט קיינמאָל גאָרנישט געזאָגט ירוחמען, פאַרוואָס ער זיצט שפּעט אין בית־מדרש. זי האָט זיך געפונען איר אַרבעט אין שטוב, האָט צוגעהאָלפן דער מאַמען אין דער באַלעבאַטישקייט, האָט פאַרריכט, פאַרצירעוועט, אויסגעגייט, געוועלגערט, ווי עס פירן זיך יידישע באַלעבאָסטעס. אין אַ שטוב פעלט דאָך קיינמאָל נישט קיין אַרבעט, מעגן זיין אפילו צען דינסטמיידלעך איז אָבער תמיד פאַראַן וואָס צו טאָן.

ירוחם האָט אַ צייט לאַנג נאָך דער חתונה אָנגעהויבן צו באַקומען פונקען פון מחשבות, פאַר וועלכע ער אַליין האָט זיך קודם שטאַרק דערשראָקן, תחילת האָט ער זיך באַמיט מיט אַלע כוחות די געדאַנקען צו פאַרטרייבן, אָבער שפּעטער האָט ער נישט געקענט באַין אופן די מחשבות בייקומען. עס זענען געווען הרהורים פון נאָכטראַכטענישן וועגן יצירת העולם, און בעיקר וועגן דער ראָל פון מענטש אויף גאָטס וועלט. פאַרוואָס זיין געפּענטעט צו דאָגמען, וואָס פירן דעם מענטשן אין די הימלען, בעת לעבן באַדאַרף מען אויף דער ערד? אַזעלכע מחשבות האָבן זיך אָנגעהויבן דורכצורייסן ביי ירוחמען אין מוח. ער האָט זיך דערשראָקן צום אָנהייב, סטייטש, ווי קומט עס צו אים, עס איז דאָך אפּיקורסות, און אפשר גאָר יצר הרע. ער האָט זיך נישט געקענט צום אָנהייב פונאַנדער־

קלייבן צווישן אפיקורסישע געדאַנקען און יצר הרע זאַכן. וואָס ווייטער, האָט ביי ירוחמען זיך געשטאַרקט די מחשבה פון נאָכטראַכטן, פון דורכ־קלערן, פון שטעלן שאלות. ער האָט עס חלילה נישט אָנגערופן קיין אפי־קורסות, נאָר האָט געפונען פאַר דעם אַן אַנדערן נאָמען, נעמלעך רעאַ־ליזם, קוקן אויף זאַכן מיט אָפענע אויגן און פאַרשטיין דברים כהויתן, — זאַכן אַזוי ווי זיי זענען, נישט יאָגן זיך מיטן אומפאַרשטענדלעכן אין די הימלען אַריין, נאָר זוכן צו פאַרשטיין אויף אַ רעאַלן באָדן, אויף דער ערד. אויך איבער דער הייליקער תורה זענען נישט די הימלען די באַלעבאַטים, נאָר די מענטשן, וואָס לערנען זי אויף דער ערד.

ווען ירוחם איז פאַרבליבן מיט זיין יוכבדן אַליין ביים פאַרמעגן, ביי די מסחרים, ביים גרויסן הויז, וואָס ר׳ מאיר און פייגע־זילפּע האָבן זיי איבערגעלאָזט, און דאָס ביסל, וואָס איז געבליבן נאָך פנחס־הערשן מיט רבקה־רחלען, איז ער שוין געווען פול מיט ספיקות. אָבער אַלץ במחשבה, אין דער פּראַקטיק אָבער האָט ער אָפּגעהיטן יידישקייט כדת וכדין, נישט אָפּנויגנדיק חלילה אויף אַ האָר, איין קלייניקייט, וואָס וועלן דען מענטשן זאָגן: געלוינט זיך פנחס־הערשן און רבקה־רחלען אַ לעבן אָוועקצוגעבן פאַרן גן־עדן־שטויסער, אַז ער זאָל זיי נישט לאָזן רואיק איינליגן אין קבר. ירוחם האָט נישט געקענט מעיז פנים זיין מענטשן, ער האָט אויך נישט געוואָלט חס ושלום אָנרירן דעם כבוד פון טאַטע מאַמע, דאָס אַליין וואָס מענטשן וועלן רעדן איז דאָך שוין גענוג, אַז זייער כבוד זאָל חלילה אָנגערירט ווערן. און צו דעם האָט זיין איידלקייט נישט דערלאָזט. האָט ירוחם ממשיך געווען דאָס הויז פון ר׳ מאירן און איז ווייטער געגאַנגען אין דרך פון זיין טאַטן.

טיף אין דער מחשבה איז ירוחם געווען געכאַפּט אין דער מעשה. בלב נסתר איז ער געווען מיט דער היינטיקער וועלט. בלב גלוי, פאַר דער עפנטלעכקייט, איז ער געגאַנגען אין דעם אַלטן דרך. אויפגעקלערט במחשבה, פאַנאַטיש במעשה.

אַז ירוחם איז געוואָרן אַ בא בימים, האָט אָנגעהויבן צו דערפילן עלטער, בעת ער האָבן אים אָנגעהויבן צו פייניקן פאַרשידענע מיחושים, יסורים האָבן געביסן זיין קערפּער, רפואות פון דאָקטוירים האָבן נישט געהאָלפן, מען האָט באַדאַרפט זיך געזעגענען מיט דער וועלט, און זיך

איבערטראָגן אין דער אייביקייט אַריין, אין דער וועלט פון נסתר, וואָס איז פאַרהוילן פאַר דעם מענטשלעכן געדאַנק, האָט ירוחם אָנגעהויבן אויף דאָס נײַ צו טראַכטן און באַטראַכטן. עפּעס האָבן זיך אָנגעהויבן בײַ אים באַווײַזן הרהורי תשובה, ער האָט אָנגעהויבן חרטה צו קריגן אויף זײַנע יאָרן פון ספּיקות. ירוחם האָט געזאָגט אַ יהי רצון צום רבונו של עולם, בײַ וועמען ער האָט געבעטן, אַז ער זאָל אים לאָזן שטאַרבן מיט אַ רואיק געוויסן, אַז ער זאָל זיך איבער אים דערבאַרעמען און וואָס שנעלער באַפרײַען פון די יסורים און אויסלייזן פון זײַן שווערער מחלה דורך איבערפירן אים וואָס גיכער אין דער אייביקייט אַריין און לאָזן אים אויסגיין אָן תשובה. לאָמיר, רבונו של עולם, שטאַרבן מיט מײַנע ספּי־קות — האָט זיך ירוחם געבעטן בײַ גאָט. לאָמיר, גאָטעניו, האָבן כשר און הערלעך פאַרדינט דעם עונש אויף יענער וועלט.

נאָך ירוחמס טויט האָבן מלאכים אין די הימלען צווישן זיך גערעדט, אַז ירוחם האָט דערגרייכט צו דער העכסטער מדרגה פון ת ש ו ב ה !

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין ארגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָוושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַז ג חורבן (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן ציישלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַ־קויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די יידן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — היימלאָזע יידן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט (אויספאַרקויפט)
23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן!
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע" יידן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פאליאקיעוויטש — א טאג אין טרעבלינקע
32) **מרדכי שטריגלער — אין די פאבריקן פון טויט**
33) **אברהם נחתומי — אין שאטן פון דורות**
34) **יחיאל לערער — מיין היים** (אויספארקויפט)
35) **יוסף וואלף — לייענענדיק פרצן...**
36) **צפורה** קאצענעלסאן־נאכומאוו — יצחק קאצענעלסאן
37) י. הירשהויט — פינצטערע נעכט אין פאוויאק
38) נחום סאקאלאוו — פערזענלעכקייטן
39) **רחל קארן** — היים און היימלאזיקייט (לידער)
40) **א. אלמי — מאמענטן פון א לעבן**
41) מנשה אונגער — פשיסכע און קאצק (אויספארקויפט)
42) **מ. בורשטין** — איבער די חורבות פון פלוינע
43) **מ. קיפניס** — הונדערט פאלקס־לידער (אויספארקויפט)
44) ז. סעגאלאוויטש — מיינע זיבן יאר אין תל־אביב (אויספארקויפט)
45) **ד״ר ה. שאשקעס** — א וועלט וואס איז פארביי... (אויספארקויפט)
46) שלמה וואגא — חורבן טשענסטאכאוו
47) **אברהם זאק — יארן אין וואנדער (לידער)**
48־49) **ש. איזבאן — פאמיליע קארפ** (אויספארקויפט)
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראטור־פאנד, מעקסיקע 1950)
50) **ד״ר א. מוקדוני — מיינע באגעגענישן (זכרונות)**
51) ר. שושנה־קאהאן — אין פייער און פלאמען (אויספארקויפט)
52) **י. י. טרונק — די יידישע פראזע אין פוילן**
53) **יאנאס טורקאוו** — אין קאמף פארן לעבן (אויספארקויפט)
54) **יצחק פערלאוו** — די מענטשן פון „עקזאדוס 1947" (ראמאן)
55) **פנחס ביזבערג** — שבת־יום־טובדיקע יידן
56־57־58) **שלום אש — פעטערבורג — ווארשע — מאסקווע**
59) **ד״ר פיליפ פרידמאן** — אשוויענטשים
60) **ב. ראזען** — טלאמאצקע 13
61־62) **דוד פלינקער — אין שטורעם (ראמאן)**
63) **יאנוש קארטשאק** — משהלעך, יאסעלעך, ישראליקלעך
64־65) **מרדכי שטריגלער — „ווערק צ״**
(פרעמירט דורכן האפער־לייב ליטעראטור־פאנד ביים
יידישן קולטור־קאנגרעס, בוענאס־איירעס, 1951)
66) **חיים גראדע** — שיין פון פארלאשענע שטערן
67) **רבקה קוויאטקאווסקא** — פון לאגער אין לאגער
68) **יואל מאסטבוים** — מיינע שטורמישע יארן (זכרונות)
69) **אליהו טראצקי** — גלות דייטשלאנד
70) **ד״ר י. שאצקי** — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספארקויפט)
71) **נחמן מייזיל** — געווען אמאל א לעבן... (אויספארקויפט)
72) **י. י. טרונק** — סימכע פלאכטע פון נארקאוו (אויספארקויפט)
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראטור־פאנד, מעקסיקע 1951)

73) **יהודה עלבערג** — אונטער קופערנע הימלען (**אויספאַרקויפט**)
(**פרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאַנד אין סאַן־פּאַולאָ, בראַזיל, 1951**)
74) **ד״ר א. מוקדוני** — אויסלאַנד
75) **זיגמונט טורקאָוו** — פראַגמענטן פון מיין לעבן
76) **יהושע פערלע** — יידן פון אַ גאַנץ יאָר
(פרעמירט מיט דער פּרץ־פּרעמיע פון יידישן פּען־קלוב אין פּויל.
און ליטעראַטור־פּרעמיע פון „בונד״ אין פּוילן, וואַרשע 1937)
77) **יעקב לעשצינסקי** — ערב חורבן
78) **דניאל טשאַרני** — ווילנע
79) **ז. סעגאַלאָוויטש** — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן
80) **יזכור־בוך** — בעלכאַטאָוו (**אויספאַרקויפט**)
81) מ. י. שעליובסקי — אויף אַ פולער יואַך
83—82) **יצחק פערלאָוו** — דער צוריקגעקומענער (**ראָמאַן**)
84) **יוסף אַקרוטני** — דאָס בוך פון די עלנטע
85־86) **מרדכי שטריגלער** — גורלות
87) **ד״ר יוסף טענענבוים** — גאַליציע — מיין אַלטע היים
88) זלמן שזר — שטערן פאַרטאָג (**זכרונות**)
89) משה דוד גיסער — דאָס געזאַנג פון אַ לעבן (**אויספאַרקויפט**)
90) ז. י. אנכי — ר׳ אבא און אַנדערע כתבים
91־92) עמנואל רינגעלבלום — קאַפּיטלען געשיכטע
93) שמעון האָראָנטשיק — אין גערויש פון מאַשינען (ראָמאַן)
94) **גרשם באַדער** — מיינע זכרונות (קראָקע)
95—96) **יאַנאַס טורקאָוו** — פאַרלאָשענע שטערן (**זכרונות**)
(**פרעמירט דורכן צבי קעסעל ליטעראַטור־פאַנד, מעקסיקע 1954**).
97—98) **אַלטער קאַציזנע** — שטאַרקע און שוואַכע (**ראָמאַן**)
99) **פּועה ראַקאָווסקי** — זכרונות פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערין
100) **מאַרק טורקאָוו** — די לעצטע פון אַ גרויסן דור
101) **י. הירשהויט** — יידישע נאַפט־מאַגנאַטן
(פרעמירט דורכן מרדכי סטאָליאַר ליטעראַטור־פאַנד, ביי „די אידישע צייטונג״,
בוענאָס־איירעס, 1955).
102) **משה זאַנשיין** — יידיש וואַרשע
103) **פ. מינץ** (אַלעקסאַנדער) — די געשיכטע פון אַ פאַלשער אילוזיע
104) — **י. י. טרונק** — די וועלט איז פול מיט נסים (**ראָמאַן**)
105־106־107) — **מיכאל באָרוויטש** — אַרישע פאַפּירן
108־109) **מרדכי שטריגלער** — געאָרעמט מיטן ווינט (**ראָמאַן**)
110־111) ד״ר א. מוקדוני — וואַרשע און לאָדזש.
112) **ברוך האַגער** — מלכות חסידות
113) **ב. שעפנער** — נאָוואָליפּיע 7 (**זכרונות**)
114) **פנחס שטיינוואַקס** — יידן צום גדענקען

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

מאַקס וויינרייך — פוןביידע זייטן פּלויט (**וועגן אורי קאָוונער**)
ש. בערלינסקי — ירושה
ד״ר יוסף טענענבוים — צווישן מלחמה און שלום

פּרעסע־אָפּרופן וועגן דער ביכער־סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

יצחק יאַנאַסאָוויטש, שרייבט וועגן משה זאַנשיינס בוך „יידיש וואַרשע" („די נייע צייט", בוענאָס איירעס, 11טער מערץ 1955):

איינצלנע בילדער פון בוך „יידיש־וואַרשע" האָב איך נאָך געלייענט ווען איך בין געווען אין וואַרשע. דאָס איז געווען אין יאָר 1947. פון פּאַריז זענען דעמאָלט אָנגעקומען יידישע צייטונגען אין וועלכע איך האָב געפונען אַ נאָמען פון אַ נייעם יידישן שרייבער — משה זאַנשיין -- וואָס איז ביז דעמאָלט געווען כמעט אומבאַקאַנט. איך געדענק, אַז די בילדער פון אַמאָליקן יידישן וואַרשע אויפן פאָן פון דער נאָך־מלחמהדיקער חורבה פון יידיש־וואַרשעווער לעבן האָבן געמאַכט אויף מיר אַזאַ גוטן איינדרוק, אַז דער נאָמען פון זייער שרייבער האָט זיך מיר תיכף איינגעקריצט אין זכרון און איך האָב אין אים דערזען איינעם פון די וואָס זענען מיט זייער פעדער בכוח אויפצולעבן אין וואָרט די פאַרשוווּנדענע יידישע וועלט, אַזוי אַז זי זאָל בלייבן אין אונדזער געדעכעניש און נישט אָפּגעווישט ווערן דורך דעם מלאך פון שיכחה, וועלכער גייט געוויינלעך כמעט שטענדיק אין די פיס־טריט פון דעם מלאך־המוות. די בילדער פון געוועזענעם יידישן וואַרשע האָבן פאַראינטערעסירט מיט דער קענטשאַפט פון יידיש־וואַרשעווער לעבן אין וועלכן זייער מחבר איז געווען אויסגעוויקט. זיי האָבן אויך פאַרכאַפּט מיט דער לירישער בענקשאַפט און ליבשאַפט צו דעם פאַרשניטענעם עבר און זיי האָבן, ועל כולם, געמאַכט אַן איינדרוק מיט דער קלאַנגיקייט פון יידיש פּוילישן לשון וואָס דער שרייבער האָט באַנוצט ביים מאָלן און שילדערן, סיי די רעשיקע יידיש־וואַרשעווער גאַס, סיי די באַזונדערע טשיקאַווע טיפּן און געשטאַלטן וואָס האָבן די דאָזיקע גאַס באַפעלקערט.

דאָרט, איז דעם נאָך־מלחמהדיקן וואַרשע, ווען אַ הייפל יידן האָבן נאָך מיט זייערע לעצטע כוחות זיך באַמיט צו דערהאַלטן דעם זכר פון יידישקייט אין דער אַמאָל־גרעסטער פעסטונג פון יידיש לעבן אין פּוילן, האָבן די קערנדיקע, געשמאַקע בילדער פון משה זאַנשיין גערעדט צום געמיט מיט אַ באַזונדערער אויסשפּראַך: זיי האָבן מיט אַזויפיל נאָענטקייט און נשמהדיקער פאַרבונדנקייט גערעדט וועגן דעם מת, דעם וואַרשעווער יידנטום, אַז עס האָט זיך אויף אַ רגע אויסגעדוכט, אַז עס וועט געשען אַ נס און דער טויטער וועט זיך אויפהייבן פון קבר און מיר וועלן דערזען, אַז ער איז גאָרנישט געשטאָרבן. אַזאַ געפיל האָבן אַ סך

מאָל די נאָענטע אויפן פרישן קבר פון אַן אומגעריכט פאַרלוירענעם, ווען זיי הערן ריידן וועגן דעם, וואָס איז אָקאָרשט אַוועק מיט רייד וואָס מאָלן און שילדערן אים גלייך ווי ער וואָלט נאָך אַלץ געלעבט.

אין פּאַריז, ווו איך בין געקומען נאָך דעם ווי עס איז פאַרלאָשן געוואָרן די גרויסע אילוזיע צוריק איינצוואָרצלען זיך אין דער פּוילישער ערד דורך אַ נייעם אויפגאַנג פון יידיש לעבן, האָב איך געטראָפן און זיך באַקענט מיט דעם מחבר פון די „וואַרשעווער בילדער" און איך האָב פאַר זיך דערזען איינעם פון די שרייבער, וואָס די איבערלעבונגען פון זייער צייט האָבן זיי אויסגעריפט און אָנגעפילט מיטן באַוווּסטזיין פון זייער שעפערישער שליחות. עס זענען געווען אַ סך שרייבנדיקע מענטשן אין פאַר־מלחמהדיקן פּוילן, וואָס האָבן דעם וועג צו זיך נישט געפונען און במילא אויך נישט געפונען דעם וועג צו דער ליטעראַטור צו וועלכער עס האָט זיי געצויגן. ערשט די מלחמה און דער טרויעריקער סוף פון יידישן לעבן אין פּוילן האָט זיי רייף געמאַכט מיט אַן אומעטיקער צייטיקייט. משה זאָנשיין איז געווען איינער פון אָט די נאָך־מלחמה־טאַלאַנטן, וואָס האָבן אָפּגעפונען דעם וועג צו יידישן וואָרט נאָך דעם ווי ער, און מיר אַלע, האָבן פאַרלוירן אַ גרויס יידיש לעבן. זאָל דערביי געזאָגט ווערן, אַז עס זענען פאַראַן שרייבער, וואָס קענען די ריכטונג פון ליטעראַטור־שטראָם אַ דריי־טאָן אין זייער צייט און דורך דעם נתגלה ווערן ווי שרייבער. עס זענען אָבער פאַראַן אַנדערע, וואָס כדי נתגלה צו ווערן מוז זיך דער ליטעראַטור־שטראָם אַליין אַ דריי־טאָן אין דער ריכטונג פון זייער שרייבן און ערשט דעמאָלט קענען זיי אַרויסשווימען אויף דער אויבערפלאַך אַזוי, אַז מיר זאָלן דערזען זייערע ווערטן און זייערע קוואַליטעטן.

משה זאָנשיין געהערט צו די לעצטע שרייבער. זיין שעפערישער כוח איז דערזען געוואָרן ערשט נאָך דעם ווי די יידישע ליטעראַטור האָט אויסגעדרייט איר פּנים צו דעם לעבן פון וועלכן זי האָט זיך אַמאָל אָפּגעקערט. ערשט דעמאָלט ווען דאָס יידישע וואַרשע האָט שוין געהערט צו דער פאַרגאַנגענהייט האָבן משה זאָנשיינס „וואַרשעווער בילדער" אָנגעהויבן אויפשיינען אין אונדזער ליטעראַטורס קעגנוואַרט. אין מיינע באַגעגענישן מיט זאָנשיינען, סיי אין פּאַריז, סיי שפּעטער אין ישראל, ווו ער געפינט זיך איצט, האָב איך אַ סך מאָל גערעדט מיט אים וועגן דעם, אַז זיינע בילדער און רעפּאָרטאַזשן דאַרפן, לויט מיין איבערצייגונג, וואָס גיכער געזאַמלט ווערן אין די טאָוולען פון אַ בוך, כדי אַזוי אַרום זיך אַריינצומויערן מיט אַ ווערטפולן ציגל אין דעם בנין פון אונדזער חורבן־ליטעראַטור, וואָס דערהאַלט אין פאָלקס־זכרון נישט בלויז דעם חורבן, נאָר אויך דאָס וואָס איז חרוב געוואָרן, עס האָט אָבער געמוזט נעמען אַ שטיק צייט, כמעט זיבן יאָר, ביז די דאָזיקע איינזאַמלונג איז מעגלעך געוואָרן אַ דאַנק דעם אָרגעניזי־

נער פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום“ אין וועמענס פּאָזיציע די דאָזיקע אויפגאַבע פיגורירט ווי די 2טע פון דעם צווייטן הונדערט, וואָס דער פאַרלאַג האָט זיך איצט גענומען רעאַליזירן.

***

משה זאַנשיינס בוך „יידיש־וואַרשע“ איז אַ מזמור שיר צום אַמאָליקן יידישן לעבן אין דער פּוילישער הויפּטשטאָט. עס איז אַ שילדערנדיק געזאַנג פון דעם דאָזיקן לעבן, וואָס איז אויף אַזאַ אכזריותדיקן אופן פאַרשניטן געוואָרן.

דורך דעם בוך גייען ווידער אויף די אַמאָליקע יידישע גאַסן פון וואַרשע — גאַסן וואָס זייערע נעמען זענען אפשר נאָך געבליבן, אָבער זייער ספּעציפיש פּנים, זייער אייגנאַרטיקער קאָלאָריט און זייער איינציקאַרטיקער ריטם געהערט שוין צו דער טרויעריקער פאַרגאַנגענהייט.

משה זאַנשיין שילדערט דאָס אַמאָליקע יידישע לעבן אין וואַרשע ווי אַ מענטש, וואָס דערציילט וועגן דער לעבעדיקער גרויסקייט און שיינקייט פון דעם וואָס איז געשטאָרבן.

און זייער אָפט פאַרכאַפּט אונדז זיין לעבעדיקע שילדערונג אַזוי שטאַרק, אַז מיר פאַרגעסן, אַז דאָס אַלץ געהערט שוין צום טויט.

אין זיינע בילדער לעבט וואַרשע ווייטער.

עס לעבט דער „זאַיאַזד“ אויף באַניפראַטן־גאַס מיט זיין הו־האַ פון פאַרטאָגיקע קולות, וועלכע עס ברענגען די אָנגעפּאַקטע בוידן מיט פראָווינצער סוחרים, קליינשטעטלדיקע יונגעלייט און שעמעוודיקע מיידלעך וואָס זענען פון די שטעטלעך געקומען קיין וואַרשע זוכן זייער גליק.

די פּראָווינצער אין וואַרשע — דאָס זענען די טייכן און טייכלעך, וואָס האָבן זיך אַריינגעגאָסן אין גרויסן וואַרשעווער יידישן ים.

עס לעבט די נאַלעווקעס מיט איר שרייענדיקן האַנדל און עס לעבט די פראַנציסקאַנער־גאַס מיט אירע געזונטע פּלייצע־טרעגער און באַלעבאַטיש־מיושבדיקע פּרנסות. עס לעבט די שמאָלע מילע מיט איר גראָשנדיקער קרעמערישקייט און עס לעבט די סמאָטשע מיט איר אָרעמקייט. ווער קען דען אויסרעכענען די אַלע גאַסן און געסלעך, וואָס יעדע פון זיי האָט געהאַט איר אייגענע פּאַרב אין גרויסן וואַרשעווער יידישן לעבנגעמעל און יעדע פון זיי האָט אַרויסגעברענגט איר אייגענעם טאָן אין דער גרויסער וואַרשעווער יידישער עקזיסטענץ־סימפאָניע?

און אויף די אויפגעלעבטע וואַרשעווער גאַסן, אויפגעלעבטע דורכן כוח פון יידישן וואָרט אין משה זאַנשיינס בוך, באַוועגן זיך ווידער די אַלערליי יידן וואָס האָבן באַפעלקערט די שטאָט: יידן פון בתי מדרשים און חסידישע שטיבלעך, יידן פון סמאָטשער טעאַטער, פון ברעסלערס ביבליאָטעק, פון דער דייטשישער שול, פון דער מסיבתא, פון די יידישע צדקה חברות אאַז״וו, אאַז״וו.

עס לעבט ווייטער דער יידישער שטייגער, דער יידישער דין, דער יידישער מנהג, דער יידישער קאַמף

פאַר עקזיסטענץ, די יידישע מאָראַל, די יידישע שיינקייט. אפילו די אויסקרימענישן פון יידישן גרויסשטאָט־זיין לעבן ווייטער און אַנטפּלעקן זיך אין דעם אקאָרד־פינאַל פון בוך, אין דעם בילד „מען פירט יאַכעטלען צו דער חופה״, וואָס ווייזט אויף אַ גראָטעסקן אופן די שיין פון יידישער עטיק אין דער איבערגעבראָכענער פריזמע פון נייע גרויסשטאָט־פאַרהעלטענישן, וועלכע האָבן זיך פאַרמירט אין דער פעריפעריע־סביבה פון יידיש־וואַרשעווער עקזיסטענץ.

און דאָס איז, דאַכט מיר, די גרעסטע מעלה פון משה זאָנשיינס בוך: ער האָט געוואָלט דערציילן און באַוויינען אַ לעבן, וואָס איז שוין טויט און ער האָט מיט זיין טרויעריקן ליבשאַפטס־געזאַנג און מיט זיין מאָלערישן שילדערונגס־טאַלאַנט דאָס טויטע מחיה מתים געווען, דאָס פאַרשניטענע ווידער־אויפגעלעבט און דאָס פאַרגאַנגענע ווידער היינטצייטיק געמאַכט, ווען אפילו נאָר אין דער וואָרט־אילוזיע, וואָס שימערט אויף די בלעטער פון אַ יידיש בוך.

* * *

משה זאָנשיין פאַרמאָגט אַ גוטע אָבסערוואַציע, אַ גוטן זכרון און אַ לעבעדיקע, זאַפטיקע יידישע שפּראַך.

די דאָזיקע דריי זאַכן מאַכן פון זיינע רעפּאָרטאַזשן אַ סך, אַ סך מער ווי דאָס, וואָס מיר זענען געוווינט צו טרעפן אין דעם דאָזיקן זשאַנער.

זיי מאַכן, אַז זיין „יידיש־וואַרשע״ זאָל אַריינגיין אין דעם גרויסן בנין פון אונדזער ליטעראַרישער פאַראייביקונג, וואָס דורך איר וועט דאָס יידישע לעבן אין וואַרשע ווידער־אויפגיין אין דער נייער יידישער עקזיסטענץ מיט דער שיינקייט און גרויסקייט פון איר אַמאָליקן איינהאַלט און אירע געוועזענע פאָרמען.

די קינסטלערישע געשטאַלטיקונג פון פאַרשניטענעם יידישן לעבן אין פוילן, וואָס נאָר דורך איר וועט דערהאַלטן ווערן אין אונדזער פאָלקס־געדעכעניש די פאַרביקע שיינקייט פון דעם דאָזיקן לעבן, האָט באַקומען אין דעם בוך פון משה זאָנשיין אַ ווערטפולן צושטייער. עס איז אַ בוך אָן גרויסע פּרעטענזיעס, אָבער מיט אַ גרויסן באַדייט.

COLECCION

"EL JUDAISMO POLACO"

DIRECTOR:

MARC TURKOW

DIRECCION ADMINISTRATIVA:

ABRAHAM MITELBERG

Volumen 114

Capyright by, P. SZTAJNWAKS, New York

IMPRESO EN LA ARGENTINA

PRINTED IN ARGENTINA

The publication of this volume was made possible by a grant from the Cultural Fund of the Conferente on Jewish Material Claims Against Germany.

Hecho el depósito que marca la Ley

Este libro se terminó de imprimir el día 30 de Junio de 1955, en los Tall. Gráf. JULIO KAUFMAN, S. R. L. Corrientes 1976, Buenos Aires

P. SZTAJNWAKS

JUDIOS PARA EL RECUERDO

Editado por la
Unión Central Israelita Polaca en la Argentina
Buenos Aires, 1955